STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05349

DOS NAKETE YOR

Boris Pilniak

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

471-א

באָר. פּילניאַק

דאָס נאַקעטע יאָר

ראָמאַן

פון רוסיש: י. ראַפּאָפּאָרט

מיט אַ פאָרוואָרט פון איבערזעצער

אין יאָרן חרובע געבאָרן
געדענקען מיר נישט אונזער וועג.
אונז ברענען אייביק אין זכרון
רוסלאַנדס אימהדיקע טעג.

א. בלאָק

פאַרלאַג ח. בזשאָזא

וואַרשע / 1929

PRINTED IN POLAND

BOR. PILNIAK
NAGI ROK

WYD. CH. BRZOZA
GĘSIA 25
WARSZAWA—1929

DRUKARNIA „B-ci LEWIN-EPSTEIN i S-ki" WARSZAWA, PAWIA 38.

CLUB OF SASKATOON
קולטור
סאסקאטון

באָריס פּילניאַק.

(באָריס אַנדרעעוויטש וואָגאַאו)

באָריס פּילניאַק, אַ זון פון אַ דייטשישן קאָלאָניסט אין רוסלאַנד, איז געבוירן אין 1894. די ערשטע דערציילונגען האָט ער אָפּגעדרוקט אין 1915, אָבער זיינע ערשטע פעסטע ליטעראַרישע טריט פאַלן אויס צוזאַמען מיטן וועלט-דערשיטערנדיקן רעש פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער געהער צו די אַזויגערופענע „פּאָפּוטשיקעס" (מיטגייער, מיטלויפער פון דער רעוואָלוציע). נישט ער האָט זיך אָפּגעקערט פון דער רעוואָלוציע, נישט ער האָט זי אָנגענומען מיטן גאַנצן האַרצן. ער איז אַזוי ווי אַוועקגעשליידערט געוואָרן דורך איר אין אַ זייט, אָבער נישט אין אַ קעגנגעזעצטער ריכטונג, נאָר אין דערזעלבער ווי זי איז געגאַנגען. זי האָט אים דערשיטערט, איבערראַשט און ער גייט מיט איר אויף איר וועג, פון אַ זייט, באַאָבאַכטנדיק און רעזאָנירנדיק, אָבער נישט מיטאַרבעטנדיק, נישט פילנדיק זי פון אינעווייניק. צום בעסטן האָט דאָס אויסגעדריקט טראָצקי אין זיין בוך "די ליטעראַטור און די רעוואָלוציע", (אגב אורחא שטאַמט פון טראָצקין דאָס פּאָפּולער-געוואָרענע וואָרט „פּאָפּוטשיק").

„ווייס דען פּילניאַק, וואָס אייגנטלעך עס ווערט געבוירן אין די רעוואָלוציאָנערע ליידן? ניין, ער ווייס נישט. ער האָט פאַרשטייט זיך געהערט (ווי אַזוי זאָל מען נישט הערן), אָבער איבערלעך גלויבט ער נישט. פּילניאַק איז נישט קיין קינסט-

לער פון דער רעוואָלוציע, נאָר בלויז איר קינסטלערישער מיטלויפער... די קומענדיקע דורות וועלן רעדן וועגן די „שענסטע טעג” פון דער מענטשהייט (דאָס האָט געשריבן פּילניאַק. י. ר.). גוט: אָבער פּילניאַקס אָרט גופא אין דידאָזיקע טעג? אומקלאָר, פאַרנעפּלט, צווייזייטיק. איר זעט נישט כמעט ביי פּילניאַקן קיין רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער, און, דער עיקר, מיט זיינע אויגן קוקט נישט דער מחבר, און ער קען נישט קוקן, אויף דאָס, וואָס עס קומט פאָר. אָבער אין „נאַקעטן יאָר” קוקט ער אויף דעם לעבן מיט די אויגן פון זיינע פאַרשיידנסטע פּערסאָנאַזשן, וואָס זענען אויך דורך און דורך מיטלויפער פון דער רעוואָלוציע”.

מיט דעם דערקלערט זיך פּילניאַקס אייגנאַרטיקע פילאָזאָפיע פון דער רעוואָלוציע, זיין נייער אַרט סלאַוויאַנאָפיליזם (אַ רוסישע באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט פאַרמויערן דעם פענסטערל אין אייראָפּע, וועלכן פּיאָטר דער גרויסער האָט אויסגעהאַקט, אַ באַוועגונג, וואָס האָט אַקעגנגעשטעלט אייראָפּע — דאָס רויע, אָבער אייגנאַרטיקע, „הייליקע” רוסישן לעבן). ער זעט די רעוואָלוציע פון אויסן, אירע פאָרמען, אָבער ער פילט נישט איר אינהאַלט, ער זעט דאָס בונטע געוועב פון די געשעענישן און עס שווינדלט אים פאַר די אויגן — אַ כאַאָס, און ער מוסטערט אויס אין דאָזיקן כאַאָס, אין זיין גרויס צעטומלטקייט, אַ פילאָזאָפיע, וואָס גיט אים אַן אָנשפּאַר אין דאָזיקן ווירבל־שטורעם, אַן אויסטייטשונג פאַרן וויכער פון געשעענישן.

פאַר פּילניאַקן איז די רעוואָלוציע אַ בונט פון דאָס עכט רוסישע, פון רוסישן דאָרף, פון רוסישן פויער קעגן דער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, וואָס האָט מיט אַ דינעם, אויבערשטן שיכט באַדעקט דאָס רוסישע לעבן. די רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעקראַצט דידאָזיקע אויבערשטע שיכט פון פּיאָטר דעם גרויסנס פּאָליטור, ווי מ׳קראַצט אַראָפּ אַ פאַרטריקנטע טויטע הויט, און דאָס רוסישע לעבן, אַ באַפרייטס, האָט זיך אַ לאָז געטאָן, ווי אַן אָפּגעלאָזענע פרוזשינע, אין זיבעצנטן

יאָרהונדערט אַריין. די רעוואָלוציע איז פאַר פּילניאַקן אַ קאַמף פון רוסישן אור-אַלטן שטייגער מיט דער אייראָפּעאישער קאַפּע-לויש-קולטור, אַ קאַמף פון רוסישן דאָרף מיט דער אייראָפּעאי-זירטער שטאָט. פּעטערבורג איז אַ „לישאַי" אויפן רוסישן קער-פּער, זאָגט אַ סעקטאַנט אין „נאַקעטן יאָר". און דעמדאָזיקן „לישאַי" האָט די רעוואָלוציע אָפּגעקראַצט.

דידאָזיקע הויפּט-טעמע פון פּילניאַקס געדאַנקענגאַנג גע-פינט איר אויסדרוק אין אַ סך ווערק פון באָריס פּילניאַקן, אָבער אין „נאַקעטן יאָר" קומט זי צו אַ באַזונדערס בולטן אויסדרוק אין אָן אַ שיעור וואַריאַציעס. דידאָזיקע פאָר ווער-טער וועגן פּילניאַקס רעוואָלוציע-פילאָזאָפיע (וועלכע האָט אַנ-דערע רוסישע קריטיקער געבראַכט צום אַבסורדן געדאַנק, אַז פּילניאַק איז נישט קיין קינסטלער, נאָר אַ פּובליציסט, וואָס אַרבעט מיט קינסטלערישע מיטלען) וועלן העלפן דעם לייענער זיך פאַנאַנדערקלייבן אין אַ סך ערטער פון דאָזיקן בוך, וואָס איז אָפּטמאָל נאָך טונקעלער, ווי זיין טונקלסטע טייל פון זיין טריפּטיך, ווייל זיך אָפּשטעלן געגויער אויף דעם איז אוממעגלעך אין די ראַמען פון אַ פאָרוואָרט.

צי איז פּילניאַק גערעכט מיט זיין פילאָזאָפיע? דידאָזיקע פראַגע האָט, לויט מיין מיינונג, קיין שום ווערט נישט, סיידן פאַר די, וואָס נעמען ערנסט פּילניאַקן אָדער פאַר אַ פּובלי-ציסט, אָדער פאַר אַ פילאָזאָף. אין דאָזיקן לעצטן פאַל האָט אַ זין צו פּאָלעמיזירן, אָנווייזן אויף פלאַכקייטן, אויף אומזינני-קייטן, אויף טעותן, וואָס קומען פון אומפאַרשטענדעניש. אָבער די, וואָס באַטראַכטן פּילניאַקן בלויז פאַר אַ קינסטלער, נעמען אָן זיין טעאָריע בלויז אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל ער שאַפט דורך איר קינסטלערישע סוגעסטיעס, אויף וויפל עס ליגן אין איר אינסטינקטיווע אמתן, וואָס לאָזן זיך דורכן קלאָרן פאַר-שטאַנד נישט פאַנאַנדערלייגן. און צוליב דידאָזיקע שטאַרקע, קינסטלעריש-שעפערישע מאָמענטן פון זיין לויפן צום זיבעצנטן יאָרהונדערט, צו דער טיפעניש פון רוסישן גייסט- און לעבנס-שטייגער איז מען אים מוחל זיין הילפלאָזע אויסגעהאַלטנקייט

אין דורכפירן זיין טעמע מיט דער הילף פון קאָמישן, מאַסקעראַד־אַרטיקן אַרכיעפּיסקאָפּ סילוועסטער־אָרדינין.

ווי עס ווייזט אויס, בלייבט פּילניאַק נישט שטיין פאַרגליווערט אויף זיין דאָזיקן שטאַנדפּונקט, ער נעמט זיך באַוועגן אויך אַרום אַנדערע פּונקטן. דאָס ווייזן זיינע „מאַשינעס און וועלף״, ווי אויך די טאַיעזשעווער פאַבריק אין „נאַקעטן יאָר״ — אַחוצן זיבעצנטן רוסישן יאָרהונדערט באַמערקט ער אויך די מאַשין פון ניינצנטן און צוואַנציקסטן אייראָפּעאישן יאָרהונדערט, אָבער אָפּשטעלן זיך אויף דעם איז איבעריק, ווייל ביי פּילניאַקן איז אוממעגלעך צו געפינען אפילו קינסטלערישע איינהייטלעכקייט, פעסטע ליניע, קלאָרקייט, בפרט אינטעלעקטועלע, געדאַנקלעך-באַגריפלעכע.

מיט אַ פינף־זעקס יאָר צוריק איז פּילניאַק געשטאַנען אין צענטער פון דער יונגער רוסישער ליטעראַטור. זיין נאָמען איז געווען דער שטאָלץ פון דער יונגער רוסישער פּראָזאַ. באַזונדערס האָט אים באַרימט געמאַכט זיין בוך „דאָס נאַקעטע יאָר״. איצט אָבער איז פּילניאַקס שטערן אַביסל פאַרטונקלט געוואָרן, ער ווערט שטאַרק קריטיקירט פון יונגע רוסישע קריטיקער, וועלכע דערגייען אין זייער קריטיק אַזוי ווייט, אַז פון נעכטיקן וואָרט-זאָגער פון דער רוסישער ליטעראַטור ווילן זיי מאַכן אַ פאַראָדיע, אַ מיספאַרשטענדעניש. איך קען דאָ נישט איבערגעבן אַלע טענות און אַלע לויב-געזאַנגען, וואָס מ׳האָט צו פּילניאַקן און וועלכע מען זינגט פאַר אים, און אויססאָרטירן פון זיי די גערעכטע און פאַרדינטע און אָפּוואַרפן די אומגערעכטע און אומפאַרדינטע. מען קען אָבער מיט אַ רואיקן געוויסן זאָגן, אַז פּונקט ווי די לויב-זינגער, זענען אויך נישט אינגאַנצן גערעכט די, וואָס זעען אין אים גאָרע חסרונות. פּילניאַק האָט אַ סך חסרונות. די עיקרדיקע פון זיי: זיין סטיל איז צופיל געקינסטלט (ער איז אַביסל אַן אויסגעגליטשטער שילער פון גרעסטן אומפאַרגלייכלעכן רוסישן פּראָזאַ-סימבאָליסט — אַנדרעי בעלי), זיינע פערזאָנען האַנדלען נישט און ריידן נישט — פּילניאַק דערליידיקט פאַר זיי דאָס אַלץ, זיי זענען בלויז באַ-

וועגלעכע סימבאָלן אין זיינע מייסטער-העגס, ער פאַלט אַריין אין קאָמישע עקסטרעמען און מאָדערניסטישע בפיונדיקע קאָמבינאַציעס. אָבער מען קען פונדעסטוועגן נישט לייקענען, אַז דידאָזיקע חסרונות קומען נישט תמיד צום אויסדרוק, נישט אין אַלע ווערק און נישט אין אַ גלייכער מאָס. דאַקעגן מוז מען אָבער מודה זיין, אַז פילניאַק באַזיצט אַ גרויסע מייסטערשאַפט ביים אַרויסרופן שטימונגען. זיין סטיל איז אַזוי אָנגעלאָדן מיט עמאָציעס, אַז ער סוגעסטירט דעם לייענער מיט אַ קראַפט, וועלכע רופט אַרויס דערנאָך שטוינונג ביים דאָזיקן לייענער, ווען ער קלייבט זיך פאַנאַנדער אין אַ צייט אַרום אין זיין שטימונג. אַמבעסטן גיבן זיך איין פילניאַקן די ערטער אין זיינע ווערק, ווו ער רופט אַרויס שטימונגען דורך זיינע שילדערונגעז, דורך דערציילן, ווו זיינע מענטשן רעדן נישט דירעקט (דאָרט ווו זיינע פערסאָנאַזשן רעדן שטייגערדיק גיט זיך אים יאָ איין צו שילדערן טיפן). דעריבער זענען אַזוי וווּנדערבאַר שיין זיינע דערציילונגען וועגן חיות (וועגן סאָוועס, וועלף). ער סוגעסטירט אונז זייערע שטימונגען, אונז דאַכט זיך, אַז מיר הערן די געדאַנקען פון די חיהשע מחות און ער האָט נישט מיט וואָס צו צעשטערן אונזער אילוזיע. און דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס פילניאַק איז אין גרונד גענומען אַ דיכטער און זיינע ווירקונגס-מיטלען זענען דיכטערישע. דאָרט ווו ער בלייבט געטריי זיין טאַלאַנט איז ער גרויס, שטאַרק, אָפטמאָל אומפאַרגעסלעך, דאָרט ווו ער וויכט אָפּ פון זיין אייגנטלעכן טאַלאַנט — איז ער אַן אויסגעגלישטער מייסטער פון סטיל, פון סיטואַציעס, פון קאָמבינירטע מענטשן-מאַריאָנעטקעס און מער נישט.

„דאָס נאַקעטע יאָר” ווערט אָנגערופן ראָמאַן. אָבער איך ספק צי עס איז דאָ נאָך אַ ראָמאַן (אַ חוץ פילניאַקס אַנדערע ראָמאַנען „דריי הויפּטשטעט”, „מאַשינען און וועלף”), וואָס זאָל אַזוי ווינציק פאַרדינען דעמדאָזיקן נאָמען. זוכט דאָרט נישט קיין איינהייטלעכקייט פון פערזאָנען און אַקציע. עס דאַכט זיך אַמאָל, אַז מען קען איבערבייטן די נעמען פון די פערזאָנען

און מען זאָל גאָרנישט דערקענען. חוצדעם איז דאָס גאַנצע בוך צונויפגעהעפט פון דערציילונגען, וואָס זענען געדרוקט געווען אין פאַרשיידענע צייטן. אָפטמאָל פּרובירט זיך פּילניאַק זיי פאַרבינדן (און נישט יעדעס מאָל אויף אַ גאָר געלונגענעם אופן און טיילמאָל אפילו אויף אַ גאָר אומגעלונגענעם, ווי, למשל: פאַרבינדן אַנדרעי וואָלקאָוויטשן אָדער געלב אָרדיגינען מיטן באַאַמטן אויפן „ראַזיעזד מאַר") אָבער אַמאָל פּרובירט ער זיך דאָס אויך נישט. צווישן דידאָזיקע דערציילונגען זענען דאָ זאַכן פון גרויסן קינסטלערישן ווערט, ווי דער טויט פון אַרכיפּ אַרכיפּאָוו, די פאַרטרייבונג פון פירשט באָריס אָרדינין פון זיין גוט פּאָרעטשיע, די שילדערונג פון אַלטן לעבנסשטייגער אין דער שטאָט אָרדינין. עס זענען דאָ מעכטיקע לידער אין פּראָזע ווי די פראַגמענטן „מיט אירינאַס אויגן". די צונויפגעשטויקעוועטע דערציילונגען פון נישט געלונגענעם (אין קאָנסטרוקטיוון זין) ראָמאַן זענען פון פאַרשיידענעם ווערט, אָבער איינס בינדט זיי צונויף: די צייט, וועלכע ווערט דאָרט געשילדערט: „דאָס נאַקעטע יאָר", די גרויזאַמע צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, געזען דורך פאַרשיידענע מענטשן און פון פאַרשיידענע פונקטן. דערדאָזיקער מאָמענט האָט געווירקט, אַז אַ סך באַטראַכטן דאָס „נאַקעטע יאָר" אַלס עפּאָפּייע פון יענער צייט. דאָס איז לחלוטין נישט ריכטיק. פאַר אַן עפּאָפּייע פון אַזאַ העראָאיש-טראַגישער צייט האָט פּילניאַק צו ווינציק געזען, צו איינזייטיק און צו אויבערפלעכלעך איז געגעבן דאָס, וואָס ער האָט יאָ געזען. מיר האָבן דאָ נישט דעם שטורעם פון דער צייט, מיר ווערן נישט אַריינגעוואָרפן אין אירע קאָכעדיקע, רייסנדיקע כוואַליעס. מיר זעען אָבער איר אינטימע אָפּשפּיגלונג אין אַ סך מאָמענטן, מיר זעען איר אויסמעסטונג אין דער פלאַך — אויב נישט אין דער טיף.

אָבער ביי אַלע אויסגערעכנטע חסרונות (איך האָב נישט אויסגערעכנט אַלע, דאָס וואָלט געפאָדערט אַ גענויעם אַנאַליז פון ווערק, אויף וואָס איך האָב ווינציק פלאַץ) איז „דאָס נאַקעטע יאָר" אַ גרויס ווערק פון אַ גרויסן קינסטלער. דאָס בוך

סוגעסטירט שטימונגען, געדאַנקען, קאָנטראַסטן, עס רייסט מיט עס דערשיטערט אפילו. דאָס איז אַ ווייטע אָפּשפּיגלונג פון אַ ריזיקער שׂרפה אין אַ זייטיקער אָזערע, וועלכע דעמפט די פאַרבן, פאַרקלענערט דעם פאַרנעם, אָבער זי רופט אַרויס אַן אַנונג וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אויפן ווייטן האָריזאָנט. און דאָס איז אַ סך. שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס דאָס בוך איז אַן עפּאָכע אין דער פּראָזע-שאַפונג פון דער נייער רוסישער ליטעראַטור.

•

נאָך אַפּאָר ווערטער וועגן דער איבערזעצונג.

פילניאַק האָט איין חסרון, וואָס איז באַזונדערס נישט ניחא דעם איבערזעצער. ער האָט ווי בכיון געווילט (נישט נויטיקערהייט) אַזעלכע לאָקאַליזמען, וועלכע ווערן שוין היינט אפילו אין יענע מקומות נישט באַנוצט. אויפן דאָזיקן חסרון קלאָגט זיך אפילו די רוסישע קריטיק, ווייל צו דער קאָנסטרוקטיווער אומקלאָרקייט פון זיינע ווערק (און אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס דער פאַל אין „נאַקעטן יאָר״) קומט נאָך צו אַ שפּראַכלעכע, טאָ וואָס זאָל שוין זאָגן אַ יידישער איבערזעצער? אויף וויפל דאָס איז מעגלעך געווען האָב איך זיך באַמיט צו גובר זיין אַלע שוועריקייטן. בלויז אין געציילטע ערטער האָב איך פאַראייניצלטע ווערטער, וואָס שטערן נישט דעם טעקסט, אַרויסגעוואָרפן, נישט וועלנדיק באַנוצן פאַר זיי קיין ווערטער, וועלכע די לאָגיק האָט אונטערגעזאָגט. אין אייניקע ערטער האָב איך געלאָזן אומקלאָרע פראַזעס, ווי זיי זענען דאָ אין אָריגינאַל, נישט וועלנדיק באַנוצן דעם פּרעס-אייזן פון שכל-הישר אויף אויסצוגלעטן זיי. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז עס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט געוויסע נישט געלונגענע עקוויוואַלענטע אויסדרוקן (וועלכע איך האָב אָנגענומען אַלס אַזעלכע), אָבער איך מוז אויפמערקזאַם מאַכן דעם לייענער, אַז נישט אַלע אומקלאָרקייטן און אומגעלונגענע אויסדרוקן (ווי אים וועט זיך

דאַכטן) זאָל ער אַרויפוואַרפן אויפן איבערזעצער. און כ'וועל דאָ ברענגען אַ ציטאַט פון רוסישן קריטיקער גאָרבאַטשאָוו, לויט וועלכער דער יידישער לייענער מעג זיך אָריענטירן ביים לייענען דאָסדאָזיקע בוך.

„פילניאַק איז אַ גרויסער מייסטער פון קינסטלערישער פּראָזע, אָבער פון „אַ פּראָזע אַ שווערער, אַדורך־און־דורך דורכגעדרונגענער מיט עמאָציאָנאַליטעט, אַדורכגענומען מיט רמזים, סימבאָלן, וועלכע איז פאַרשטענדלעך, ווי אַ געדיכט, בלויז ביים צווייטן מאָל לייענען, ווען עס איז באַגריפן געוואָרן די הויפּט־אידייע פון דער דערציילונג און ווען עס ווערן קלאָר אַלע רמזים, און די כלומרשט אין אומאָרדנונג אָנגעוואָרפענע בילדער און ציטאַטן, וועלכע דאַרפן אילוסטרירן דעם הויפּט־געדאַנק".

י. ראַפּאָפּאָרט

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASK...
אידישער קולטור פאראיין סאסקאטון

אַרײַנפיר

אין בוך „די שכלדיקע עקזיסטענץ אָדער די מאָראַלישע אַנשויאונג אויפן ווערט פון לעבן" געפינט זיך אַ זאַץ:

„יעדע מינוט גיט אָפּ אַ שבועה דעם גורל צו היטן אין טיפן שווייגן דאָס, וואָס שטייט אונז פאָר, אפילו דעמאָלט נאָך, ווען זי פאַראייניקט זיך שוין מיטן שטראָם פון אונזער לעבן; און דאַן, ווען דער עתיד שווייגט וועגן אונזער גורל, קען יעדע פאַרבייגייענדיקע מינוט אָנהויבן מיט זיך די אייביקייט".

די שטאָט אַרדיבין

אויף די קרעמלער שטאָט-טויערן איז געווען אויפגעשריבן (איצט איז דאָס פאַרניכטעט):

„זיי מציל האַר,
דידאָזיקע שטאָט און דײַנע מענטשן
און בענטש
דאָס אַרײַנקומען אין דידאָזיקע טויערן".

און אָט איז אַן אויסצוג פון אַ החלטה פון אָרדיבינשן יתומים-געריכט:

„1794 יאָר געגוואר 7-טן טאָג מאָנטיק. אין דער אָנוועזנהייט פון אָרדיבינשן שטאָטישן יתומים-געריכט—די הערן אָנוועזנדיקע זענען אָנגעקומען צוועלף אַ זייגער נאָך האַלבן טאָג:

דעמענטי ראַטשין — שטאָט־הויפּט. ראַטמענער:
סעמיאָן טולינאָוו, סטעפּאַן איליין, סטעפּאַן זיאַבראָוו.
שטאָטישער סטאַראָסטע.

אויסגעהערט — — — — באַשלאָסן: דעם שטאָט־
הויפּט דעמענטי ראַטשין, דעם חשובן און ערלעכן מאַן,
דאַנקען און באַערן.

געחתמעט — — — —

פון געריכט איז מען אַרויס צוויי אַ זייגער נאָך
האַלבן טאָג און אַוועק אין סאָבאָר אָפּצוריכטן אַ דאַנק־
תפילה".

דידאָזיקע החלטה איז אָנגעשריבן געוואָרן פונקט מיט
הונדערט יאָר פאַר דאָנאַטס געבורט, און דאָנאַט טאַקע האָט
זי געפונען, ווען ער האָט צערויבט דעם אָרדינינשן אַרכיוו. די־
דאָזיקע החלטה איז אָנגעשריבן געוואָרן אויף בלויען פּאַפּיר,
מיט אַ גענזענער פעדער, מיט קונציקער געציקלטקייט.

צוויי הונדערט יאָר האָט געהאַט הינטער זיך דער חשובער
סוחרישער שטאַם פון די ראַטשינס, פריער האָבן זיי געהאַלטן
די זאַלץ־פּאַכט, געהאַנדלט מיט מעל און פּי, צוויי הונדערט
יאָר (דער עלטער־זיידע, דער זיידע, דער פאָטער, דער זון,
דאָס אייניקל, דאָס אור־אייניקל) אויף איין אָרט, אויפן זאַלץ־
מאַרק (איצט אָפּגעשאַפט), אויפן האַנדלס־פּלאַץ (איצט רויטער),
יעדן טאָג געשטאַנען הינטערן טובאַנק, געקנאַקט אויף די רעכנ־
ביינדלעך, געשפּילט אין דאַמקעס, געטרונקען פון טשייניק (כּדי
דאָס געבליבענע צעפּלעסקען מיט 8־טן איבערן דיל), אויפגע־
נומען קונים, געזידלט די משרתים.

איוואַן יעמעליאַנאָוויטש ראַטשין, דעמענטיס אור־אייניקל,
דאָנאַטס פאָטער, האָט זיך מיט פערציק יאָר צוריק, אַלס גע־
לאָקטער בחור, געשטעלט הינטערן טובאַנק, פון יענער צייט
איז שוין אַ סך וואַסער אָפּגעפלאָסן; ער איז אויסגעטריקנט
געוואָרן, אויסגעקראָכן, אָנגעטאָן ברילן, גענומען גיין מיט אַ
שטעקן, תמיד אין אַ וואַטאָווען סורדוט און אַ וואַטאָוון היטל.
געבוירן געוואָרן איז ער טאַקע אָט דאָ אין ז א ר י א ד י ע,

אין זיין צווייסטאָקיק הויז הינטער די טויערן מיט וועלף-הינט, דאָ האָט ער אַריינגעפירט דאָס ווייב, פונדאַנעט האָט ער אַרויסגעטראָגן די טרומנע פון פאָטער, דאָ האָט ער געהערשט.

אין קרעמל האָבן זיך געפונען מלוכה-בנינים און צערקוועס. הינטערן קרעמל, אונטערן שפּוע איז געפלאָסן דער טייך וואָלאָגאַ, אויף יענער זייט וואָלאָגאַ זענען געלעגן לאָנקעס, דאָס יאַמסקע דאָרף (די אייזנבאַן איז אין יענע צייטן דורכגעגאַנגען אין הונדערט וויאָרסט פונדאַנען), דער רעדענער קלויסטער. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָט יעדע פינף מינוט געשלאָגן אין סאָבאָר דער זייגער, דאָן, דאָן, דאָן. און די ערשטע פלעגן אין קרעמל זיך אויפכאַפּן די גענז (קיין חזירים האָט מען אין קרעמל נישט געהאָדעוועט, ווייל די גאַסן זענען געווען ברוקירט). גלייך נאָך די גענז פלעגן זיך באַווייזן די שענק-שכורים, אָרעמעלייט, יוראָדיווע*). ס'פלעגן גיין אין קאַנצעלאַריע די פּאָליציי-שומרים מיט טישן אויף די קעפּ (דער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג איבער דער גאַנצער גובערניע, אַז די פּריסטאַוועס זאָלן מאַכן נאַכט-אינספּעקציעס און זיך אונטערשרייבן אין די ביכער, און די ביכער האָט ער באַפוילן צוצוחתמענען צו די טישן; די פּריסטאַוועס פלעגן זיך טאַקע אונטערשרייבן, אָבער נישט ביינאַכט נאָר אינדערפרי, און נישט אין די וואַך-הייזלעך, נאָר אין די קאַנצעלאַריעס, ווו מ'פלעגט זיי ברענגען צוטראָגן די טישן). ביינאַכט פלעגט מען נישט גערן דערלויבן צו גיין איבערן שטאָט און אויב דער פּאָליציי-שומר פלעגט פאַרשלאָפן פרעגן:

— ווער גייט? — פלעגט מען תמיד דאַרפן ענטפערן: — „אַ בירגער!”

אין די קאַנצעלאַריעס און צירקלען פלעגט מען, ווי דער שטייגער איז, שלאָגן מענטשן, באַזונדערס שכורים, אכזריותדיק און גרינטלעך, אַ ספּעציאַליסט דערויף איז געווען דער אָקאָלאָטאָשנער באַבאָטשקין.

---

*) נארעלעך—וועלכע דאָס פאָלק האלט פאר הייליקע. (איב.)

די שענק-שכּורים פּלעגן זיך צענויפקלייבן ביים מאָנאָפּאָל אַ שפּראָץ אויף טאָג, פּלעגן זיך צוזעצן אויפן גראָז און געדול-דיק וואַרטן אויפן עפענען. ס'פּלעגן פאַרבייגיין, זיך צלמענ-דיק, סוחרים. ס'פּלעגט פאַרביילויפן פון טייך מיט ווענדקעס דער ליידנשאַפטלעכער פיש-כאַפּער, דער פּאָפּ לעווקאָעוו, ער האָט געאיילט מיט די שליסלען אין די האַלעס צו עפענען זיין יעפּאַרכיאַלן געשעפט: דער פּאָפּ לעווקאָעוו איז געווען אַ מענטש אַ בכבודער און זיין איינציקער פעלער איז געווען דאָס, וואָס אין די זומערן פּלעגן פון זיינע קעשענעס קריכן ווערים, דער רעזולטאַט פון זיין פישעריי-ליידנשאַפט (ווענן דעם האָט אפילו דערטראָגן דעם יעפּיסקאָפּ דער פּאָעט-מסור וואַריגין). דער שכּור אָגאָניאָק-קלאַסיק האָט געשריגן צום פּאָטערל*): „אַלגנעדיקער הער!.. איר פאַרשטייט?!" — אָבער דער פּאָטערל, איילנדיק זיך, האָט זיך בלויז אָפּגעווערט מיט דער האַנט.

און תיכּף נאָכן פּאָטערל פּלעגט אַרויסקומען פון זיין טיר, אין אַ בלוזע, מיט אַ שירעם און אין קאַלאָשן, דער לערער בלאַמאַנזשאָוו, פּלעגט נאָכגיין דעם פּאָטערל אין יעפּאַר-כיאַלן געשעפט זיך אָנטרינקען מיט טיי און זיך פאַרנעמען מיט רכילות. אָגאָניאָק (אַ העלער פלעק) פלעגט זיבער צוגיין צו אים און ריידן:

— גרויסמוטיקער הער!.. עס רעדט מיט אייך אָגאָניאָק-קלאַסיק. — און בלאַמאַנזשאָוו פּלעגט געבן אַ זיבענער. בלאַנ-מאַנזשאָוו איז באַרימט געווען מיט געאָגראַפיע און מיט דעם ווייב, וועלכע פלעגט גיין אין צערקווע אין אַ קאָקאָשניק**), אין שטוב — אַ נאַקעטע, און זומער און האַרבסט פלעגט זי פאַרקויפן דורכן פענסטערל די אויבס פון איר גאָרטן אין איין העמד.

ס'פלעגט קומען צום מאָנאָפּאָל דער פּויסט-קאַמפער טרוס-קאָוו, פלעגט אויסטרינקען אַ פּאָר מערזאַווצעס ***). ס'פלעגן אָנ-

---

*) פּאָטערל רופט מען אין רוסיש אַ פּאָפּ. (איב.)
**) אַן אַלט-רוסישע קאָפּ-באַפּוצונג פאַר פרויען. (איב.)
***) קליינע בראָנפן-פלעשלעך, פערציקער. (איב.)

קומען, פאַרבייגיין אויפן מאַרק הענדלער, פעדלער. די שפּורים פלעגן עפּעס-וואָס קויפן און זיך פאַנאַנדערגיין צו זייערע געשעפטן. ס'פלעגן פאַרפאָרן דראָזשקאַזשעס אויף זייערע קאָליברי *), פאַרשלאָפענערהייד רעדן:

— ביטע !... ביטע !...

און איבער דער שטאָט פלעגט זיך אויפהויבן די זון, שטענדיק אַ וואונדערשיינע, תּמיד אַן אויסערגעוויינלעכע. איבער דער ערד, איבער דער שטאָט פלעגן דורכגיין פרילינגס, האַרבסטן און ווינטערס, תּמיד וואונדערשיינע, שטענדיק אויסערגעוויינלעכע.

אין די פרילינגס פלעגן די אַלטע גיין מיט די יונגע צו ניקאָלאַ ראַדאָוואַנעץ, עולה-רגל זיין צו דער קאַזאַנער גאָטס-מוטער, פלעגן הערן די לערכן, בענקען נאָך דאָס פאַרגאַנגענע. האַרבסט-צייט פלעגן ווייסע חברהניקעס לאָזן שלאַנגען מיט קלאַפּערס. אין די האַרבסטן, אין דער ווינטערדיקער פלייש-צייט, נאָך פּסח האָבן געאַרבעט די שדכנטעס, פלעגן צונויפ-פירן חתנים מיט כּלות, סוחרים מיט סאָלדאַטקעס, אַלמנות און „נייענקע", אויף די זעונגען פלעגן די פּאַטשט-באַאמטע רעדן מיט די כּלות וועגן ליטעראַטור און געאָגראַפיע, די כּלה פלעגט זאָגן, אַז זי האָט ליבער דעם פּאָעט לאַזשעטשניקאָוו, און דער חתן האָט ליבער-געהאַט דעם שרייבער נאַדסאָן, דער שמועס פלעגט זיך אויסנעמען און דער חתן פלעגט פרעגן וועגן געאָגראַפיע, די כּלה פלעגט זאָגן, אַז זי איז געווען ביי ניקאָלאַ ראַדאָוואַנעץ, און דער חתן פלעגט דערציילן וועגן וואַרשע און לובאַן, וווּ ער האָט דורכגעמאַכט דאָס מיליטער-דינסט. אויפן פרילינג-ניקאָלאַ, אויפן פּעטראָוו-טאָג, אויף דער וואָך פאַרן גרויסן תּענית פלעגן אין שטאָט פאָרקומען יאַרידים, ס'פ‎לעגן זיך צו-נויפפאָרן קאַטאַרינאַזשעס, קונצנמאַכערס, אַקראָבאַטן, ס'פלעגן צונויפגעשלאָגן ווערן באַלאַגאַנעס, די אַרטיסטן גופא פלעגן צע-טראָגן די אַפישן, און נאָך די יאַרידים פלעגן די סוחרים שטי-לערהייט גיין צום דאָקטאָר יעלעאַזאַריטש. אין די ווינטערדיקע

---

*) אַ מין דראָזשקע. (איב.)

שבתים פלעגט מען גיין צו וואָדאָפּאָישטשיקאָוון אין באָד, וואָ־דאָפּאָישטשיקאָוו האָט איינגעאָרדנט אַ הילצערנעם דעכל ביזן סאַמע טייך, ביז דער אייזלאָך, און די סוחרים, שטאַרק אויס־געפּאַרעטע פלעגן לויפן צוואַלאָם נאַקעטערהייד ביז דער אייז־לאָך. זיך טובל־זיין איינמאָל, און אַ צווייטן. אין די ווינ־טערדיקע זונטיקן זענען פאָרגעקומען פויסט־קאַמפן, מ׳האָט זיך געשלאָגן מיט די יאַמסקע און רעדענעווער, מ׳פלעגט אָנהויבן פון די ווייסע חברהניקעס, וועלכע פלעגן שרייען: „דערלאַנג, דער־לאַנג!...״ — און פאַרענדיקן מיט די אַלטע לייט, — דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די סוחרים אָוונטצייט צו פליען אין יאַמסקאַיאַ צו די ציגיינער, הוליען און אָנפּלאָדושען ווײַ־סע ציגיינערלעך, און אויף צוריקוועגס איבערקערן די לאָמ־טערן־סלופּעס. ערב ווייַנאַכטן פלעגן זיי ביז די שטערן פאַסטן, אין ערשטן טאָג לויבן כריסטוסן און דערציילן ראַצעעס, *) אין אָוונט פון די הייליקע דריי קעניגן פלעגט מען אויף אַלע טירן מיט קרייד אויסמאָלן קרייצן.

געשעעניש פלעגן אין שטאָט טרעפן זעלטן און אויב ס׳פלעגן טרעפן קונדייסערייען ווי דער פאָלגנדיקער, —

מישקאַ זוועלעוו — דעם שלאָסערס מיטן אַקציזניקס זון איפּפּאָליטקע האָבן צוגעבונדן אַ מויז פאַרן ווידל און זיך געשפּילט מיט איר נעבן שטוב, און אויפן גאַס איז דאַן דורכגעגאַנגען דער זאַרעצקער משוגענער יער־מיל דער אייַנאוויגיקער און — אַז ער נעמט דאָס ברעכן די שויבן מיט שטיינער. זוועלעוו — דער שלאָסער — מיט אַ האַק אויף אים. האָט ער אָפּגענומען די האַק. ס׳זענען אָנגעגאָפן פייערלעשער, — וואַרפט ער זיך מיט דער האַק אויף די פייערלעשער: די פייערלעשער מאַכן פּליטה. איין אקאַלאַטאַטשניק באַטאַטשקין האָט זיך אַן עצה געגעבן. מיטקען האָט מען דערנאָך דריי טעג נאָכאַ־נאַנד געשונדן די הויט, —

---

*) פּרעדיקן. (איב.)

אויב ס'פלעגן פאַרקומען אַזעלכע קונדייסערייען, פלעגט גאַנץ שטאָט אַ האַלב יאָר רעדן וועגן דעם. איינמאָל אין צוויי יאָר פלעגן פון תפיסה אַנטלויפן אַרעסטאַנטן, דאַן פלעגט זיך יאָגן נאָך זיי די גאַנצע שטאָט.

אין די זאַלץ־האַלעס אויפן האַנדלס־פּלאַץ, נעבן דער יעפּאַרכיאַלער קרעמ, איז געשטאַנען אַ טישל – די איינציקע בוכהאַנדלונג — אונטערן שילד :

פּאַרקויף און איינקויף

פון לערנביכער, טינט, פעדערס און הענטלעך
און איוועריקע פּעריודישע
שרייב־פּאַפּיר אויסגאַבן

א ו. וואַריגין.

אונטער דער האַלעס־איקאַנע פון די פּערציק הייליקע גרויסמאַרטירער האָט זיך געפונען די יעפּאַרכיאַלע קרעמל. ביי דער האַלעס-איקאָנע האָט מען אָפּגעריכט אַזויפיל תפ׳ות, וויפל נאָמענסטעג ס'פלעגן זיך מאַכן ביי די האַלעס־סוחרים. אין דער יעפּאַרכיאַלער קרעמל פלעגט מען קיין איקאָנעס נישט קויפן, נאָר אויסבייטן : — דער בייטער פלעגט קויפן אַ ביי היטל, אַריינלייגן אין אים געלט און אויסבייטן דאָס היטל אויף אַן איקאַנע. די היטלען פלעגן גיין פאַר דער גייסטלע־כער שולע. מיט דער יעפּאַרכיאַלער קרעמל האָט אָנגעפירט דער פּאָטערל לעווקאָעוו, וועלכער האָט געטרוימט, לויטן ביישפּיל פון יעזוס קריסט, צו גרינדן אַ פישער־ברודערשאַפט און אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג באַהאַנדלען די לאַנג רייף־געוואָרענע פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי צו שטעלן די שיפלעך ביים פיש־פאַנג : — אויף שטיינער, אויף אַנקערס, אָדער אָנבינדן אויף שטריק ? אין דער יעפּאַרכיאַלער קרעמל פלעגט מען שפּילן אין דאַמקעס און ס'פלעגט זיך צענויפקלייבן די אינטעליגענץ — בלאַנמאַנזשאָוו, אַ. ו. וואַריגין, אָבער דער סוחרישער קלוב איז געווען ביים זייף־הענדלער זיאַבראָוו, דעם ליבהאָבער פון שריפות.

תמיד פלעגן ביי אים זיצן אבלאָקאַטן און „צינגער" (וואָרט און טאַט); די אַבלאָקאַטן פלעגן שרייבן יאַבעדעס און פאַפּירן, די „צינגער" פלעגן עדות זאָגן אַלץ, וואָס איר ווילט. איבער די האַלעס פלעגן זיך אַרומשלעפן אַרעמעלייט, יוראַדיווע, — זיאַבראָוו פלעגט פון זיי חוזק מאַכן: ווינטערצייט פלעגט ער צוקלעפּן מיט שפּייעכץ צום שטיינערנעם דיל זילבערנע צענערס און זיי לאָזן צופרוירן און הייסן די בעטלערס זיי אָפּרייסן מיט די ציין פאַר זייערטוועגן, זומער-צייט פלעגט ער פאַרלייגן פאַר אַ צענערל אויסצוטרינקען אַן עמער וואַסער (דער שוטה טיגאַגאָגאַ פלעגט אויסטרינקען), אָדער ער פלעגט איינאָרדענען געיעגן, ווי אויף אַ פייערלעשער-פּאַראַד. זיאַבראָוו פלעגט זיך לאָזן ווילגיין אויך איבער דורכגייער: ער פלעגט אַרויסוואַרפן הינטער דער טיר אַ זייגער אָנגעבונדן אויף אַ פאָדים, פלעגט אַרויסוואַרפן באָנבאָן-קעסטעלעך מיט פרייסן אָדער מיט אַ גע-פגרטן שטשור. אין די שטיינערנע האַלעס איז געווען פינסטער, פייכט, ס'האָט געשמעקט מיט שטשורעס, פאַרפוילטע פעלן, צו-געלעגענע הערינג.

איוואַן יעמעליאַנאָוויטש ראַטשין, אַ הויכער, אַ מאָגערער, אין אַ וואַטאָוון היטל, פלעגט קומען צוגיין אין זיין קראָם זיבן אַ זייגער אָן פינף מינוט, פלעגט טראַסקען מיט די שלעסער און לערנען די שיק-ייִנגלעך און די משרתים זייער פאַך: אין דער אָנוועזנהייט פון קונים פלעגט מען דאַרפן זאָגן:

ניִשט — זיי גיבן, נאָר — זיי שפּאַלטן,
ניִשט — נאָכגעבן, נאָר — שפּאַלט,
ניִשט — פאַרקויף, נאָר — שפּילע צו,
ניִשט — דינג זיך, נאָר — שווער זיך,
ניִשט — 150 רוב. מיט 50 קאָפּ. נאָר — אַרצי-איזשע-אָן קאָן איזשע-אָן-קון,
ניִשט — 90, נאָך — האַרט-ער.

פאַר די קונים האָט מען געדאַרפט עפענען די טיר און זי צומאַכן נאָך זיי: — ווֶעסט נישט פאַרמעסטן, וועסט נישט אָפּ-נאַרן — וועסטו נישט פאַרקויפן.

איוואַן יעמעליאַנאָוויטש פלעגט אַריינגיין צו זיך אין קאַנ־טאָרל, פלעגט קנאַקן קנאַקן אויף די רעכן-ביינדלעך, פלעגט אויפן קול לייענען די ביבל, אין דעמזעלבן קאַנטאָרל פלעגט ער אַריינרופן די פאַרזינדיקטע (און די שיק־יינגלעך — אויך אָן אַ חטא) און אונטערן נר־תמיד לערנען בלק, לפּי דער זינד נאָך: אָדער מיט אַ צוויי־רימען־קאַנטשיק, אָדער מיט ריטער.

אַ זייגער צוועלף פלעגט קומען צוגיין דער בעקער: פלעגט ער די משרתים געבן פאַרן בעקער צו צענערל, און די שיק־יינגלעך צו זעקסער, אַרויסגיין צום פאָטערל לעווקאָעוו שפּילן אין דאַמקעס, אַ צוואַנציקער אַ קאָן, — געווינען ביי אַלעמען שטילשווייגנדיק: „פליאַטקעווען” האָט ער נישט ליב געהאַט. מיט די קונים פלעגט ער רעדן שטרענג, אָבער נאָר מיט די הורטאָווניקעס.

שליסן די געשעפטן פלעגט מען האַלב אַכט, און אַכט אַ זייגער פלעגן איבער די האַלעס אַרומלויפן וועלף־הינט, די האַלעס־הינט. אַרום ניין פלעגט די שטאָט איינשלאָפן, און אויף דער פראַגע: — ווער גייט — — ?... פלעגט מען דאַרפן ענט־פערן, כּדי נישט אַריינצופאַלן אין צירקל:

— „אַ בירגער!”

אין שטוב, הינטער די וועלף־הינט ביי די שטיינערנע פאַר־האַקטע טויערן פון איוואַן יעמעליאַנאָוויטש ראַטשין, האָט געהערשט אַ שטילשווייגן. בלויז אָוונטצייט פלעגט זיך דערטראָגן פון קעלער, ווו ס'האָבן געוווינט די משרתים מיט די לער־יינגלעך, אַ פאַר־שטיקטער געזאַנג פון קאַפּיטלעך תהלים און אַקאַפיסטן *). אינ־דערהיים פלעגט מען ביי די משרתים צונעמען די רעקלעך מיט די שטיבלעטן, און ביי די לער־יינגלעך די הויזן (זיי זאָלן זיך נישט ארומשלייען ביינאַכט), און איוואַן יעמעליאַנאָוויטש גופא פלעגט הערשן מיט אַן אַרשין אין האַנט, מיט וועלכן ער האָט „געלערנט”. אין קעלער זענען די פענסטער געווען מיט קראַ־טעס, קיין לאָמפּ האָט זיי נישט געקומט, ס'האָט געברענט אַ

---

*) קירכן־געזאַנג. (איב.)

לעמפּל פאַר דער איקאָנע. אינאָוונט בײַ דער װעטשערע פלעגט אײַװאַן יעמעליאַנאָװיטש אַליין אָנשניידן אין בארשטש אַרײַן חזיר־פּעטס, פלעגט דער ערשטער אָנשעפּן באַרשטש מיט אַ הילצער־נעם לעפל, פאַר גענעצן פלעגט מען מיט אים באַקומען אײַבערן שטערן, און חזיר־פּעטס איז דערלויבט געווען צו נעמען, ווען ער פלעגט אַליין זאָגן:

— עס מיט אַלץ.

איוואַן יעמעליאַנאָוויטשן האָט מען גערופן נישט אַנדערש, ווי „ער אַליין" און פּאַפּאַשאַ. מ'האָט געלעבט לויטן שפּריכוואָרט: „דער פּאַפּאַשאַ וועט קומען צוגיין — און אַלץ דערלײדיקן אַליין". איוואַן יעמעליאַנאָוויטש האָט געהאַט אַ באַליבט ווייב, וועלכע פלעגט טרעפן אויף קאַווע ווען קיניג רייך, אָבער אין בעט צו זיך פלעגט איוואַן יעמעליאַנאָוויטש לייגן נישט איר, נאָר מאַשוכאַן, די אָנגעטרויטע עקאָנאָמקע. פאַרן שלאָף, אין זיין פאַרשטיקטן שלאָף־חדר, פלעגט איוואַן יעמעליאַנאָוויטש לאַנג מתפּלל זיין, — וועגן מסחר, פאַר די קינדער, פאַר די פאַרשטאָרבענע, פאַר די, וואָס שווימען איבער ימים און וואָס רייזן אַרום, ער פלעגט זאָגן קאַפּיטלעך תהלים. געשלאָפן איז ער מיט אַ לייכטן שלאָף, ווינציק, אויפן שטייגער פון אַלטע ,ייט. אויפשטיין פלעגט ער פריער פאַר אַלעמען, ביי אַ ,יכט, פלעגט ווידער מתפּלל זיין, טרינקען טיי, אָפּגעבן באַפוילן — און אַוועקגיין אויף אַ גאַנצן טאָג אין קראָם. אין שטוב פלעגט אָן אים זיין לייכטער (אפשר דערפאַר, ווייל ס'פלעגט זיין טאָג) און פון די קעמערלעך פלעגן אַרויסקריכן צו „איר אַליין" די קעסט־ווייבער. יעדן שבת, נאָך דער אָוונט־מעסע, פלעגט איוואַן יעמעליאַנאָוויטש שמייסן זיין זון דאַנאַט. אויף ווייַנאַכטן און אויף פּסחא פלעגן קומען צופאָרן געסט — משפּחה. דעם 24־טן יוני (נאָך דער שכורער איוואַנאָוו־נאַכט!), אין זיין נאָמענטאָג, פלעגט מען פאַר די אָרעמעלייט איינאָרדנען אַ מיטאָק אויפן הויף. אין

זונטיק פון גרויסן תענית פלעגן די משרתים און לער־יינגלעך זיך בוקן איוואַן יעמעליאַנאָוויטשן ביז דער ערד און ער פ׳עגט יעדן איינעם זאָגן:

— עסן דאָס מויל, אָטעם, — כּדי צו דערשפּירן דעם ריח פון בראָנפן.

אַזוי, צווישן דער שטוב, דער קראָם, דער ביבל, דעם שמייסן, דער ווייב, מאַשוכאַן, — זענען אַריבער פערציק יאָר. אַזוי איז געווען יעדן טאָג, — אַזוי איז געווען פערציק יאָר, — דאָס איז פאַרוואַקסן מיטן לעבן, אַריין אין אים, ווי ס׳איז אַמאָל אַריין דאָס ווייב, ס׳זענען אַריין די קינדער, ווי ס׳איז אַוועק דער פאָטער, ווי ס׳איז געקומען די ע׳טער.

איוואַן יעמעליאַנאָוויטשעס זון, דאָנאַט, איז געבוירן געוואָרן אַ שיין און געזונט יינגל. אין דער קינדהייט האָט ער געהאַט אַלץ: אי באַבקעס, *) אי קלעצלעך־שפּיל, אי בעדער אין טייך ביים פאַראָם־פירער, אי שלאַנגען מיט קלאַ־פערס, אי טויבן, אי פאַסטקעס פאַר שטיגליצן, אי נסיעות איף פורן, אי דאָס קויפן — און פאַרקויפן פּאָדקאָוועס, און פויסט־געשלעגן, — דאָס אַלץ איז געווען אין יענער צייט, ווען, צוליב זיין קליינעם וווקס, האָט זיך דאָנאַט נישט גע־וואָרפן אין די אויגן. אָבער צום פופצנטן לעבנס־יאָר האָט איוואַן יעמעליאַנאָוויטש אים באַמערקט, געלאָזט אויפנייען פאַר אים נייע שטיוול, אַ היטל און הויזן, פאַרווערט אַרויס־צוגיין פון שטוב, אַ חוץ אין שולע און אין צערקווע, אַכטונג געגעבן, ער זאָל זיך אויסלערנען שיין שרייבן און גענומען שטאַרק שמייסן אין די שבתים. דאָנאַט איז צו פופצן יאָר אויסגעוואַקסן, אין רינגען האָבן זיך צענויפגעדרייט זיינע בלאָנדע לאָקן. דאָנאַטס האַרץ איז באַשאַפן געוואָרן פאַר לי־בע. אין שולע האָט דער לערער בלאַגמאַנזשאָוו געצווונגען דאָ־נאַטן, ווי בכלל אַלע תּלמידים, אַרומצורייזן איבער דער מאַ־פּע: קיין ירושלים, טאָקיאָ (מיטן ים און מיט דער יבשה),

*) אזא שפּיל.

בוענאָס-איירעס, ניו-יאָרק, אויסרעכענען די ערטער, די ברייטן און די לענגען, באַשרייבן די שטעט, די מענטשן און די נאַטור — די שטאָטישע שולע איז געווען דורכאויס געאָגראַפיע, און אַפילו נישט קיין געאָגראַפיע, נאָר אַ רייזע: בלאַנ־מאַנזשאָוו פּ׳עגט טאַקע אַזוי אויפגעבן, אויסלערנען אויף מאָרגן די רייזע קיין יאָרקשיר. און אין דערזע׳בער צייט האָט זיך אויך פאַנאַנדערגעבליט דאָנאַטס ערשטע ליבע, אַ ווונדער־שיינע און אויסערגעוויינלעכע, ווי יעדע ערשטע ליבע: דאָנאַט האָט ליב באַקומען אַ שטוב־מיידל נאַסטיאַ, אַ שוואַרץ־אויגיקע און שטילע. אין די אָוונטן פלעגט דאָנאַט קומען אין קיך אַריין און לייענען אויפן קול די לעבנסבאַשרייבונגען פון די הייליקע צערקווע־פאַטערס, נאַסטיאַ פ׳עגט זיך זעצן קעגנ־ניבער, פלעגט אונטערשפּאַרן מיט די דלאָניעס דעם קאָפּ אין שוואַרצן טיכל און — זאָל זיין, אַז קיינער אַ חוץ איר האָט אישט געהערט: דאָנאַט האָט געלייענט הייליק און זיין נשמה האָט געיובלט. אַוועקצוגיין פון שטוב איז געווען אוממעגלעך — און אין גרויסן תענית זענען זיי געגאַנגען אין צערקווע זיך מתודה־זיין, און פון דעמאָלט אָן פלעגן זיי גיין אין צערקווע צו דער אָוונט־תפלה. ס׳איז געשטאַנען דער קלאָרער אַפּרי׳, די טייכלעך האָבן געשטראָמט, די פויגלען האָבן זיך געאָרדנט צו ׳עבן, דער בין־השמשות איז לאַנגזאַם טריב געוואָרן, ס׳האָבן געקלונגען די גלאָקן פון גרויסן תענית, און זיך האַלטנדיק פאַר די הענט, אין פרילינגדיקן האַלב־שלאָף, זענען זיי געגאַנגען אין בין־השמשות פון צערקווע צו צערקווע (אין אָרדינין זענען געווען זיבן־און־צוואַנציק צערקוועס), נישט גע־שמועסט צווישן זיך, נאָר געשפּירט בלויז די גרוי־סע פרייד זייערע. אָבער דער לערער בלאַנמאַנזשאָוו פלעגט אויך גיין צו יעדער אָוונט־תפילה, ער האָט באַמערקט דאָנאַטן מיט נאַסטיאַן, צווויסן געטאָן דעם פאָטערל לעווקאָעוו, און יע־נער — איוואַן יעמעליאַנאָוויטש: — איוואַן יעמעליאַנאָוויטש האָט גערופן צו זיך דאָנאַטן און נאַסטיאַן פאַרקאַשערט נאַס־טיאַס קליידלעך און געהייסן דעם עלטסטן (אין דאָנאַטס קעגנ־

ווארט) שלאָגן נאַסטיאַס נאַקעטן לייב מיט ריטער, דערנאָך (אין נאַסטיאַס קעגנוואַרט), אַראָפּלאָזנדיק דאָנאַטן די הויזן, אים געשמיסן אייגנהענטיק, נאַסטיאַן האָט ער דורכגעיאָגט נאָך אין זעלבן אָוונט, אָפּגעשיקט אין דאָרף אַריין, און צו דאָנאַטן געשיקט אויף בייַנאַכט מאַשוכאַן... דער לערער בלאַנמאַנזשאָוו האָט אויף מאָרגן געצוווּנגען דאָנאַטן צו מאַכן אַ נסיעה איבער טיבעט, צום דאַלאַי-לאַמאַ, און געשטעלט אַן איינס, ווייל צום דאַלאַי-לאַמאַ לאָזט מען קיין אייראָפּעער נישט צו. יענער גרויסער תענית, מיט זיין בין-השמשות, מיט זיין גלאָקן-געקלאַנג, נאַסטיאַס שטילע אויגן — זענען אויף תמיד פאַרבליבן די שענסטע אין דאָנאַטס לעבן.

אינגיכן האָט זיך דאָנאַט אויסגעלערנט ביי די משרתים צו קריכן אין די נעכט דורך אַ לופטשיק אין דער אויסגעזעצטער קראַטע און איבערן פּאַרקאַן — אין שטאָט אַריין, אין יאַמסקער דאָרף, אין „אייראָפּע" נאָך בראָנפן. ער האָט גענומען גיין מיטן פאָטער הינטערן טובאַנק. אין די יום-טובים פלעגט ער זיך אויספּוצן, גיין שפּאַצירן אויף באָלשאַיאַ מאָסקאָווסקאַיאַ, זיך צונויפגעחברט מיט אַ יעראָמאָנאַך פון בעלאָבאָרסקער קלויסטער — מיטן פאָטערל פּימען. זומערצייט פלעגט ער אַריינקומען צו אים אין די פריע, טויאיקע באַגינענס, צוזאַמען זיך באָדן אין דער קלויסטערשער סאַזשעלקע, שפּאַצירן איבערן פּאַרק און דערנאָך אין דער צעלע, הינטער פּיקוסן, אונטער אַ קאַנאַריק, צווישן צלמים און איקאָנעס, אויסטרינקען ווייַנפּערלעך-בראָנפן און דאָס פאָטערל פּימען פלעגט דערציילן וועגן זיינע פּילגרימקעס און לייענען פערזן פון אייגענער שאַפונג; אַמאָל פלעגן צושטיין צו זיי אויך די איבעריקע מאָנאַכן, דעמאָלט פלעגן זיי גיין אין אַ געהיימען אָרט, אין מאַריניצס טורעם, שיקן ייִנגלעך נאָך בראָנפן, טרינקען און זינגען קאָפּערניקן*), און „סאַשקאַ-קאַנאַשקאַ" מיט אַ רעפריין אויפן מאָטיוו פון „מיט די הייליקע זאָל זיין מיין רו". אַמאָל

*) „קאָפּערניק האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געמיט"...

אין אָוונט פֿלעגט פּאָטערל פּימען אָנטאָן אַ סטודענטישע קורט־
קע און צוזאַמען מיט דאָנאַטן גיין אין צירק. דער מאָנאַס־
טיר איז געווען אַן אוראַלטער, מיט צערקוועס, וועלכע זענען
אַריינגעוואַקסן אין דר'ערד, מיט פינסטערע ווענט, מיט אַלטע
גלאָקן־טורעמס, — און טאַקע פּימען האָט דערציילט דאָנאַטן
די אַלטע אָרדינינשע לעגענדעס. דערזעלבער פּימען האָט
באַקענט דאָנאַטן מיט אוריוואַאיכען. אין יונישע שלאָפלאָזע
נעכט, אַריבערקלעטערנדיק איבערן פּאַרקאַן, מיט אַ פלאַש
בראָנפן, פֿלעגט דאָנאַט גיין צו דער פּאַרטויטשעטער, בילד־
שיינער אַלמנה פון מיליאָנער־ווכערניק אוריוואַעוו, וועלכע איז
דורך די סוחרים געשטעלט געוואָרן אונטער אַן אפּוטרופּסות,
פֿלעגט אָנקלאַפּן אין פענסטערל, זיך דורכקריגן דורכן פענסטער
אין איר שלאָף־חדר, אין דער צווייאיקער בעט. זיי האָבן זיך
ליב געהאַט ליידנשאַפטלעך, זיך געשעפּטשעט, גערעדט — גע־
האַסט, געשאָלטן. דער ווכערניק אוריוואַעוו — אַ זיבעציק־
יאָריקער — האָט אָלענקען די זיבעצניאָריקע גענומען אַלס
ווייב, צוליבן קלויסטערשן נאוף, אויסגעוואָרצלט אין איר אַלץ
וואָס נאַטירלעך, און, שטאַרבנדיק, איר איבערגעלאָזן בצוואה אַן
אפּוטרופּסות. די בילד־שיינע פרוי האָט גענומען שכורן, געוואָרן
היסטעריש: די שטאָט האָט זי פּאַרטויטשעט... אָבער
אויך דאָנאַטס דאָזיקע לעצטע ליבע האָט לאַנג נישט געדוי־
ערט, — דאָסמאָל האָט געמסרט, האָט אָנגעשריבן אַ מסירה אין
פערזן דער פּאָעט־מסור אַ. וו. וואַריגין.
ווער ווייס?
ווער ווייס, וואָס ס'וואָלט געווען מיט דאָנאַטן?

אין 1914־טן יאָר, אין יוני, אין יולי האָבן גע־
ברענט מיט רויטע שריפות די וועלדער און גראָזן, מיט
אַ רויטן דיסק פֿלעגט אויפגיין און זיך זעצן די זון,
האָבן זיך געפּייניקט מענטשן אין אין־לשערדיקער שטי־
קעניש.

אין 1914־טן יאָר איז אויסגעבראָכן די מלחמה, און נאָך
איר — אין 1917־טן יאָר — די רעוואָלוציע. אין דער אור־

אַלטער שטאָט האָט מען צעגויפגענומען מענטשן, זיי געלערנט די מלאכה צו מאָרדן און אָפּגעשיקט — אין די בעלאָוועזשער זומפּן, קיין גאַליציע, אויף די קאַרפּאַטן — מאָרדן און שטאַרבן. דאָנאַטן האָט מען פאַריאָגט אין די קאַרפּאַטן. אין אָרדינין האָט מען באַגלייט די זעלנער ביז דעם יאַמסקן דאָרף.

דער ערשטער איז אומגעקומען אין שטאָט אָגאָניאָק־קלאַססיק, דער ערלעכער שכור, דער שכורער סטודענט, — געשטאָרבן, — זיך אויפגעהאָנגען, איבערלאָזנדיק אַ צעטל:

„איך שטאַרב דערפאַר, ווייל אָן בראָנפן קען איך נישט לעבן. בירגער און חברים פון נייעם מאָרגנ־שטערן! — ווען אַ קלאַס האָט זיך אויסגעלעבט — דאַרף ער שטאַרבן, בעסער אַליין אַוועקגיין.

איך שטאַרב ערב דעם נייעם מאָרגנשטערן!"

אָגאָניאָק־קלאַססיק איז געשטאָרבן ערב אַ נייעם מאָרגנ־שטערן.

אין יאָר ניינצנהונדערטזעכצן האָט מען פאַרביי אָרדינין דורכגעפירט אַן אייזנבאַן צו דער פאַבריק, — און דאָס לעצטע מאָל האָבן זיך געקליגט די סוחרים, „די שטאָט־פאָטערס": די אינזשיניערן האָבן פאָרגעלייגט דער שטאָט צו געבן שוחד און די שטאָט־פאָטערס האָבן אויסגעדריקט אויף דעם זייער פולן הסכם, זיי האָבן אָבער באַשטימט אַזוי אומגעלומפּערט ווינציק, אַז די אינזשיניערן האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב אַוועקצושטעלן די סטאַנציע צען ווי־אָרסט פון שטאָט, אויף דער פאַבריק. די באַנען פלעגן דורכלויפן פאַרביי דער שטאָט ווי פאַרסמטע, — און פונדעסטוועגן האָבן די בירגער דעם ערשטן צוג באַגעגנט ווי אַ יום־טוב, — אַרויסגעשאָטן זיך צו דער וואָלאָגאַ, און די ווייסע־חברהניקעס זענען צוליב באַקוועמ־לעכקייט פאַרקראָכן אויף די דעכער און הושענא־ביימער. און דער ערשטער צוג, וועלכער איז שטיין געבליבן נעבן סאַמע אָרדינין, — איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער צוג. מיט אים האָט זיך אומגעקערט קיין אָרדינין דאָנאַט, פול (ימח שמם

יזכרם!) מיט יוגנט-דערינערונגען, פול מיט שנאה און ווילנס-קראַפט. דאָס נייע האָט דאַנאַט נישט געקענט, דאַנאַט האָט געקענט דאָס אַלטע און דאָס אַלטע האָט ער געוואָלט פאַר-ניכטן. דאַנאַט איז געקומען שאַפן — דאָס אַלטע האָט ער געהאַסט. צום פּאָטער אין שטוב איז דאַנאַט נישט געגאַנגען.

איבער דער אור-אַלטער שטאָט, איבערן טויטן קרעמל איז מען אַרומגעגאַנגען מיט פאָנען, מען האָט געזונגען רויטע לידער, — מ'האָט געזונגען לידער און מ'איז געגאַנגען מאַסנ-ווייז דאַן, ווען פריער פלעגט די אור-אַלטע קאַנאָנישע סוחרי-שע שטאָט מיט אירע קלויסטערס, סאָבאָרן, טורעמס, ברוקירטע גאַסן פעסט שלאָפן, ווען פריער פלעגט דאָס לעבן צאַנקען בלויז הינטער די שטיינערנע ווענט מיט די וואָלף-הינט ביים טויער. אַרום אָרדינין זענען געלעגן וועלדער, אין די וועל-דער האָבן זיך אָנגעצונדן די רויטע הענער פון פּריצישע הויפן, פון די וועלדער האָבן זיך גענומען ציען פּויערים מיט זעק און ברויט.

דאָס הויז פון סוחר ראַטשין איז צוגענומען געוואָרן פאַר דער רויטער גוואַרדיע. אין בלאַנמאַנזשאַוואַס הויז האָט זיך באַזעצט דאַנאַט, דאַנאַט פלעגט אומעטום גיין מיט אַ ביקס. דאַנאַטס לאָקן האָבן זיך געשלענגלט ווי פריער, אָבער אין די אויגן האָט אויפגעפלאַקערט אַ טרוקן פייער — פון ליידנ-שאַפטלעכקייט און האַס.

די זאַלץ-האַלעס האָט מען צעשטערט. פון אונטער די דילן זענען זיך אין די טויזנטער צעלאָפן די שטשורעס, — אין די קעלערס איז געלעגן באַהאַלטן פאַרשטונקן חזיר-פלייש, אין די פונדאַמענטן האָט מען געפונען מענטשלעכע שאַרבנס און ביינער. די זאַלץ-האַלעס זענען צענומען גע-וואָרן לויט דאַנאַטס באַפעל. אויף זייער אָרט איז געבויט געוואָרן אַ פאָלקס-הויז.

אט דאָס איז אַלץ.

און אָט איז נאָך וואָס (ווער עס פוילט זיך נישט, גיי, גיב אַ קוק!): יעדן טאָג, איבערפרי, פינף מינוט פאַר זיבן,

קומט צוגיין צום נייעם בנין פון פאָלקס-הויז, פונקט צו יענעם אָרט, ווו ס'האָט זיך געפונען דער געשעפט „ראַטשין און זון", אַן אור-אַלטער זקן אין קיילעכדיקע ברילן, אין אַ וואַטאָווען היטל, מיט אַן איינגעטריקנטער פּלייצע, מיט אַ שטעקן, — יעדן טאָג זעצט ער זיך צו דערנעבן אויף דעם סלופּיק — און זיצט דאָ אַ גאַנצן טאָג ביזן אָוונט, ביז האַלב אַכט. דאָס איז — איוואַן יעמעליאַנאָוויטש ראַטשין, דעמענטיס אוראייניקל.

אין שטאָט איז — הונגער, אין שטאָט איז — טרויער און פרייד, אין שטאָט זענען — טרערן און געלעכטער. איבער דער שטאָט גייען דורך פרילינגס, האַרבסטן און ווינטערס. איבער דעם נייעם וועג קריכן שמוגלערס, פּאָקן און טיפוס.

אויף די אָרדינינשע קרעמלער טויערן איז שוין נישט אויפגעשריבן:

„זיי מציל, האַר,
דידאָזיקע שטאָט און דיינע מענטשן
און בענטש
דאָס אַריינקומען אין דידאָזיקע טויערן".

אגב, אין שטאָט זענען אַ חוץ סוחרים געווען פּריצים, קליינבירגער און באַאַמטע, און די שטאָט ליגט אין טריזנע וויאָרסט פון אומעטום, אין זאַקאַמיע, אין וועלדער, און אין שטאָט זענען געקומען די ווייסע.

אין דער כראָניק האָט דער כראָניק-שרייבער געזאָגט וועגן דער אָרדינינשער ערד:

„די שטאָט אָרדינין שטייט פון שטיין. און יענער באָדן איז רייך מיט ברענענדיקן שטיין און מיט מאַגניטנעם אַרץ, צו וועלכן עס שטייט צו אייזן".

און הינטער אָרדינין האָט זיך צעלייגט אַ מעטאַלור־גישע פאַבריק. און דער אָרדינינשער באָדן: — טרוקענע טאָלן, סאַזשעלקעס, וואַלד, צווישן־וואַלד, זומפּן, פעלדער, אַ שטילער הימל, — דאָרף־ווענן. דער הימל איז אַמאָל פאַר־כמורעט, אין בלאָ־גראָע וואָלקנס. דער וואַלד — אַמאָל זיפצט ער און הוזשעט, און אין אַנדערע זומערס — ברענט ער. די דאָרף־וועגן, — קריכן, שלענגלען זיך דאָרף־וועגן מיט אַ קרו־מען פאָדים, אָן אַ סוף, אָן אַן אָנהויב. איינעם איז אומעטיק צו גיין, וויל ער גיין גלייכער, פאַרנעמט ער זיך, בלאָנדזשעט אַרום, קערט זיך אום אויפן פריערדיקן אָרט... צוויי ראָד־שפּורן, וועג־בלעטער, אַ זייטן־וועג, און אַרום, אַ חוץ דעם הימל, אָדער קאָרן אָדער שניי, אָדער וואַלד אָן אַ סוף, אָן אַ אָנ־הויב, אָן אַ גרעניץ. און מ׳גייט איבערן דאָרף־וועג מיט שטי־לע לידער: — פאַר איינעם זענען דידאָזיקע לידער — אומעט, ווי דער דאָרף־וועג. אָרדינין איז געבוירן געוואָרן אין זיי, מיט זיי, פון זיי.

אין דער כראָניק, אין דער „געשיכטע פון גרויסרוסלאַנד, פון רעליגיע און רעוואָלוציע” האָט דער כראָניק־שרייבער, דער אָרדינינשער אַרכיעפּיסקאָפּ סילוועסטר געזאָגט וועגן די אָרדינינשע מענטשן:

„געלעבט האָבן זיי אין די וועלדער, ווי די חיות, געגעסן אַלדאָס אומריינע, געערעדט צווישן זיך נבול־פּה אין קעגנוואַרט פון עלטערן און שניר; קיין חתונות פלעגן ביי זיי נישט פאָר־קומען, נאָר שפּילן צווישן דערפער, מ׳פלעגט זיך צונויפקומען אויף די שפּילן, צו די טענץ און צו אַלערליי טייוולאָנישע שפּילערייען און דאָ פלעגן זיי צורויבן כלות, מיט וועלכע זיי פלעגן קומען צו אַ הסכם, געהאַט צו צוויי און צו דריי ווײַ־בער; ווען עמיצער פלעגט שטאַרבן, פלעגט מען אָפּריכטן נאָך אים אַ טריזנע*), דערנאָך פלעגט מען צוגרייטן אַ גרויסן שייַ־טערהויפן (קלאַדו) און אַרויפלייגנדיק אויף אים דעם טויטן

*) אַ געדענק־סעודה נאָך אַ טויטן ביי די אַלטע סלאַוון (איב.)

פֿלעגט מען אים פֿאַרברענען, דערנאָך, צעגויפֿנעמענדיק די ביינער, פֿלעגט מען זיי אַריינלייגן אין אַ קליינע כ״י און אוועק־שטעלן זי אויף אַ סלופּ אויפֿן פּרשת־דרכים, וואָס דאָס ווערט געטאָן ביז אויף היינטיקן טאָג". —

און דאָס איצטיקע ליד אין דער זאַווערוכע!

— אַ זאַווערוכע. סאָסנעס. אַ וואַלד־לאָנקע. פּחדים. —

„שאָאָיאַיאַ, שאָ—אָיאַיאַ, שאָאָאָיאַיאַיאָ...

„גוויאַיאוּאוּ, גאַאַאוּאוּ, גוויאַיאַיאוּאוּאוּ, גוויאַיאַיאַיאוּאוּאוּאוּ, גאַאַאַאוּאוּ.

און: —

„גלאַ—וובוּמם!*)

„גלאַ—וובוּמם!!

„גוּ—וויז! גוּאוּ—וווּאוּז!..

„שאָאָאָיאַ, גוויאַיאוּאוּ. גאַאַאַאוּאוּאוּ...

קיטאַי־גאָראָד

דאָס איז פון זיין נע־ונד־צייט. —

די נעכט אין מאָסקווע, אין קיטאַי־גאָראָד הינטער אַ כינעזישער וואַנט, אין שטיינערנע געסלעך און הויפן, אין גאַנצלאַמטערנס — אַ שטיינערנער מדבר. בייטאָג האָט זיך קיטאַי־גאָראָד הינטער אַ כינעזישער וואַנט געראָיעט מיט אַ מיליאָן מענטשן און אַ מיליאָן מענטשלעכע לעבנס — אין האַרטע היט, אין פילצענע, אין פויערשע פעלצלעך, — אַליין אויך אין אַ האַרטן הוט און מיט אַ פּאָרטפעל אָבליגאַציעס, אַקציעס, וועקסלען, פּראַכטשייגען, מיט בערזעס, איקאָנעס, פעל, מאַנופאַקטור, ראָזשינקעס, גאָלד, פּלאַטין, אינגאַנצן אין האַרטן הוט, איירָאפּע און גאָר. — און ביינאַכט פּלעגן פון די שטיינערנע געסלעך און הויפן פאַרשווינדן די האַרטע היט, ס׳פלעגט אָנקומען וויסטקייט און שטילשווייגן, ס׳פלעגן אַרומלויפן הינט און טויט האָבן געברענט די לאַמטערנס צווישן שטיינער און בלויז פון זאַריאַדיע און אין זאַריאַדיע זענען געגאַנגען מענטשן, זעלטענע ווי די הינט און אין קאַשקעטן. און דאַן פלעגט אין דאָזיקן מדבר פון די קרעטשמעס און פון הינטער די טויערן אַרויסקריכן יענער קיטאַי אָן א האַרטן הוט, די הימלישע אימפעריע, וואָס ליגט ערגעץ־ווו הינטער סטעפּעס, אויפן מזרח, הינטער דער גרויסער שטיינערנער וואַנט און קוקט אויף דער וועלט מיט קאַסאָקע אויגן, וואָס זענען ענלעך אויף די קנעפּלעך פון רוסישע זעלנערשע שינעלן: — דאָס איז אין קיטאַי־גאַראָד.

און אַ צווייטער קיטײַ־גאָראָד. —

אין ניזשני־נאָווגאָראָד, אין קאַנאַווין, הינטער מאַקאַריע, ווו איבער מאַקאַריע האָט זיך מיט דער גרעסטער מחילה צע־זעצט די זעלבע מאָסקווער בייטאָגיקע איליאינקאַ, אין נאָוועמ־בער, נאָך די סעפּטעמבערשע מיליאָנען פּודן, פּעסלעך, שטיק־אַרשין און קאַרצן סחורה, אויסגעביטענע אויף רובלס, פראַנ־קען, מאַרקן, פונטן, דאָלאַרן, לירעס און אַז. וו., — נאָך דעם אָקטאָבערשן הפקרדיקן הוליען הינטער געצעלטן, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן מיט אַ וואָלגע ווײַנען, איקאָנעס, איי־ראָפּעישע, טאָטערישע, פּערסישע, כינעזישע ווענעציעס און מיט ליטרעס ספּערמע, — אין נאָוועמבער, אין קאַנאַווין, אין שניי, פון די פאַרהאַקטע האַלעס, פון די פאַרקלאַפּטע צעלטן, פון דער וויסטעניש — קוקט מיט זעלנערשע קנעפּלעך אָנשטאָט אויגן — יענער נאַכטיקער מאָסקווער און הינטער דער גרויסער שטיינערנער וואַנט באַהאַלטענער — קיטאַי. שטילשווייגעניש. אָן אייביק רעטעניש. אָן אַ האַרטן הוט. אָנשטאָט אויגן — זעלנערשע קנעפּלעך.

יענער מאָסקווער — דורך די נעכט, פון אָוונט ביז פאַרטאָג. דערדאָזיקער — דורך די ווינטערס, פון נאָ־וועמבער ביז מערץ. אין מערץ וועלן די וואָלגאַ־וואַסערן פאַרגיסן קאַנאַווין און אַוועקטראָגן קיטאַי אין קאַספּישן ים אַרײַן.

דאָס איז פון זײַן נע־ונד־צײַט.

און אַ דריטער קיטאַי־גאָראָד.

אָט. אַ טיפער טאָל, סאָסנעס, שניי, — און דאָרט ווײַ־טער — שטיינערנע בערג, אַ בלײַערנער הימל, אַ בלײַערנער ווינט. דער שניי איז פּוכקע, פון דרײַ זײַטן — נאַסע סאָסעס, און שוין דעם דריטן טאָג בלאָזט אַ ווינט: דאָס פאָלק ווײַס, ווינט באַדײַט — שניי. מערץ. צווישן די סאָסנעס אַ ישוב, הינטער די בערגלעך — אַ שטאָט, אין טיפן טאָל — אַ פאַ־בריק. די קוימענס רויכערן נישט, דער הויך־אויוון שווײַגט, עס

שווייגן די פאַבריק-קאַרפּוסן און אין שנייען — די קאַרפּוסן און דער זשאַווער, אַ שטאָלענע שטילקייט. און פון די דורכגעקאָפּטשעטע קאַרפּוסן, פון די פרעזערן און אַיאַקסן, פון די האַמערס און קראַנען, פון הויך-אויוון, פון די פאַרזשאַווערטע אייזן-רעלסן — קוקט אַרויס קיטאַי, שמייכלען אונטער (ווי נאָר עס קענען אונטערשמייכלען) זעלנערשע קנעפּלעך. —

דאָרט, פאַר טויזנט ווייאָרסט, אין מאָסקווע האָט דער מוראַדיקער מילשטיין פון רעוואָלוציע צעמאָלן אילאינקאַ, און פון אילאינקאַ איז צרויסגעקראָכן קיטאַי, געגומען קריכן...

— ווהין ?!

— דערקראָכן ביז טאַיעזשעווו!

— אַ שקר! אַ שקר! אַ שקר! ס'וועט נאָך אויפפלאַקערן דער הויך-אויוון, ס'װעלן נאָך קומען אין באַוועגונג די אייזן-רעלסן, ס'וועלן נאָך נעמען טאַנצן די אַיאַקסן און פרעזערס.

— אַ ש—קר! אַ ש—קר! — און דאָס — נישט היסטעריש, נאָר, ס'קען זיין, מיט אַ קאַלטער רציחה, מיט צענויפגעדריקטע קין-באַקן. — דאָס איז אַרכיפּאָוו.

דאָס איז שוין איצט, אין היינטיקע טעג.

די ווייסע זעבען וואָך אין מערץ — און פאַרן פאַבריק איז מערץ. און פאַר דער שטאָט (דער שטאָט אָרדינין) — יולי, און נעבט און מאָרגנשטערנס — אַ גאַנץ יאָר. אגב, פאַר יעדן — מיט זיינע אויגן, זיין אינסטרומענטירונג און זיין חודש. די שטאָט אָרדינין און די טאַיעזשעווער פאַבריקן — איינס נעבן צווייטן און פאַר טויזנטער ווייאָרסט פון אומעטום.

דער ספור המעשה

קאַפּ.

דאָ פאַרקויפט מען פעמאַדאָרן

אין שטאָט, שטאָטישעס, אויפן שטאָטישן שטייגער.

די אור-אַלטע שטאָט איז טויט. די שטאָט איז אַלט טויזנט יאָר.

דער אָנגעבּרענטער הימל גיסט הייסע נעפּלען, און אין אָוונט ווערט זיין אַ לאַנגער געלער בין-השמשות. דער אָנגעבּרענטער הימל איז באַגאָסן מיט בלאָס און אין-סופיקס, און די צערקווען, די מאָנאַסטירישע דורכגענג, די הייזער, די ערד, — ברענען. אַ חלום אויף דער וואָר. אין דער וויסטער שטילקייט שלאָגן מיט אַ גלעזערנעם געקלאַנג די גלאָקן אין סאָבאָר: — דאָן — דאָן — דאָן, — יעדע פינף מינוט. אין דידאָזיקע טעג — חלומות אויף דער וואָר.

אויף די מאָנאַסטירישע טויערן אַ רויט שילדל מיט אַ רויטן שטערן:

„די אָפּטיילונג פון פאָלקס-מיליץ פון אָרדינישן סאָוועט"

ביי די מאָנאַסטירישע טויערן אַ וואַך-זעלנער. און פון די ווייטע קעמערלעך טראָגן זיך אין דער וויסטע פון טאָג אומרואיקע קלאַרנעט-קלאַנגען, — דאָס לערנט זיך שפּילן קלאַרנעט דער הויפּט פון דער פאָלקס-מיליץ, דער חבר יאַן לאַיטיס. אור-אַלט איז דער מאָנאַסטיר וואָדניע-נאַ-גאָרע, פון קעמערל צו קעמערל, פון צערקווע צו צערקווע פירן דורכגענג, און צו די חייסע ווענט האָבן זיך צוגעקלעפּט, זענען צוגעוואָקסן נעבן-שטיבעלעך, וועלכע זענען פון דער צייט בעוואָרן ברוין. אין די נעכט איז דער מאָנאַסטיר, ווי וואַסילי בלאַזשאָנני*), ענלעך צו טעאַטער-דעקאָראַציעס. וואָדעניע-נאַ-גאָרע, — ס'זענען אין רוסלאַנד געווען צייטן, ווען רוסלאַנד איז געגאַנגען פון מאָסקווע, פון די מאָסקווער שלאַג-בוימער, געגאַנגען צו מזרח צו און צו צפון צו, אין וועלדער און וויסטעס, אַלס מאָנאַסטירן בעת דער קירכע-שפּאַלטונג. ארדינין שטייט אין זאַקאַמיע, — צום דרום-האָריזאָנט — אַ סטעפּ, צום צפונדיקן — וועלדער און זומפּן, צו מזרח צו — בערג. ארדינין שטייט אויף אַ בערגל, איבערן טייך וואָנטשאַ, אין וועלדער. אַ שטאָט פון שטיין. און ס'איז נישט באַוווסט, ווער נאָך וועמען: צי האָבן זיך די פירשטן ארדינינס אַ נאָמען געגעבן לויט דער שטאָט, אָדער די שטאָט ארדינין האָט זיך לויט די פירשטן אָנגערופן.

דאָס לעצטע מאָל האָט די שטאָט געלעבט מיט זיבעציק יאָר צוריק. רוסלאַנד האָט דורכגעמאַכט אַזאַ עפּאָכע, — דער טייוול ווייסט, ווי מ'רופט אָן דידאָזיקע עפּאָכע! — ווען ס'איז גאָר קיין רוסלאַנד אין דער אמתן נישט געווען, נאָר ס'איז געווען אַ געוויסער אומענדלעכער, אין היץ איינגעטריקנטער שטח, מיט געשטרייפטע וויאָרסט-סלופּעס, פאַרביי וועלכע ס'זענען געפלויגן ביז פעטערבורג „טשינאָווניקעס”, כדי פאַרן אימפּעראַטאָר דורכצולייענען זייער ווילערישע אונטערשריפט, — און די טשינאָווניקעס האָבן נישט געהאַט קיין פנימער, נאָר

---

*) אַ קירכע אין מאָסקווע (איבּ.)

עפּעס טויטס אין בלויעם—קאַזיאָנעם, זשאַנדאַרמישן — טוך; — נישט אומזיסט זענען אין יענע טעג — לויט גאָגאָלן — אין די יולישע היצן טשינאָווניקעס געפלויגן אין פוטערס, — זיך געיאָגט צוליב דעם, כדי ביי די שלאַגבוימער, אין די געשטרייפטע ביידלעך בייטן די פּאָסט-פערד און דורכפאָרן די שטעט מיט פאַרשטיקטע גלעקלעך. רוסלאַנד האָט אין יענע טעג געהאַט אַ טויט פּנים, ווי ביי אַ טשינאָווניק, יענע טעג זענען ענלעך געווען אויפן פאַרשרפנדיקן יולי, אויף יענעם, וועלכער ברענגט הונגער און טריקעניש. נישט אומזיסט האָט זיך יענע עפּאָכע אויסגעלאָזן מיט סעוואַסטאָפּאָל. און פון יענער עפּאָכע איז איבערגעבליבן אין קרעמל, ביים שלאַגבוים, קעגנאיבער די מאָנאַסטירישע ווענט — אַ הויז, — פון לאַקייאישער אַרכיטעקטור! — מיט אַ געשטרייפטן ביידל ביים טויער, אָפּגעפאַרבט אין ציגאַבער, נאָר מיט ווייסע וואַנט-ציילן צווישן יעדע צוויי פענסטער; און מיט בלויע פענסטער-און טירן-ראַמען. די פירשטן אָרדינינס האָבן זיך געטיילט אויף אָרדינינס און וואָלקאָוויטשעס, אָבער אויך די גענערעלער וואָלקאָוויטש האָבן זיך אויסגענומען, און אין רעכטן הויז-פליגל האָט געוווינט אַנדרעי וואָלקאָוויטש, אין קעלער האָט זיך געפונען דער שוסטער סעמיאָן מאַטווייעוויטש זילאָטאָוו, אין אויבער-שטיבל האָבן פאַרנומען צימערן די קליין-בירגערין פריילין אָלענקאַ קונץ, און דער בירגער סערגעי סערגעעוויטש, — די פירשטן אָרדינינס אָבער האָבן זיך באַזעצט אין צווייטן עק פאַרק ביים אַלטן אַריינפאָר, ביים אַלטן סאָבאָר.

קעגנאיבער דעם הויז — די קלויסטערשע טויערן, רעכטס — דער סאָבאָר-פּלאַץ, אַן אויסגעטראָטענער דורך יאָרהונדערטן, אַן אויסגעמאַטערטער דורך אַ סך היצן, הינטערן סאָבאָר-פּלאַץ — דאָס אָרדינינשע הויז, אויך פון לאַקייאישער אַרכיטעקטור, פון הינטן דער שפּיץ, באַוואָקסן מיט קופּער-שטאַמיקע סאָסנעס. פון פערגל, פון שלאַגבוים זעט זיך דער טייך וואָלאָגאַ, הינטערן טייך, הינטער די פאַרגאָסענע ערטער און סאַזשעלקעס, אין די וועלדער, זעען זיך הייט ווייסע גלאָקן-טורעמס, די רעדענעווער

און אַנדערע, — און הינטערן וואַלד צווישן די נייע בערגלעך סטאַרטשען די שוואַרצע קוימענס פון פאַבריק, — אָבער דאָס איז עפּעס גאַנץ אַנדערש.

דער גלייענדיקער הימל גיסט הייסע בעפּלען. אין אָוונט וועט זיין אַ געלער בין-השמשות, — און איינאָוונט וועלן אונ-טערן בערגל אויפפלאַקערן שייטערהויפנס: דאָס וועלן קאָכן געקעכטס הונגעריקע, פון יענע, וואָס קריכן אין די טויזנטער אין סטעפּ נאָך ברויט, און פון אונטערן בערגל וועלן זיך נע-מען טראָגן אומעטיקע לידער. די שטאָט וועט שוין שלאָפן: די שטאָט איז פאַרעלטערט געוואָרן אין קריגס-צושטאַנד. ביי-נאַכט וועלן פון די פאַרגאָסענע ערטער און סאַזשעלקעס זיך ציען נעפּלען. ביינאַכט גייען אַרום איבערן שטאָט וואַכן, קלינגענדיק מיט די ביקסן. — ביינאַכט וועט דער בירגער סערגעי סערגעעוויטש אַרונטערגיין צו סעמיאָן מאַטוועעוויטש זילאָטאָוו, וועט זיך צוזעצן אויפן בחורישן שטייגער אויפן ביי-שטידל, אין די הוילע נישט-פרישע וועש, וועט אונטערלייגן אונטער זיך זיינע אָנגעשוואָלענע פיס און וועט דערציילן וועגן מאַיאָנעזע און קעלבערנע קאָטלעטן.

— דאָן, דאָן, דאָן — שלאָגן די גלאָקן אין סאָ-באָר. אַנדערע טעג. אַ הייַנטיקער יאָרהונדערט.

ביים פון רעוומאַטיזם אויסגעטריקנטן שוסטער סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו איז דאָס אויסגעטריקנטע פּנים אויסגעקרימט אין אַ זייט. צווינקענדיק מיט זיין איינציקן אויג, רעדט ער:

— היינט גייט דאָס יאָר אַכט טויזנט פירהונדערט זיבן און צוואַנציק. — און גיט צו מיט אַ שמייכעלע: — איר גלייבט נישט? רעכנט איבער! און איך שווער זיך: ביים טייוול, פּיג-טאַגראַממאַ.

ביי סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו, אין קעלער-פענסטער, איז אַ חוץ דעם טאָוול מיט אַ שטיוול, אַקוראַט קעגנאיבער דעם שילדל:

„די אָפּטיילונג פון פאָלקס-מיליץ פון ארדיגינשן
פּאָוודעפּ״
— צוגעקלעפּט אַ מעלדונג;
— „דאָ פאַרקויפט מען פּעמאַדאָרן״,
און ס'איז אָנגעצייכנט אַ רויטער פּאָמידאָר.

עס גליען די שטייגער.

אין קרעמל איז אַ מדבר. גאַנץ אַנדערע טעג. אַ חלום אויף דער וואָר. נאָכמיטאָק וועט קומען פון דער אַרבעט אין דער אָפּטיילונג פון דער פאָלקס-מיליץ — אָלענקאַ קונץ, זי וועט זינגען ראָמאַנסן, און אין געלן בין-השמשות וועט זי גיין מיט די חברטעס אין קינעמאַטאָגראַף „ווענעציאַ״.

די גלאָקן שלאָגן אויס:
— דאָן, דאָן, דאָן
—„דאָ
פאַרקויפט מען פּעמאַדאָרן״. —

אָלענקאַ קונץ און דער מאַנדאַט

דער טאָג האָט אָפּגעבליט מיט אַ געלן בין-השמשות, צו נאַכט צו האָבן זיך אויפגעהויבן פייכטע נעפּלען.

אינדערפרי, ביי דער אַרבעט אין קלויסטער, האָט אָלענקאַ קונץ פאַרמערט אויפן ראָנעאָ מאַנדאַטן. אין דער קליי-נינקער צעלע איז געווען ווי פריער, פאַר די מאָנאַשקעס, ריין און ליכטיק, אויף די אָפענע פענסטערלעך האָבן זיך געוואַ-רעמט געראַניעס און באַלזאַמענעס, אין מאָנאַסטירישן גאָרטן האָבן געזונגען פויגלען. אָלענקאַ קונץ האָט געדרייט:

„מאַנדאַט.

דערדאָזיקער איז געגעבן געוואָרן דעם חבר.......................
מיטן רעכט דורכצופירן ביים ב........................... אַ רעוויזיע
און אין פאַל ווען ס'איז נויטיק, אַן אַרעסט. —
דער הויפּט פון מיליץ סעקרעטאַר
געשעפטס-פירער״.

און אונטערן וואָרט — געשעפטס-פירער — האָט אָלענקאַ קונץ זיך אונטערגעשריבן מיט איר אומבאַהאָלפענעם כּתב און פונדעסטוועגן מיט אַ ווײַדעלע פון אונטערשריפט: אָ. קו. און אַ שטעקעלע און אַ ווײַדעלע.

אינדערפרי, אין איספּאָלקאָם, אין קלויסטער (אויך דאָ האָבן זיך אויף די פענסטערלעך געוואַרעמט באַלזאַמענעס), אין איספּאָלקאָם האָבן זיך צענויפגעקליבן — דער צייכן פון דער צײַט — לעדערנע מענטשן אין לעדערנע קורטקעס (באַלשעוויקעס!) — איינער אין איינעם — לעדערנע פאַרשוינען, יעדער איז פעסט, און די לאָקן — אין רינגען אונטער די היטלען אויפן נאַקן, — בײַ יעדן איז צום מיינסטן ווילן אין די שטייף אָנגעצויגענע באַקן-ביינער, אין די פאַלדן בײַ די ליפּן, אין די געפּרעסטע באַוועגונגען, — און העזה. פון רוסישן צעקראָכענעם, פאַרדאָרבענעם פאָלק — אַן אָפּקלײַב, און דאָס, וואָס אין לעדערנע קורטקעס — איז אויך גוט: וועסט דידאָזיקע נישט אונטערנעצן מיטן לימאָנאַד פון פּסיכאָלאָגיע, — אָט אַזוי-אָ האָט מען באַשלאָסן, — אָט אַזוי-אָ ווייסן מיר, — אָט אַזוי-אָ ווילן מיר — און אַן עק! אגב, קאַרל מאַרקסן האָט קיינער פון זיי, מסתּמא, נישט געלייענט. פּיאָטר אָרעשין — דער פּאָעט, האָט וועגן זיי געזאָגט:

„פרײַהייט די קבצנים ברענגען —
אָדער אויף דער תּליה הענגען!"

אַרכיפּ אַרכיפּאָוו, — מײַן העלד, — איז פון באַגינען געזעסן אין איספּאָלקאָם, געשריבן און געטראַכט — דער טאָג האָט אים געפונען מיט אַ בלײַ-געוואָרענעם שטערן, איבער אַ בויגן פּאַפּיר, מיט צענויפגעצויגענע ברעמען, מיט אַ באָרד, אַ קוים-קוים צעקודלטע, — און די לופט אַרום אים (נישט ווי תּמיד נאָך אַ נאַכט) איז געווען ריין, ווײַל אַרכיפּאָוו האָט נישט גערויכערט. און ווען די חברים זענען געקומען, און ווען אַרכיפּאָוו האָט איבערגעגעבן זײַן בויגן פּאַפּיר, האָבן די חברים צווישן די איבעריקע ווערטער איבערגעלייענט דאָס אומדערשראָקענע וואָרט: דערשיסן.

און נאָך דעמזעלבן אינדערפרי, אין קלויסטער, אין אַ ווייטער צעלע הינטער באַלזאַמענעס ביי אַ ווינקלדיקן טורעם, אַ באַוואָקסענעם מיט מאָך, — האָט דער אַרכיעפּיסקאָפּ סילוועסטער, וואָס איז אין פאָלקס-גלויבן באַוואָקסן געווען מיט מאָך, געשריבן אַ ווערק וועגן „גרויסרוסלאַנד, רעליגיע און רעוואָלוציע". אַ געוועזענער קאַוואַלערגאַרד און פירשט, אַ מיט מאָך באַוואָקסענער גרויענקער פּאַפּיק אין אַ שוואַרצן מאָנאַכן-קיטל, איז דער אַרכיעפּיסקאָפּ סילוועסטער געזעסן ביים טישעלע מיט פּאַפּירן, און אויפן טישעלע צווישן די פּאַפּירן איז געלעגן אַ ראָזשאַק שוואַרצן ברויט און אין אַ הויכן קרוג איז געשטאַנען וואַסער פון קוואַל. דאָס פענסטערל מיט באַלזאַמענעס איז געווען הויך, און ביי דער טיר איז געזעסן אַ שוואַרצער מאָנאַכל, אַ דינער, דער אייניציקער און צופעליקער אין פרויען-קלויסטער, דער פּאַפּיק, דער מיט מאָך באַוואָקסענער, האָט געשריבן אייליק, און אין זעלבסט-פאַרגעסנקייט. האָט דאָס מאָנאַכל אַלט-רוסישע לידער אונטערגעברומט, זיך פרעגלענדיק אין דער היץ.

אָ. קו. (און שטעקעלעך און אַ ווידעלע).

נאָך דער אַרבעט איז אָלענקאַ קונץ געגאַנגען אין רעסטאָראַן, גערעדט מיט אַ חברטע וועגן נייעם באַקאַנטן פון ווסעפּראָפּינאַנס, און פאַרשלעפּט די חברטע צו זיך (אַלע קאַוואַלערן, לויט דער ריי נאָך, זענען געווען אָלענקאַ קונץ'ס פּאַרערער, און יעדע וואָך האָט זי געהאַט אַ נייע חברטע פאַר סודות און געהיימנישן). פון טויער-טירל ביזן הינטערשטן גאַנג — איבער די ברעטלעך, וואָס זענען אויסגעלייגט אין גראָז איבערן פאַרוואַקסענעם הויף — דורכגעלאָפן, קלאַפּנדיק מיט די קנאַפּעלעך, די וואַקלדיקע שטיגן, פאַרביי דעם שטיקנדיקן בית-הכסא, אַרויף אין אויבערשטיבל, אויפגעמאַכט די פענסטערלעך און געזונגען:

אין גאָרטן, ווו מיר האָבן זיך באַגעגנט,
דער כריזאַנטעמען-קוסט...

אינגיכן זענען זיי ווידער אַראָפּגעלאָפן אין הויף, אין גאָרטן אַריין, געגעסן מאַלינעס. דער טאָג האָט אָפּגעבליט מיט א געלן בין־השמשות. פאַרנאַכט־צייט איז אָלענקאַ קונין אַוועק אין קינעמאַטאָגראַף „ווענעציאַ", דאָרט האָט געשפּילט ווערא כאָלאָדנאַיאַ. אין ווענעציע איז צו אָלענקאַ קונין צוגעגאַנגען דער הויפּט פון דער פאָלקס־מיליץ, דער חבר יאַן לאַיטיס. אָלענקאַ קונין איז מיט לאַיטיסן געגאַנגען צום שפּוע, אונטערן שפּוע, אין נעפּל, האָבן געברענט די פייערן פון די הונגעריקע, ס׳האָבן זיך שוין אויפגעהויבן נעפּלען און די שטאָט האָט געשוויגן — צווישן וועלדער, צווישן זומפּן, — אין קריגס־צושטאַנד: אָלענקאַ קונין האָט געלאַכט, ווען די פּאַטרולן האָבן געפּאָדערט א פּאַסיר־שיין און לאַכנדיק פלעגט זי זיך נאַאיוו צוטוליען צום חבר לאַיטיס. דער חבר לאַיטיס, אין אַ סאַמעטענער קורטקע, האָט גערעדט וועגן מוזיק און בעטהאָווענען, וועגן אַ פידל און א קלאַרנעט.

אָלענקאַ קונין האָט זיך געזעגנט מיטן חבר לאַיטיס ביים גאָרטן־טירל, דורכן גאָרטן אַרויף אין שטוב, אויף אַ מינוט האָט אויסגעפלאַמט אין אויבער־שטיבל אַ פייער, און דאָס הויז איז אָפּגעשטאָרבן. די נאַכט איז געווען אַ חושכדיקע, אַ גראָע. פייכטע נעפּלען האָבן גענומען קריכן פון טייך־טאָל.

און דאַן האָט מען שאַרף אָנגעקלונגען ביים טויער (דאָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס געשטרייפט ביידל). דער גלאָק האָט טרויעריק אָפּגעקלונגען. ביים טויער איז געשטאַנען דער חבר לאַיטיס מיט אַן אָפּטיילונג זעלנער. געעפנט דאָס טירל האָט אַנדרעי וואָלקאָוויטש.

דער חבר לאַיטיס האָט געפרעגט:

— ווו איז דאָ די דירה פון אָוויציר־אַדלמאַן־זדודענט וואָלקאָוויס.

אַנדרעי וואָלקאָוויטש האָט גלייכגילטיק געענטפערט:

— פאַרנעמט זיך אַרום הויז, דאָרט איבער די שטיגן אויפן צווייטן שטאָק.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַ געניץ געטאָן, אונטערגעשטאַנען בײַם טירל, פֿויל זיך פֿאַרנומען צום הויז, צום פֿאָדערשטן אַרײַנגאַנג. דער חבר לאַיטיס מיט די זעלנער זענען אײַנציקחײַז, איבער די ברעטער, וואָס זענען אויסגעלייגט געווען איבערן הויף־גראָז, אַוועק צום הינטערשטן אַרײַנגאַנג. די שטיגן האָבן דערפֿירט צו אַ פֿאַרהאַקטער טיר.

— נישט דאָ.

— די טירן ברעכט.

די טיר האָט מען אויפֿגעבראָכן, הינטער דער טיר האָט זיך געוואַלגערט צעבראָכן מעבל, איז געשטאַנען אַ ביליאַרד־טיש. מיט אַ צווייטער טיר זענען זיי אַרויס אויף אַן אויסגעפֿוילטע גאַלעריי, און די גאַלעריי האָט געקרעכצט אונטער די שווערע קערפּערס, אין האַלב־חושך פֿון קאָפּטשנדיקע צינדערס האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן אין זאַל גראָע שאָטנס, האָט געגומען פֿאַלן טינק.

— נישט דאָ. שטיגן זענען דאָרט אויף דער פּלאַטפֿאָרם, אַפּיסל העכער.

אין אויבער־שטיבל האָט אַ שמעק־געטאָן מיט נאַכטזויערקייט און באַווינטקייט. אויף סערגעי סערגעעוויטשעס טיר איז געהאָנגען אַ וויזיט־קאַרטע. סערגעי סערגעעוויטש האָט זיך באַוויזן אין טיר, אין די אונטערשטע וועש, מיט אַ ליכט, אַ פֿאַרשוואָלענער, געציטערט, ווי אַן עספּע, און פֿון ליכט איז זיך צעגאַנגען אַ ציטערדיקע שײַן.

— ווו איז דאָ וואָלקאָוויטשעס דירה?

— ער וווינט נישט דאָ, ער וווינט אונטן. פֿון פֿאָדערשטן אַרײַנגאַנג לינקס, צוויי צימערן.

— רעווידירן. אַרומרינגלען דאָס הויז!

אַנדרעי וואָלקאָוויטש האָט זיך שוין אין הויז נישט געפֿונען.

דער חבר לאַיטיס האָט געוויזן סערגעי סערגעעוויטשן

דעם מאַנדאַט, ווו מיט לאַיטיסעס אונטערשריפט איז חבר לאַיטיס באַפולמעכטיקט געוואָרן דורכצופירן אַ רעוויזיע און אַן אַרעסט, — און דאָרט איז נאָך געווען די אונטערשריפט פון אָלענקאַ קונץ:

אָ. קו. (און שטעקעלעך און אַ ווײדעלע).

ביי אָלענקאַ קונץ האָט מען אָנגעקלאַפּט. אָלענקאַ קונץ האָט געוויינט. צו איר איז אַריין חבר לאַיטיס.

— דאָס איז נישט פיין, נישט פיין, כ׳בין נישט אָנגעטאָן, גייט אַוועק!

אָלענקאַ קונץ איז געזעסן אויף דער בעט, די פיס אונטער זיך, אין העמד, און הינטערן פענסטער ביי דער בעט האָט פונדערווייטנס זיך געראָזט דער באַגינען. דאָס העמדל האָט נישט פאַרדעקט אָלענקאַ-קונץ, כאָטש אָלענקאַ קונץ האָט צעגויפגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט, און עקשנותדיק האָבן זיך אָנגעשפאַרט אין אָלענקאַ קונץ׳ס ברוסט די אויגן פון חבר לאַיטיס, דערנאָך האָבן זיי זיך אַראָפּגעגליטשט איבער די פולע קני. אָלענקאַס ליפּן האָבן זיך אין געוויין קאָקעטיש צעגויפגענומען, ווי קערשעלעך.

— דאָס איז נישט פיין, נישט פיין. כ׳בין נישט אָנגעטאָן. מיר איז אַ רחמנות אויף אַנדרעיען. גייט אַוועק!

חבר לאַיטיס אַיז אַרויסגעגאַנגען. סערגעי סערגעעוויטש איז אַרומגעלאָפן איבערן הויז, שווער זיך אַראָפּזעצנדיק אויף יעדער פוס, באַדינענדיק. אַנדרעי וואָלקאָוויטשן האָט מען נישט געפונען. דער הויפּט פון דער פאָלקס-מיליץ איז אַוועק. סערגעי סערגעעוויטש האָט באַגלייט. איבער די גאַסן זענען געקראָכן פייכטע נעפּלען, פונדערווייטנס האָט זיך געראָזט דער באַגינען.

אָלענקאַ קונץ האָט געוויינט, אין דער גראָער אויפבליענדער אומרייִנער טריבקייט האָט באַליידיקט געוויינט אָלענקאַ קונץ: — ס׳איז איר אַ רחמנות געווען אויף אַנדריושאַ וואָלקאָוויטשן און זי האָט ליב געהאַט אַ ווייִן צו טאָן. — און אין דער גראָער אויפבליענדיקער אומרייִנער טריבקייט האָט

זיך גענומען טראָגן איבערן הויז אַ ריזן-געלעכטער: דאָס האָט געלאַכט סערגעי סערגעעוויטש. סערגעי סערגעעוויטש האָט גע-נומען שווער טרעטן, זיך אָפּזעצנדיק אויף יעדער פוס, אראָפּ פון די שטיינערנע שטיגן אין קעלער צו סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוון. סעמיאָן מאַטוועעוו איז געשטאַנען נעבן אויוון, דער אויוון האָט געפּלאַקערט, אין סלאָאיקלעך האָבן זיך געוואַרימט ביים פייער עפּעס אַזעלכע געווירצן.

— האָסט געזען? — האָט סערגעי סערגעעוויטש סאַר-קאַסטיש געזאָגט און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, האַלטנדיק זיך ביים בויך.

סעמיאָן מאַטוועעוו האָט געענטפערט:

— פינטאָגראַממאַ, און נישט פינטאָגאָן.

— אַ יונג מיט ביינער! האַ?!.. אַליין אויפגעעפנט און — זייט מוחל צום הינטערשטן גאַנג! האַ?!.. כאָ—כאָ! זוך אַ ווינט אין פעלד! כאָ—כאָ!

— איין זאַך איז אַ שאָד, וואָס אַ רוס. ביים טייוול. אָבער: — זעסטו דעמדאָזיקן צייכן? — דער אויסלענדער איז געפונען געוואָרן!

— האָסט געזען? כאָ—כאָ!.. די קאָכסט נאָך אַלץ? — וואָלסט כאָטש אפּגעפּרעגלט אַ חזיר-קאָטלעט! כאָ—כאָ, וועסט נישט קויפן!

מיט אַ גראָער אומריינער טריבקייט האָט זיך פאַרנומען דער פרימאָרגן און איבער דער גאַס זענען געקראָכן פייכטע נעפּלען, מיטן באַגינען האָט אין נעפּל געגומען שפּיגלען אויפן האָרן דער פאַסטוך, טרויעריק און שטיל, ווי אַ פערמער צפון-באַגינען.

פּענטאַגראַממאַ, אָדער דער מאַסאָנישער צייכן, אַז איבערזעצונג פון פראַנצויזיש

עפּעס פילאָזאָפישעס.

סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו. פון דער שטילער יוגנט

אָן האָט גאָט באַשאָנקען דעם גרויסן פּרעדיקער סעמיאָן מאַט-וועעוו זילאָטאָוון מיט אַ ליידנשאַפטלעכער און צאַרטער ליבע צו ביכער. זיין לעבן איז אַדורך אין אַרדינין. אַרדינין אָבער האָט דאָס לעצטע מאָל געלעבט מיט זיבעציק יאָר צוריק, אָפּשטאַרבנ-דיק זינט דעמאָלט, און אין אַרדינין איז געווען אַן איין-און-איינציקע בוכהאַנדלונג („אויפקויף און פאַרקויף") — וואַריגינס בודע אין די האַלעס, וו ס'פלעגן פאַרקויפט ווערן און ווידער געקויפט ווערן איינע און די זעלבע ביכער, אין לעדערנע איינ-בונדן און וואָס שמעקן מיט וואַנצן. די נעמען פון דידאַזיקע ביכער:

„פּענטאַגראַממאַ, אָדער דער מאַסאָנישער צייכן, איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש". „אָפּטימיסם, ד. ה. די בעסטע וועלט, איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש". „די שכל-דיקע עקסיסטענץ, אָדער די עטישע אָנשויאונג אויפן ווערט פון לעבן, איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש, די אויס-גאַבע פון לאָגיק און מעטאַפּיסיק פון פּראָפעסאָר אַנדריי בריאַנצעוו". „פּאַפּיוסעס שוואַרצע מאַגיע". „מאַסאָנישע לאָזשעס, אָדער די גרויסע מויערער, איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש".

די טויטע טעג פון דער טויטער שטאָט האָט פאַרשענערט פּאַפּיוס. די יוגנט פון סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוון — אין הויז פון די וואָלקאָוויטשעס, אין קעלער, האָט פאַרשענערט די ביכער-חכמה פון דער איבערזעצונג פון פראַנצויזיש. און די היץ פון די הייסע יולן האָט אויסגעטריקנט דעם ליידנשאַפט-לעכן מאַרך פון מאַטוויי זילאָטאָוון. אָ, ביכער!

די מלחמה האָט אויפגעפלאַקערט אין ברענענדיקן יולי מיט וואַלד-שׂרפות, סעמיאָן מאַטוועעוו איז אַוועקגעפאָרן אויפן פראָנט אַלס פּשוטער זעלנער. די מלחמה איז פאַרבערענט גע-וואָרן אין אַ רעוואָלוציע, און פאַר זיין גרויס געלערנטקייט איז זילאָטאָוו אויסגעוויילט געוואָרן פון די עס-ערן אין ראַט פון די זעלנער-דעפּוטאַטן, אין קולטור-און-בילדונגס-אָפּטיילונג. די רעוואָלוציע האָט געפלאַקערט מיט רעדעס. — סעמיאָן

מאַטוועעוו זילאָטאָוו פּלעגט אַרומפּאָרן מיט די רעפּערענטן אויף סטאַב-מאַטאָציקלעטקעס, כּדי צו ריידן צו די זעלנער — אין צפּעס אַ פּריצישן פּאַלוואַרק — וועגן רעכט, — וועגן ברידער-לעכקייט, — וועגן מלוכה, — וועגן רעפּובליק, וועגן דער פּראַנצויזישער קאָמונע, און וועגן גרישקאַ ראַספּוטינען.

און די זעלנער פּלעגן נאָך דער לעקציע דערלאַנגען צעטעלעך:

— „און וואָס וועט זיין מיט גרישקען אויף יענער וועלט?" — „חבר לעקצער. און וואָס וועט זיין מיט מיין ווייב, אויב איך אויפן פראָנט וועל שטימען פאַר די יעסער, און זי פאַר פּורישקעוויטשן?" — „כ'בעט דיר דערקלערן צי מ'קען זיין גלייכצייטיק אין צוויי פּאַרטייען פון די חבר. יעסער און די חבר. באָלשעוויקעס?" — „חבר לעקציאָנער. כ'בעט דיר דערקלערן ביי דער פּראָגראַמיע פון די באָלשעוויקעס וועט זיך שטאַכירן די זריעה אויף די פעלדער אָדער ס'שטעלט זיך פאַר די עקספּראָפּריאַציע פון די קאַפּיטאַלן?" — „הער חבר, צי וועלן די פּרויען באַפרייט ווערן פון אַכט שעהדיקן טאָג אין דער צייט פון מענסטרואַציע און מיר בעטן אין קורצן דערקלערן די ביעגראַפי פון וויקטאָר הוגאָ. חבר יערזאָוו"

און סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוון פּלעגט אָפּט אויס-קומען אַרויסצוהעלפן די רעפּערענטן, — ערגיץ-ווו אין שטאַל פון אַ פּאַלוואַרק, — אַרויפקריכן אויפן טיש און שרייען:

— חברים! איך, אַלס אייער פאָלקס-אויסדערוויילטער, בעט קיין נאַרישע שטותצרייען נישט צו שרייבן!

דאָס איז געווען אין דער ליבער פּאָלעסיע, ווו עס זע-נען דאָ אָזערעס, קיזלשטיינער, בערגלעך, סאָסנעס און אַ בלאַ-סער הימל. דער זומער איז אָפּגעשטאָרבן מיטן שטילן אויגוסט מיט זיינע שטילע, לאַנגע אָוונטן. בייטאָג האָבן די זעלנער געשריבן שטותערייען, און אינאָוונט, ערגיץ-ווו הינטערן שוק-וואַל אָדער אויפן פערד-הויף פון פּאָלוואַרק, האָבן די זעלנער

נעקאָכט די קעסעלעך — און דערציילט: וועגן זייערע ענינים און בבא־מעשיות. די זעלנער האָבן גערעדט מיט זייערע פשוטע פויערשע רייד וועגן איוואַנושקאַ־שוטה, ווי פשוטקייט און אמת באַזיגן דעם אומרעכט, וועגן אונזערע שטילע פעלדער, וועגן טרויער פון די פעלדער, וועגן וועלדער, וועגן דער כאַטעדיקער רוסלאַנד, די ווערטער זייערע זענען געווען קלאָר און ריין, ווי דידאַזיקע אויגוסט־אָוונטן, די בילדער — קלאָר און ליכטיק, ווי דידאָזיקע אויגוסט־שטערן, און די טרוימען — וווּנדערשיין.

צוויי נשמות, מזרח און מערב, די פאָלקס־חכמה, דאָס אור־אַלטע, אייגנס, ווּנדערשיינעס, נאַרישקייט און חכמה, דער לעגענדאַרער אמת, פאַרפלאָכטן מיט פיין און אומרעכט, וואָס האָט זיך יאָרהונדערטער געפּוּנען אונטערן אָדלער־שטיין, און אָפּגעפלאָכטן — דורכן אמת טאַקע. סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו האָט דאָס טאַקע געזען פּנים אל פּנים, אָבער, — אָ, ביכער! — סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו האָט דאָ דערזען עפּעס אַנדערעס. — אַרומפאָרנדיק מיטן רעדנער איבער די אָקאָפּעס, האָט סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו אין איינעם אַ פרימאָרגנדל געטרונקען טיי הינטערן שוץ־וואַל, אין שוץ־וואַל האָט אַריינגעקלאַפּט אַ דייטשע האַרמאַטן־קויל, סעמיאָן מאַטוועעוו איז פאַרגראָבן געוואָרן צוזאַמען מיטן שעלכעלע, אַ צווייטע האַרמאַטן־קויל האָט אים אַרויסגעוואָרפן אויף דער ליכטיקער שיין (דאָס שעלכעלע איז געבליבן גאַנץ), — און סעמיאָן מאַטוועעוו איז געקומען צו זיך, זיך אומגעקערט אין דער וועלט פון רעאַליטעטן ערשט אין אַ חודש אַרום אין זיין היימישן אָרדינין; דער קערפּערלעכער אויסזען פון סעמיאָן מאַטוועעוון איז פאַרקריפּלט געוואָרן: דאָס פּנים איז אים אויסגעקרימט געוואָרן אויף אַ זייט, איין וואָנסע האָט גענומען אויסזען גרעסער ווי די צווייטע, דאָס רעכטע אויג איז אויסגערונען, דער קערפּער אויסגעטריקנט געוואָרן און סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו האָט גענומען גיין ווי ס׳גייען דורך דער עלטער אויסגעדינטע אויסגעדאַרטע יאַכט־הינט; דער אויסגעטריקנטער מאַרך פון סעמיאָן

מאַטווערוו זילאָטאָוו, צעפּרעסן דורך אַ חודש טויט, צעפּרעסן דורך די ביכער פון וואַריגינס טישל (אין לעדערנע איינבונדן און מיטן וואַנצן-ריח), נישט באַמערקנדיק די חכמה פון דער כאַטעדיקער רוסלאַנד, האָט אַנטפּלעקט אַ גרויסע געהיימניש: — צווי נשמות, אַ גרויסע געהיימניש, די שוואַרצע מאַגיע, פּענטאַ-גראַממאַ, די פּענטאַגראַממאַ פון בוך „פּענטאַגראַממאַ, אָדער דער מאַסאָנישער צייכן, איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש״. (וואַ-ריגין איז שוין אין יענער צייט געזעסן אַלס ערובניק אין תפיסה). אויף די רויט-אַרמייאישע היטלען האָט זיך שוין אין יע-נער צייט באַוויזן דער פינפעקיקער רויטער שטערן. רוס-לאַנד. רעוואָלוציע. די ביכער האָבן גערעדט אַזוי ווי מ׳האָט פאַרבאָטן צו קלערן מיט הונדערט יאָר צוריק. און אָט איז זי, רוסלאַנד, — דאָס אויפגערודערטע, טריבע, קריכנדיקע, שפּרינגנדיקע, קבצנישע. מ׳מוז, מ׳מוז רוסלאַנד פאַרבינדן מיטן מערב, צעגויפמישן די בלוטן, עס מוז קומען דער מענטש — אין צוואַנציק יאָר אַרום! אויף די רויט אַרמייאישע היטלען האָט אויפגעפלאַקערט מיט אַ מיסטישן געשריי די פּענטאַ-גראַממאַ („איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש״), זי וועט ברענגען, דערטראָגן, מציל זיין. די שוואַרצע מאַגיע — איז דער טייוול. דער טייוול, און נישט גאָט. גאָט — פאַרניכטן, אין צערקווע, אין אַלטאַר וועט רוסלאַנד זיך פאַרבינדן מיטן מערב. רוסלאַנד, רעוואָלוציע. מציל זיין רוסלאַנד (פון וואָס, אייגנטלעך?). — דער יוגנט-טרוים און דער אין טרוימען אויסגעטריקנטער מח!

געלעבט האָט סעמיאָן מאַטווערוו ווי אַ קרעבס-שנעק, און זיין קעלער איז אים געווען — אַ מושל: סעמיאָן האָט בלויז געדאַרפט אַ וואָרף טאָן אויפן אויוועלע מיט דער פוס — און דער וואָקלאַק איז שוין געפלויגן אין ווינקל אַריין, ס׳איז גענוג געווען אַ וואָרף צו טאָן מיט דער צווייטער פוס — און דער צווייטער וואָקלאַק האָט זיך געשטעלט אין ווינקל נעבן דעם ערשטן; סעמיאָן מאַטווערוו וואָלט בלויז געדאַרפט אומ-געשיקט זיך אויסדרייען אויפן אויוון — און ס׳וואָלטן געגומען פאַלן אין אויוון די אויסגעטריקנטע ציגל, אָבער דאָס האָט

קיינמאָל נישט געטראָפן, הייל סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו אי־ אפילו אין שלאָף געווינט געווען צו ליגן אַלס אַן אומגעז ווינלעכער פראַגע־צייכן; — אַז סעמיאָן מאַטוועעוו האָט אין חושך פון דער נאַכט געוואָלט האָבן ביי זיך די „פּענטאַגראַממאַ — אָדער דער מאַסאָנשיער צייכן, איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש", — פלעגט ער זיך אַראָפּבויגן פון אויוועלע און מיט זיכערקייט נעמען פון טיש די „פּענטאַגראַממאַ" און טאַפּנדיק דערקענט די זייטלעך.

בלויז איינס איז אַ שאָד, וואָס ער איז אַ רוס. ביים טייוול. פונדעסטוועגן — זעסטו דעמדאָזיקן צייכן ?! — דער אויסלענדער איז געפונען געוואָרן!

— האָסט געזען ? האָ—האָ !.. כסדר קאָכסטו ? וואָלסט כאָטש אָפּגעפּרעגלט אַ חזיר־קאָטלעט !.. האָ—האָ ! וועסט ביליק נישט קויפן !..

מיט אַ גראָער אומריינער טריבקייט האָט זיך פאַרנומען דער פאַרטאָג, און איבער דער גאַס האָבן זיך געצויגן פייכטע נעפלען. מיטן באַגינען, אין נעפּל, האָט גענומען שפּילן דער פאַסטוך. סערגעי סערגעעוויטש האָט זיך אויפן בחורשן שטיי־גער געזעצט אויפן ביישטידל, אַרונטערציענדיק אונטער זיך זיינע געשוואָלענע פיס. אין אויוון פאַרן פייער האָבן זיך גע־וואַרימט אין טיגלעס עפּעס קליינע אַזעלכע, פון הינטערן אויוון איז אַרויסגערוקט געווען אַ טישל מיט צעעפנטע ביכער, ווו דער „ש" איז ענלעך געווען אויף אַ „ט" און דער „וו" אויף אַ „או", און מיט אַ גלאָבוס, אויף וועלכן רוסלאַנד איז געווען אָפּגעפאַרבט אויף רויט. סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו, איב־גאַנצן אַריינגעטאָן אין טראָגן פון אויוון צום טיש די טיגלעס, איז געגאַנגען מיט זיין גאַנג, וואָס איז ענלעך אויפן גאַנג פון אַן אַלטן הונט.

סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו האָט גענומען פון טיש אַראָפּ אַ פינפעקיקן טאָוול, ווו אין צענטער, אין אַ קרייז, איז גע־

ווען אָנגעשריבן דאָס וואָרט — מאָסקווע, און אין די ווינקלען — בערלין, ווין, פּאַריז, לאָנדאָן, רוים. שטילשווייגנדיק איז סע-מיאָן מאַטוועעוו צוגעגאַנגען צו סערגעי סערגעעוויטשן, צענויפ-געלייגט די ווינקלען פון פינפעק: בערלין, ווין, פּאַריז, לאָנ-דאָן, רוים זענען צענויפגעפאַלן צוזאַמען. צעעפענענדיק ווי-דער די ווינקלען, האָט סעמיאָן מאַטוועעוו אויף אַ נייעם אופן צענויפגעלייגט דעם פינפעק — בערלין, ווין, פּאַריז, לאָנדאָן, רוים האָבן זיך צוגעבויגט צו מאָסקווע, און דער קאַרטאָן איז געוואָרן ענלעך אויף אַ פּאָמידאָר, וואָס איז אונטן-צו אָפּגע-פאַרבט אויף רויט.

— זעסט דעמדאָזיקן צייכן? — האָט מיט גרויס שטרענג-קייט געזאָגט סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו. — די פרעמדלענ-דישע שטעט, זיך צענויפקומענדיק אינאייגעם, האָבן זיך גע-בוקט פאַר דער שטאָט מאָסקווע. אָבער מאָסקווע איז געבליבן דערנידעריקט.

סעמיאָן מאַטוועעוו איז צוגעגאַנגען צום אויוועלע און איבערגעגאָסן די פליסיקייט פון איין טיגל אין צווייטן, ס'האָט אַרויסגעשלאָגן אַ גראָ-בלאָער רויך, ס'האָט גענומען שיפּען, ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט געברענטן שוועבל.

— פּענטאַגראַממאַ, — האָט געזאָגט סעמיאָן מאַטוועעוו און געבליבן שטיין ביים טיש, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אויפן גלאָבוס. — שווער זיך: פּענטאַגראַממאַ, ביים טייוול! און כ'וועל אַנטפּלעקן דאָס גרויסע געהיימניש —

— וועגן וואָס רעדסטו? — האָט געפרעגט סערגעי סער-געעוויטש.

— שווער זיך: פּענטאַגראַממאַ, ביים טייוול! און כ'וועל אַנטפּלעקן דאָס גרויסע געהיימניש. זעסט, וואָס עס טוט זיך אין רוסלאַנד?

— אַ קלאָרע זאַך — כאַמהערשאַפט, הונגער, רציחה, — וואָס טוט זיך!.. — האָט געענטפערט סערגעי סערגעעוויטש. — חזיר-פּייש — פינף-און-זיבעציק, אָט וואָס ס'טוט זיך! רוסלאַנד גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ!! — סערגעי סערגעעוויטש האָט אַ שמייכל

געטאָן. — די נעם און קויף פאַר מיר געראויכערטן ווורשט, הע־הע! — סערגעי סערגעעוויטש איז גאַליק אויפגעהייטערט גע־וואָרן: האַ־האַ!..

— אַנדרעי, וואָס זאָגסטו צו אַנדרעיען? — „זייט מוחל אויפן צווייטן שטאָק! האַ־האַ!.. סט'געזען?.. האַ־האַ!

— וואַרט־נאַר, — האָט אויסגעשריגן סעמיאָן מאַטוועעוו זילאַטאָוו און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבערן גלאַ־בוס. — רוסלאַנד קעגן דער גאַנצער וועלט? אין רוסלאַנד איז הונגער, מהומות, טויט? — און ס'וועט זיין צוואַנציק יאָר!.. שווער זיך, וועט דיר אַנטפּלעקט ווערן דאָס געהיימניש!..

סערגעי סערגעעוויטש איז גאַליק אויפגעהייטערט געוואָרן.

— נו, מילא — כ'שווער.

— שווער זיך,ביים טייוול, פּענטאַגראַממאַ.

— כ'שווער, ביים טייוול, פּענטאַגראַממאַ. נו, וואָס?

סעמיאָן מאַטוועעוו האָט זיך אומגעלומפּערט גענומען רודערן, זיך אַראָפּגעזעצט אויף די פיס, איינגעשטעלט דאָס גלייכגעוויכט און גענומען שעפּטשען:

— אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט רוסלאַנד אויסגעלייזט ווערן. אין קלויסטער, פון דעם איגומענס צעלע, — דאָרט איז איצט לאַיטיס, דער חבר, — איז דאָ אַ וואַרעמער דורכ־גאַנג אין דער ווינטערדיקער צערקווע אַריין. אין אַלטאַר.

— וועגן וואָס רעדסטו?

— דער אויסלענדער — לאַיטיס, — דער חבר. אין אַלטאַר. אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט קומען דער גואל. רוסלאַנד וועט זיך פאַרבינדן מיט אַן אויסלענדיש פאָלק, דער גואל ווערט איבערגעגעבן צו אַראַבישע מאַגן, איך וועל דערציען.

— וועגן וואָס רעדסטו?

— אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ קונץ — מיטן אויסלענדער לאַי־טיס. אַ בילד־שיינע. אַ בתולה. מיט בלוט וועט באַשפּריצט ווערן דער אַלטאַר. און דערנאָך וועט אַלץ פאַרברענט ווערן, אויך דער אויסלענדער. — דורך פייער.

— וועגן וואָס רעדסטו דאָס, ווילסט נקמה־נעמען פאַר וואָלקאָוויטשן? — סערגעי סערגעעוויטש האָט געפרעגט ערנסט און שטיל!

— ניין, רוסלאַנד מציל זיין.

(...און דעמאָלט קוקט אַרויס פון הינטערן טויער מיט זעלנערשע קנעפלעך קיטאַי, די הימלישע אימפעריע...)

— נו, און ווי קומט דאָ אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ?

— אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ איז אַ בתולה. אַ בילד־שיינע.

— אָבער וועגן וואָס רעדסטו? פון הונגער, וואָס? וואָלסט בעסער, אָנשטאָט געווירצן, אַ באָרשטש אָפּגעקאָכט!.. שוין צייט!..

— הער זיך איין! זע.

סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו האָט גענומען פון טיש אַ גראָב בוך און אָנגעהויבן לייענען:

„ווער וועט זיך דערוועגן צו באַפרייען פון אַלע פאַרברעכנס, וועלכע שענדן אונזער יאָרהונדערט, פון אַלע פעלערן, וועלכע פאַרשפּרייטן אַ קלקול אין די מלוכות, פון אַלע אומאָרדנונגען, אַלגעמיינע און פּריוואַטע, וועלכע צווינגען די געזעלשאַפט זי זאָל אויפקרעכצן? — פון די טיפענישן פון שטויב אפילו ביז דער פּראַכט פון דער זון, אַלץ פירט צו דער דערקענטעניש פון דעם אומאָפּהענגיקן שולדיקן, וואָס האַלט די קייט פון די באַשעפענישן, און וואָס ער אַליין איז זייער אורשפּרונג. אַלץ איז מבשר גלייכצייטיק דער נשמה, דעם שכל, און באַזונדערס דעם אינערלעכן געפיל, וועלכער נאַרט קיינמאָל נישט דעם, וואָס פרעגט זיך אָן ביי אים... וואָס מער מיר זאַמלען צענויף אונזערע געדאַנקען, אַלץ אין אַ גרעסערער מאָס באַמערקן מיר דעם צייכן פון דערדאָזיקער אומבאַגרעניצטער מאַכט, דעמדאָזיקן שטעמפּל פון מאַיעסטעטישקייט, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט אומעטום און אין אַלע געגנשטאַנדן".

די גראָע, פּאַרטאָגיקע טריבקייט איז אַראָפּגעקראָכן פון דער ערד, ס'האָט זיך אָנגעצונדן דער טאָג, אַ ליכטיקער, אַ הייסער. די גראָע נעפּלען זענען אַוועק אין הימל אַריין. סערגעי סערגעעוויטש איז אַוועק צו זיך אינדערהויף. אָלענקאַ קונץ איז שוין אויפגעשטאַנען, זיך געפּלוסקעט אין וואַסער, און פּלוסקענדיק זיך אָנגעהויבן צו זינגען: —

אין יענעם גאָרטן, ווו מיר האָבן זיך באַגעגנט...

זי האָט זיך אָבער דערמאָנט וועגן חבר לאַיטיסן און באַליידיקט אַנטשוויגן געוואָרן. סערגעי סערגעעוויטש האָט אויף אַ דרייפוס זיך געקאָכט קאַווע פון געברענטן קאָרן און, צו־מאַכנדיק וואָס פעסטער די טיר, אַרויסגענומען פון ערגיץ אַ באַהעלטעניש אַ שטיקל צוקער און אַ שטיקל קעז; און די קאַווע האָט ער געטרונקען, אויסשפּרייטנדיק אויפן טיש אַ סער־וועטקע. נאָך דער קאַווע, פאַררויכערנדיק אַ גראָבן פּאַפּיראָס, האָט סערגעי סערגעעוויטש זיך געגאָלט, אָנגעטאָן אַ טשע־סו־טשאַעוון פּידזשאַק (מיט שוויס־צעפּרעסענע שוויס־בלעטער); דערנאָך איז ער אַוועק אויף זיין אַמט אין דער שפּאָר־קאַסע, ווו יעדן ערשטן פלעגט ער שרייבן אין דין־וחשבון וועגן דעם, אַז קיין אָפּעראַציעס זענען פאַרן פאַרפלאָסענעם חודש נישט געמאַכט געוואָרן און קיין פּקדונות זענען נישט אַריינגעפלאָסן. פאַרן גיין אויף זיין אַמט פלעגט סערגעי סערגעעוויטש אַריינ־גיין אין אַ געוויס הייזל, ווו מ'פלעגט בייטן שפּאָנקעס אויף פוטער; אין אַמט פלעגן אין דער היץ זשומען פליגן, און סערגעי סערגעעוויטש, באַגיסנדיק זיך מיט שוויס, פלעגט שפּילן מיטן געהילף אין פּרעפערענס מיט אַ „באָלוואַן“; נאָך דער אַרבעט פלעגט סערגעי סערגעעוויטש גיין אין דער סאָוועטישער קיך, פלעגט נעמען דעם מיטאָק אין אַ טראָג־כּלי אַהיים, אינדערהיים פלעגט ער עסן מיטאָק (ווי דער אויסשפּרייטנ־דיק די סערוועטקע), נאָך מיטאָק פלעגט ער שלאָפן און בין־השמשות־צייט — גיין אויפן בולוואַר שפּאַצירן. —

— עפּעס פילאָזאָפישעס וועגן ווידערגעבורט, און

דער טויט פון אַלטן אַרכיפּאָוו,

דעם צווייטן פרעדיקער, — דעמזעלבן פרימאָרגן.

מיט אַ גראָער אומרייַנער טריבקייט האָט זיך פאַרנומען דער באַגינען. פאַרטאָג־צייט האָט דער פאַסטוך געבומען שפּילן אויפן האָרן טרויעריק און שטיל, ווי דער פערמער צפון־פאַרטאָג. און דער גערטנער איוואַן ספּירידאָנאָוויטש אַרכיפּאָוו האָט אויפגעוואַכט ביי זיך אונטערן באַרג ביים פאַסטוכס האָרן־קלאַנגען, פון ליימענעם האַנטפאַס זיך גוט אייַנגעוואַשן אויפן בריקל, דערנאָך, פאַרקאַשערנדיק די אַרבל פון זיין סורדוט, געמאָלקן אין שטאַל די קו, — און נישט געגאַנגען, ווי אַלע אַנדערע טעג, צו די בייטן.

מיט אַן אומרייַנער טריבקייט האָט זיך פאַרנומען דער באַגינען. אין דער שוואַרצער כאַלופּע פון איוואַן ספּירידאָנאָוויטשן, אין צימער, וווּ מ׳קען צייכענען מיטן נאַקן איבערן פּולאַפּ, מיט נידעריקע פענסטערלעך, איז געשטאַנען אַ שרייבטיש פון נוס־האָלץ (וועלכער איז זיכער אַראָפּגעקראָכן פון בוידעם פון וואָלקאָוויטשעס הויז, און וואָלקאָוויטשעס הויז איז געשטאַנען אַקוראַט איבערן קאָפּ אויפן באַרג, און די אַרכיפּאָווס האָבן אָפּגעשטאַמט פון וואָלקאָוויטשעס לייבאייגענע), און אַ קאַנאַפּע איז געשטאַנען אַ לעדערנע, אויף וועלכער ס׳איז תמיד געשלאָפן, נישט אויסטועענדיק זיך, איוואַן ספּירידאָנאָוויטש. אָנצינדנדיק צוויי ליכט אויפן טיש, פון וואָס דער פאַרטאָג הינטער די פענסטערלעך איז בלאָ געוואָרן, האָט זיך איוואַן ספּירידאָנאָוויטש געזעצט צום טיש, און, איןברילן, מיט אַ מאָגערן, אָנגעכמורעטן פּנים, געלייענט אַ דיק מעדיצינישׂ בוך...

מיטן באַגינען האָט זיך אויפגעכאַפּט אין זיין רייַנער שטוב אויך דער זון אַרכיפּ, אין זיין לעדערנער קורטקע איז ער מונטער אַרייַנגעקומען אין קיך, געטרונקען, שטייענדיקערהייט, מילך און געגעסן ראַזאָוון ברויט. דער פאָטער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס בוך, געגאַנגען אַרום זון, גלייך, ווי תמיד, נישט

ווי דער שטייגער פון אַלטע, פאַרלייגנדיק די הענט אויף דער פּלייצע.

— די מעדיצין, חי מיינסטו, — קען מען איר געטרויען? — האָט דער פּאָטער געפרעגט גלייכגילטיק און זיך שאַרף איינגעקוקט אין פענסטערל.

— די מעדיצין איז אַ ווי‌סנשאַפט. מ׳קען. — וואָסי?

— אַזוי זיך. כ׳האָב ביי דאַנילאַ אַלעקסאַנדריטשן אַ בוך גענומען, געבלעטערט. ס׳אַראַ היצן, ס׳אַראַ היצן עס שטייען... איך מיין אויך — מ׳קען. — איוואַן ספּירידאָנאָוויטש איז אונטערגעשטאַנען ביים פענסטער, זיך שאַרף איינגעקוקט אין בערגל מיטן שלאָס און וואָלקאָוויטשעס הויז, וועלכעס איז אַראָפּגעקראָכן מיטן פּאַרק האַרט צו דער שטיילער וואַנט.

מיטן באַגינען איז אַרכיפּ אַוועק אין איספּאָלקאָם, און דער אַלטער האָט זיך אין זיין צימער צוגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע, — נישט געוויינלעך, — נישט גענומען צוגרייטן קיין געקעכטס. און בלויז דאַן, ווען דער זון איז אַוועקגעגאַנגען, איז איוואַן ספּירידאָנאָוויטש צו צום פענסטער און לאַנג באַגלייט דעם זון מיטן בליק, און אין די אויגן, איינגעפאַלענע און טונקל-גראַע, איז געווען טרויער און צאַרטקייט. און ביין אַזייגער (האַלב זיבן לויט דער זון) האָט איוואַן ספּירידאָנאָוויטש איבערגעביטן דעם אַלטן סורדוט אויף אַ ביי‌עם, אַראָפּגעצויגן די וואָילאַקעס, אַרומגעוויקלט די האַלז מיט אַ ווייס טיכל און איז איבער די אויערן אָנגערוקט דאָס היטל מיטן צעראַטענעם דאַשעק, און אַוועק אין שפּיטאָל צום דאָקטאָר נעוולעבינאָוו. דער וועג אַרויפצוצו האָט געפירט דורך אַ וועלדל, דאָ האָט געשמעקט מיט פייכטקייט און טשערעמוכע. איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט אַראָפּגעבויגן צו זיך אַ טשערעמוכע-צווייג, עס זענען אַראָפּגעפאַלן טראָפּנס טוי. איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט אָפּגעריסן אַ צווייגל, אַ שמעק געטאָן די בלעטער, צעריבן זיי צווישן די פינגער און געזאָגט אויפן קול פאַרטראַכט און אָנגעכמורעט:

— און נאָך אַלעמען איז דאָס לעבן — אַ וווּנדער־שיינע זאַך.

און אַזוי איז ער מיטן צווייגל געגאַנגען ביזן שפּיטאָל, וועלכער איז אַרומגעזעצט געווען מיט פרייליכע יעגלינקעס. און אין שפּיטאָל איז ער געזעסן אין קאַבינעט פון דאָקטאָר בעוולעבינאָוו, ביים שרייב־טיש, ווי ביי זיך, אומבאַוועגלעך, אָנשפּאַרנדיק די עלנבויגנס אין ווייסן לעשפּאַפּיר. דאַניאיל אַלעקסאַנדראָוויטש איז געקומען מיט נאַטאַליאַ יעווגראַפאָווגאַן, און נאַטאַליאַ יעווגראַפאָווגאַ, אין אַ ווייס קלייד, האָט זיך שטיל געשטעלט ביים זייט פון פענסטער.

— דו קענסט מיך, דאַניאיל אַלעקסאַנדראָוויטש, מיט מיר דאַרף מען ריידן אָפענע דבורים, — האָט איוואַן ספּירידאָנאָוויטש גענומען ריידן דער ערשטער, נישט באַגריסנדיק זיך. — האָסט געמאַכט די אונטערזוכונג? — קרעבס? —

— קרעבס, — האָט געענטפערט נאַטאַליאַ יעווגראַפאָווגאַ.

— און נישטאָ דערין קיין טעות?

— ניין, מיר האָבן גוט קאָנטראָלירט.

— הייסט עס, קרעבס?

— יאָ.

איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט פאַרלייגט די קנופּיקע פינגער, אָנגעכמורעט אַ שמייכל געטאָן, אַנטשוויגן געוואָרן.

— אַזוי !.. דיין בוך — דאַניאיל אַלעקסאַנדריטש, האָב איך דורכגעלייענט. דאָרט שטייט, אַז מאָגן־קרעבס איז אַן אומהיילבאַרע קרענק. הייסט עס — דער טויט.

— מ׳קען אָפּערירן, — האָט שטיל געענטפערט נאַטאַליאַ יעווגראַפאָווגאַ.

— מ׳קען, גאַנץ ריכטיק. אָבער דאָס איז אַ פּאַליאַטיוו. אבער, איר ווייסט עס אַליין. — איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט די גאַנצע צייט גערעדט, ווענדנדיק זיך צו דאַניאיל אַלעקסאַנדראָוויטשן. — איר וועט מיר מאַכן אַן אָפּעראַציע, און אין צוויי חדשים אַרום וועט מען דאַרפן ווידער מאַכן. ס׳איז מיר שווער זיך צו מאַטערן אויף דער עלטער. און יאָרן האָב איך,

נאַכדעם. — איוואַן ספּירידאָנאָוויטש איז אַנטשוויגן געוואָרן. —
דו, דאַניאיל אַלעקסאַנדריטש, ווייסט עס דאָך אַליין.. יאָ... —
און אַנטשוויגן געוואָרן, ווערגנדיק זיך מיט אַ וואָרט.

דאָ איז געווען אײנער, נישט קײן גוטער מאָמענט. איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט שאַרף געהיט די אויגן פון דאַניאיל אַלעקסאַנדראָוויטשן, און דידאָזיקע אויגן, גראָע און גרויסע, אויפן אַלטן פּנים טרויעריקע און טייערע, זענען פלוצלונג ערגיץ־ווו אַוועק פון איוואַן ספּירידאָנאָוויטשעס טונקעלע אויגן, איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט הויך אויפגעהויבן זיין קאָפּ, אויפן האַלז האָט ער געהאַט אַ ווייס טיכל אָנשטאָט אַ שניפּס און דאָס טיכל האָט זיך אַרויסגעזען...

— נו, זייט געזונט, שוין צייט!..

— און ווי איז מיטן עסן? — האָט געפרעגט, האָט געאײלט צו פרעגן, נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ.

— מיטן מילך, הייסט עס? כ׳טרינק אויס אַ גלאָז אַ טאָג. — אָבער שוין צייט אייך אויפצוגעמען די קראַנקע... אַ גוטן!

— ניין, וואַרט אויף, אייל זיך נישט, איוואַן!

— ניין, זיי געזונט, דאַניאַ! כ׳ווינטש דיר אַלדאָס בעסטע! דאָס האָבן אַלע דריי געזאָגט איינצייטיק. און דאָס איז געווען נישט גוט.

דאַניאיל אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אָפּגעהאַלטן איוואַן ספּירידאָנאָוויטשן, יענער איז נישט געבליבן, זיך גענומען איילן.. און ערשט אין פאָדערצימער, אָנרוקנדיק דאָס היטל, האָט איוואַן ספּירידאָנאָוויטש זיך האַסטיק אומגעדרייט, שטאַרק געדריקט די האַנט פון דאַניאיל אַלעקסאַנדראָוויטש און אים אַ קוש־געטאָן.

— ס׳איז דאָך דער טויט. לאָז, כ׳וועל דיך נאָכאַמאָל אַ קוש טאָן.

איוואַן ספּירידאָנאָוויטשס אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן. דאַניאיל אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אים פעסט צוגעדריקט צו זיך. דורכן פאָדערצימער איז דורכגעגאַנגען נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ. איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך אָפּגעקערט צו דער וואַנט, געזאָגט פאַרשטיקט:

— מיר זענען אלטע, די יונגע דארפן האָבן אָרט. זאָלן זיי לעבן!

(אין זעלבן טאָג, אין דער זעלבער שעה, האָט דער זון — אַרכיפּ אַרכיפּאָוו — אָנגעשריבן אין איספּאָל-קאָם דאָס אומדערשראָקענע וואָרט — ד ע ר ש י ס ן.)

אינדערהיים האָט איוואַן ספּירידאָנאָוויטש זיך געלייגט אויף דער קאַנאַפּע, מיטן פּנים צו דער וואַנט, און אַזוי אָפּ-געלעגן אומבאַוועגלעך ביזן זון. און דער זון איז געקומען אַ זייגער פינף, ד. ה. האַלב דריי לויט דער זון. און צוזאַ-מען האָבן זיי פאַרבראַכט דעם טאָג, אין שטוב-ענינים און זאָרגן, ביזן אָוונטיקן זעלבערישן סיגנאַל, וואָס ווערט תמיד גע-שפּילט אין די קאַזאַרמעס אַ זייגער ניין לויט דער זון. זעקס אַ זייגער האָט אַרכיפּ איוואַנאָוויטש געשלעפּט פון דער וואָלאָגאַ וואַסער צו די בייטן, „אָגאָסן די אוגערקעס און דאָס קרויט. ביי דער וואָלאָגאַ האָט ער דורכגעקוקט די פאַנג-שטעקעלעך (ער האָט ליב געהאַט כאַפּן פיש), פאַרפעסטיקט צוויי נייע, פון איספּאָלקאָם האָט די קוריערין געבראַכט צוטראָגן די „איזוועס-טיאַ“, און ביים טייך איז אַרכיפּ איוואַנאָוויטש געבליבן זיצן מיט די צייטונגען. די זון האָט זיך שוין געזעצט אין מערב-זייט, ס'האָט גענומען קריכן דער געלער בין-השמשות, פון וואָלקאָוויטשעס אויבסט-גאָרטן האָט זיך אונטן אָפּגעזעצט אַ מאַלינעס-ריח, און אין די גערטנער האָבן די בונטע גערטנע-רינס זיך אין לידער צעגאָסן. און אין סאָבאָר האָט דער זייגער געשלאָגן: דאָן — דאָן — דאָן! — ווי אַ שטיין, אַריינ-געוואָרפן אין אַ סאַזשעלקע מיט וואַסער-ליליעס. האַלב אַכט איז אַרכיפּ איוואַנאָוויטש — אויף אַ שעה — אַוועק אין שטאָט אַריין און, צוריקקערנדיק, איז ער אַריין צו זיך אין זיין ריי-נער שטוב, זיך צוגעזעצט צום טיש און געזעסן, ווי דער פאָ-טער, זייער גלייך. דער פאָטער האָט צוגעהאָלפן דעם זון, גערעכנט אויף די ביינדלעך, צעגויפגעלייגט די צאָלן גיך און געניי. ס'האָט לאַנגזאַם געטונקלט, דער הימל איז געווען אַ

גרינער, דערנאָך בלאָ געוואָרן, זיך פאַרוואַנדלט אין קריסטאַל.
און דאַן האָט מען אין די קאַזאַרמעס אויסגעשפּילט דעם אָוונט-סיגנאַל, און די מיידלעך אין די גערטנער האָבן געזונ-גען עפּעס זייער טרויעריקס. מיטן אָוונט-סיגנאַל האָט מען אַהיימגע-טריבן די קי, איוואַן ספּירידאָנאָוויטש איז אַרויס זיי צוּנעמען און אויסמעלקן, און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט שוין אַרכיפּ איוואַנאָוויטש געענדיקט רעכענען, צענויפגעלייגט די פּאַפּירן און געשטאַנען אינמיטן צימער. אין צימער איז געווען פינס-טער און די לבנה-שיין איז געפאַלן אויף די פענסטער-ראַמען און אויפן דיל. דער זון איז געווען, ווי דער פאָטער, פון נישט הויכן וווּקס, האָריק, מיט אַ באָרד, ווי אַ לאָפּאַטע, און געשטאַנען איז ער, ווי דער פאָטער, פאַרלייגנדיק די הענט אויף הינטן, — שווערע הענט. איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך אַ רגע פאַרהאַלטן בײַ דער טיר און אַרויס, און צוריקגעקערט מיט אַ ליכט, אַוועקגעשטעלט דאָס ליכט אויפן טיש. אַליין זיך געזעצט נעבן טיש, די עלנבויגנס אַרויפגעלייגט אויפן טיש.
— אַרכיפּ, — איך דאַרף מיט דיר עפּעס איבעררעדן.
הער-צו, — האָט דער אַלטער געזאָגט שטרענג. — בײַ עפּעס אַ געלערנטן פילאָזאָף, דו ווייסט, שטייט, אַז אויב אַ מענטש דאַרף צוויי חדשים שטאַרבן, און נאָך דאַבײַ ליידן פון אַ קראַנק-הייט, איז שוין בעסער — ווי זאָגט מען דאָס, זיך אַליין זאָרגן... האָסט נאָך געזאָגט, אַז דו ביסט מסכים דערמיט, ווייל דער טויט איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, — האָט איוואַן ספּירידאָ-נאָוויטש גערעדט שטיל און לאַנגזאַם, שווער צענויפנעמענדיק די ווערטער, דער קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזן.
אַרכיפּ איוואַנאָוויטש האָט זיך גערירט פון אָרט.
— פאָטער, רעד קלאָר, — האָט דער זון געזאָגט רויק.— צו וואָס רעדסטו? דו הערסט?..
און אָט, ווען דער זון האָט געזאָגט דאָסדאָזיקע ד ו ה ע ר ס ט, האָט זיין שטים אַ ציטער-געטאָן.
— כ'בין היינט געווען אין שפּיטאָל בײַ דאַניאיל אַלעק-סאַנדריטשן. און ער האָט מיר געזאָגט, אַז בײַ מיר איז אַן

אומהיילבארע קרענק, אַ מאָגן-קרעבס, אין צוויי חדשים אַרום וועל איך שטאַרבן, און דידאָזיקע צייט וועל איך ליידן און זיך מאַטערן מיט שרעקלעכע שמערצן. פאַרשטייסט?

אַרכיפּ איוואַנאָוויטש האָט דורכגעמאַכט איבערן צימער אַ מאָדנעם קרייז: געגומען גיין שנעל צום פאָטער, אָבער, מאַכנדיק צוויי טריט, מיטאַמאָל זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר, און ווידער זיך אומגעקערט און געבליבן שטיין רואיק נעבן שרייב-טיש, ביים פענסטערל, מיט דער פּלייצע צום פאָטער.

— דו האָסט געזאָגט, אַרכיפּ, און אויך איך פאַרשטיי אַזוי, אַז בעסער שוין באַצייטנס. האָסט דאָס געזאָגט, דו האָלטסט אזוי?..

אַרכיפּ איוואַנאָוויטש האָט נישט תּיכּף געענטפערט און געענטפערט פאַרשטיקט:

— יאָ. איך האַלט אַזוי, — האָט ער געזאָגט פאַרשטיקט.

— דאָס הייסט, אַז בעסער שטאַרבן — אַליין זיך זאָרגן.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט פאַרשטיקט.

— און אויך איך האַלט אַזוי. וועסט שטאַרבן — און ס'וועט גאָרנישט נישט זיין, אַלץ וועט זיך ענדיקן. גאָרנישט וועט זיין.

— אָבער, פאָטער, — און דאָס וואָרט פּאָטער האָט הייטאָקדיק אַ ציטער געטאָן. — ביסט דאָך מיר אַ טאַטע, — דאָס גאַנצע לעבן דורכגעלעבט מיט דיר, — פון דיר געלעבט, — פאַרשטייסט, אומדערטרעגלעך!..

איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך אַ דריי-געטאָן אויפן שטול, ווי ער וואָלט עפּעס זוכן, דערנאָך זיך אויפגעהויבן און אונטערגעשטאַנען, — און צוגעגאַנגען צום זון, אַוועקגעלייגט די הענט אויף זיינע אַקסלען פון הינטן, צוגעדריקט דעם קאָפּ צו דער לעדערנער קורטקע, צו דער פּלייצע.

— כ'ווייס. כ'פאַרשטיי. אַ זון ביסטו מיר! לאַנג האָב איך געטראַכט - ריידן מיט דיר, אָדער נישט?.. ס'איז שווער! זייער שווער. — טראָג איבער. אויך מיר איז שווער... לעבן וואָלט מען נאָך באַדאַרפט, אויף דיר, אויפן זון, אַ קוק צו

טאָן, — אויף דיין אַרבעט, ביסט דאָך מיר אַ זון, מיין בלוט... אָבער פוילן לעבעדיקערהייט, הונגערן, פון ווייטאָק רעווען — כ'וויל נישט, כ'בין מוחל! גיב אַ קוק אויף מיר.

אַרכיפּ איוואַנאָוויטש האָט זיך אומגעדרייט, — ס'האָבן זיך צעגוזיפגעטראָפן צוויי פּאָר טונקעלע אויגן, — איין פּאָר אַנגעכמורעטע, קראַנקע, מיט בלישטשענדיקע ברייטע שוואַרצאַפּלען, אויפן פּערגאַמענט-פּנים, — די צווייטע פּאָר יונגע, פּאַרעקשנטע, פרייע. לאַנג האָבן זיי געשוויגן און לאַנג געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

— וואַרט צו, פּאָטער, כ'וועל באַלד קומען.

אַרכיפּ איוואַנאָוויטש איז אַרויס אויפן הויף, זיך צוגעזעצט אויפן בריקל נעבן האַנטפּאַס, געקוקט אין הימל אַריין, אויף די שטערן: יוני האָט זיך שוין פאַרנומען אויף יולי, פאַרביטן די יונישע פּלאַטין-שטערן אויף זילבער, און די שטערן זענען געווען, ווי די קישנס פון קיניג אַלעקסיי אויפן סאַמעט פון זיין אַזיע. און איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך ווידער צוגעזעצט צום טיש, צעגויפגעלייגט די פינגער, געקוקט אויפן ליכט. איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט עס פאַרלאָשן מיט אַ בלאָז. ווידער אָנגעצונדן, געזאָגט:

— געווען אַ פייער און נישט געוואָרן, און איז ווידער דאָ. מאָדנ ע.

אַרכיפּ איוואַנאָוויטש איז אַריין אין אַ האַלבע שעה אַרום מיט זיין פעסטן גאַנג, זיך געזעצט נעבן פּאָטער און געזאָגט מיט אַ רואיקער, געוויינלעכער שטים:

— פּאָטער, אויף דיין וואָרט וואָלט איך אַליין אַ סוף געמאַכט. פּאָטער, טאַ, ווי בעסער איז, ווי דו פאַרשטייסט.

איוואַן ספּירידאָנאָוויטש איז אויפגעשטאַנען, אויך דער זון איז אויפגעשטאַנען, שטילשווייגנדיק זיך צעקושט. איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך אַ פּאָרע געטאָן אין דער הינטערשטער סורדוט-קעשענע, אַרויסגענומען אַ נאָז-טיכל, נאָך נישט קיין צעגומענעס, עס צעגומען, אָבער די אויגן נישט אויסגעווישט, ווייל זיי זענען טרוקן געווען, און שוין אַ צעקנייטשטס, אַריינגעלייגט דאָס טיכל אין דער הויזן-קעשענע.

— דו, זון, לעב, ווארף נישט אַוועק דיין אַרבעט. האָב התונה, שטעל אויף אַ דור, זון...

זיך אומגעדרייט, גענומען דאָס ליכט און אַוועק. אַרכיפּ איוואַנאָוויטש איז געשטאַנען, פאַרלייגנדיק די הענט אהינטן, פונקט ווי דער פאָטער. דערנאָך צוגעגאַנגען צום פענסטער, אים אויפגעמאַכט, און אַזוי געבליבן שטיין ביזן באַגינען. אין שלאָס, אין קינעמאַטאָגראַף „ווענעציאַ" האָט געשפּילט אַ בלאָזאָרקעסטער און פון טייך האָבן זיך געצויגן נעפּלען.

אין זיין פינסטערער שטוב, אין זיין צימער האָט איוואַן ספּירידאָנאָוויטש זיך געלייגט אויף דער קאַנאַפּע, מיטן פּנים צו דער וואַנט, און איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ שטאַרקן שלאָף. דער פאַרטאָג איז געקומען מיט אַן אומריינער גראָקייט, דער פאַסטוך האָט גענומען שפּילן אויפן האָרן טרויעריק און שטיל, ווי דער פאַרמער צפון-באַגינען, און איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך אויפגעכאַפּט. עס האָט געברענט דאָס ליכט, הינטער די פענסטער איז געווען אַ נעפּלדיקע טריבקייט, דאָס ליכט האָט אָנגעטשאַדעט און געשמעקט מיט קאָפּאָטש. איוואַן ספּירידאָנאָוויטש האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אין שלאָף האָט ער גאָרנישט געשפּירט און דידאָזיקע שעהן פון אָוונט ביזן באַגינען זענען אַריבער לגמרי נישט שרעקלעך, ווי איין אויגנבליק. דעמאָלט איז ער אויפגעשטאַנען און אַדורך אין קיך אַריין, דאָרט גענומען פון ווינקל, פון פּאָליצע, אַ רעוואָלווער, אין גאַנג אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, דערזען זיין אָנגעכמורעט, ערנסט פּנים, זיך אומגעקערט אין צימער, פאַרלאָשן דאָס ליכט, זיך געזעצט אויף דער קאַנאַפּע און אויסגעשאָסן זיך אין מויל אַריין.

קאַפּ. II

דאָס הויז פון די אָרדינינס

> די שטאָט איז פון שטיין. און ס'איז נישט
> באַוווּסט, ווער נאָך וועמען: צי האָבן זיך די פירשטן
> ארדינינס א נאָמען געגעבן נאָך דער שטאָט, אָדער
> די שטאָט ארדינין האָט זיך אָנגערופן נאָך די פירשטן:

דער בראָנזענער זייגער ביים שפּיגל — אַ פּאַסטוך און אַ פּאַסטושקע (נאָך גאַנץ־געבליבענע) — שלאָגט דאָ אויס אין זאַל די האַלבע שעהן מיט אַ דינינקן גלעזערנעם קלונג, ווי דער ראָמאַנטישער אַכצנטער יאָרהונדערט, אים ענטפערט אָפּ אַ קוקאַווקע פון דער מוטערס, אַרינאַ דאַווידאָוונאַס שלאָפצימער,— און די קוקאַווקע שרייט פופצן,—און די קוקאַווקע איז — ווי אַזיע, זאַקאַמיע, טאַטאַרשטשינע. און דער דריטער זייגער שלאָגט אין סאָבאָר, דאָן!—דאָן!—דאָן! — דעמאָלט איז אין גרויסן הויז ווידער שטום... ערגיץ־ווו — האָט אַ סקריפּ געטאָן אַ דילברעט, וועלכעס איז אויסגעטריקנט געוואָרן נאָך דער ווינטערפיכטקייט. ביים הויז לעם צופאָר ברענט אַ לאַמטערן, זיין שיין שטרייפט דעם אַרומגעבראַקלטן, מיט אָרנאַמענטן באַצירטן פולאַפּ, זי שלאָגט זיך אָפּ אין דער לוסטרע, — וואָס איז נאָך אויך געבליבן גאַנץ. מיט אַ רויט פייערל, גלייכמעטיק פלאַקערט אויף גליעבס פּאַפּיראָס ביים פענסטער, און די פענסטער מיט די מאַטע שויבן זענען איינגעמויערט פעסט, אויף

תמיד... פאר יענע צוויי צוויי יאר, וואס גלעב איז נישט געווען, איז דאס הויז אראפגעפאלן אין אפגרונט. — דאס גרויסע הויז, וואס איז אין משך פון יארהונדערטער געבויט געווארן, וואס איז געשטאנען מיט זיין דריי־סאזשען־פונדאמענט חי אויף דריי וואל־פישן, האט אין איין יאר באקומען א פליך, צעשאטן זיך, איינגעפאלן, אגב, קינס חותם איז שוין פון לאנג ארויסגעדריקט געווארן אויף די פאפקאווס־ארדינינס.

גלייכמעסיק פלאקערט אויף דער פאפיראס ביים פענסטער, גלעב הערט זיך צו צום אלטן הויז. אין דאזיקן הויז איז דורכגעגאנגען זיין יוגנט, יענע, וועלכע האט תמיד אויסגעזען אין־לשער ליכטיק און קלאר, — און איצט צעצווייט זי זיך דורכן נעפל פון רעוואלוציע. און א וויטאק — שוין אן דעם טרוים וועגן מאלעריי און תפלה — און וועגן ליכטיקן מיידל. אין זאל, אויף די ווענט — אלטע פארטרעטן אן ראמען. דער ריזיקער געלער ראיאל האט אויסגעשטשירעט די ציין ווי א בולדאג, אין ווינקל איז אוועקגעשטעלט א שירמע, און הינטער דער שירמע — גלעבס שמאל בעטל... אין זאל, הינטער די פעסטע פענסטער־ראמען שמעקט מיט אומבאוווינטקייט און פייכטקייט, און קוים וואס ס'מישט זיך צו דער ריח פון פארבן און קליי — א ריח פון מאלעריי. טונקל שימערירן די שפיגלען, יענע, וואס זענען באשעדיקט און טריב געווארן. הינטער די פענסטער לייכט די לבנה מיט א בלאסער פארטאגיקער שיין. — נאכט, —מ'דארף זיין מונטער.

ווידער שלאגט סובטעל און גלעזערן דער זייגער, דער אכצנטער יארהונדערט, און עס ענטפערט אפ די קוקאווקע פון אזיע. און גלייך נאך די זייגערס, צוזאמען מיטן גלאקן־קלאנג פון סאבאר, קלינגט נישט דרייסט דער גלעקל אונטן, ביים אריינגאנג, און ווידער קומט די שטילקייט, עס שלאפט דאס נאכטיקע הויז. דעמאלט ציגדט גלעב אן א שטיקל ליכט, עס פלאקערט אויף א רויט פייערל, עס לויפן אפ, און ווערן שנעל מוטנע, די בלויע, נאכטיקע שאטנס, — באלויכטן גלעבס פנים מיט זיינע צעקודלטע האר, מיט דער קרומער און פיינער נאז,

מיטן גרויסן, ווי אויף איקאָנעס, שטערן, — און אויך דאָס פּנים איז ווי אויף הייליקע בילדער.

לעבן דעם שלאָפצימער פון דער מוטער, דער געבוירענער פּאָפּקאָווא, אין דער האַלב-אָפענער טיר הערט זיך אַ כראָפּען — פון דער מוטער און פון יעלענאַ יערמילאָוונאַ, און פון דאָרטן טראָגט מיט נישט-פרישן מענטשלעכן קערפּער. אין פּאָטערס צימער — גלעב זעט דורך דער שפּאַרע — געבן קיאָט*) ברענען אַ סך טונקעלע נר-תמידס און הויכע דינע ליכט, און גלעב זעט ביים קיאָט דעם פּאָטער, וואָס איז איינגעבויגן אין תפלה, מען זעט זיין דאַרע פּלייצע אין כאַלאַט, און זיינע גראָע, אינגאַנצן ווייסע האָר. עס מיניעט דורך אויף אַ רגע דעם פּאָטערס פּנים. אין זיינע אויגן, אין זיין האָרבאַטער נאָז, אין די האַלב-צעעפנטע ליפּן, אין דער צעשויבערטער און גראָער באָרד, — איז עפּעס עקסטאַטישעס, — אָדער, אפשר, משוגענעס?.. אַ גאַנץ לעבן האָט דער פּאָטער, דער פירשט אָרדינין, דער בעל-הבית איבער די פּאָפּקאָווער קאַפּיטאַלן, אַרומגעהוליעט, און אין ערשטן פרילינג פון דער רעוואָלוציע, ווען די טייכן האָבן זיך צעגאָסן מיט זייערע שפּעדיקע פרילינג-וואַסערן, — האָט ער מיטאַמאָל געענדערט זיין לעבן, פון אַ שכורן פירשט געוואָרן אַן אַסקעט, טאָג און נאַכט אין תפלה.

אין פּאַראַדנעם איינגאַנג פירן ברייטע שטיגן אויף אַראָפּ, אויסגעטראָטן ווי פלאַכע מולטערלעך דורך טויזנטער פיס. דאָ איז קאַלט, עס שמעקט מיט ווינטער, פייכטקייט און פאַרפוילטע פוטערוואַרג. אויף ביידע זייטן, אויף רעכטס און אויף לינקס, פירן אין די שפּייכלערס טירן, שווערע, אייזערנע אויף זיבן שלעסער: הינטער די טירן איז געהיט געוואָרן דאָס עשירות פון די פּאָפּקאָווס-אָרדינינס, געזאַמלט (געגזלט, ווייזט אויס) אין משך פון יאָרהונדערטער און איצט צעווייעט — איבער די מערק, איבער די אָפּטיילונגען פון אוטיליזאַציע און קאָמ-

*) דער שראַנק, ווו עס געפינען זיך די הייליקע בילדער. ([illegible])

מונכאָז*). שטיל ברענט דאָס ליכט. גלעב עפנט די ערשטע טיר פון פאַראַדנעם אַריינגאַנג און פרעגט דורך דער צווייטער:

— ווער איז דאָרט?

נישט תיכף באַקומט ער אַן ענטפער. עס ווערט זייער שטיל, און מ'הערט, ווי אין פאַרק זינגט דאָס רויטקעלכל.

— און ווער איז דאָרט? — דאָס זענט איר, גלעב יעגאָ-גראַפאָוויטש? פרעגט פון הינטער דער טיר אַ פרויען-שטים.

— איך. ווער איז דאָרט?

— דאָס זענען מיר, איך, מאַרפושאַ, — און יעגאָר יעגאָראַפאָוויטש

— יעגאָרושקאַ?!

און שנעל עפנט גלעב די טירן, כדי צו דערזען זיין ליבלעכן, עלטערן ברודער יעגאָר.

...און הינטער די טירן גייט אַ שכורע יוני-נאַכט...

יעגאָר איז שכור. ער שווייגט. זיינע רויטע אַרויסגע-שטאַרטשעטע אויגן זענען זינלאָז, אָבער דאָך איז אין זיי די תמידע ווייכקייט און איצט — פאַרשעמטקייט. ער טראָגט בלויז אַן אונטערשטע העמד, אַ צעריסענע און שמוציקע, און איז באָרוויס. הינטער יעגאָרן שטייט מאַרפושאַ, — אַ ווייטער שפּראָצל פון די ווייטע הויפישע לייבאייגענע. פון יעגאָרן טראָגט זיך אַ שלעכטער ריח — פון דענאַטוראַט און שוויס. אומזיכער און פאַרשעמט ענטפערט ער אויפן ברודערס הייסן קוש.

— יעגאָרושקאַ, טייערער!.. — רעדט גלעב, אַרומנעמענ-דיק דעם ברודער.

יעגאָר שווייגט.

— וואָס-זשע שווייגסטו? פרייסט זיך נישט?

— איך שעם זיך, ברודער, — רעדט יעגאָר שווער. — מיר איז אַ גרויסע חרפה, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי געטראָפן. ברודער, אויב דיר איז נישט אָנגענעם מיך צו קושן, קוש נישט. איך וועל דיך נישט פאַראורטיילן, ברודער!

*) קאָמוניסטישע פירטשאַפט. (איב.)

אָבער אָן הערטער דריקט גלעב נאָך שטאַרקער די בײ־נערדיקע ברוסט פון יעגאָרן און קושט זײַנע ליפּן און זײַן שטערן.

— איך פרײ זיך, וואָס איך זע דיך, יעגאָרושקאַ!

— ברודער, כ׳האָב געגנבעט בײ נאַטאַליען דעם מאַנטל און אים פאַרשפּורט. איך האָב געגנבעט!.. איך האָב אינגאַנצן נישט געוואָלט קומען, אָבער מאַרפושאַ האָט מיך געפונען. איך שעם זיך... די מוטער שלאָפט?.. און באָריס? — איך האָב אים פײַנט, איך פאַראַכט אים!.. מאַרפושאַ האָט מיך געפונען... מיט אַ פּראָסטיטוטקע בין איך דאָרט געווען...

גלעב, אַן אומשולדיק ייִנגל, רײַסט איבער פאַרשעמט יעגאָרן:

— יעגאָר, וואָס טוט זיך מיט דיר? מ׳טאָר נישט אַזוי! — רעדט ער, ווי עס קענען ריידן בלויז אומשולדיקע ייִנגלעך, און אַנטשולדיקנדיק זיך פאַרן ברודער, גיט ער שולדיק אַ קוק אויף מאַרפושאַן. און מאַרפושאַ, די געשענדעטע בתולה, פאַר־שטייט אים. שוין צו אויסגעפּייניקט קוקן אירע אויסגעלאָ־שענע אויגן. שטאַרק פאַרמאַטערט און, דעריבער, גוט, זאָגט זי:

— אַך, קרוינעלע, גלעב יעווגראַפאָוויטש... אַ זשאַקעטקע האָבן זיי גענומען בײַ נאַטאַליאַ יעווגראַפאָווּנאַן... וואָס מאַכט מען, אַ? כ׳וואָלט מײַן אײגענע אָפּגעגעבן, אָבער כ׳ווײס נישט, ווו זי אויסצוקויפן... איר וואָלט אפשר איבערגערעדט מיט נאַטאַליאַ יעווגראַפאָווּנאַ, זי זאָל נישט דערציילן דער „באַרינאַ“, אַרינאַ דאַווידאָוונאַן... אַנישט וועט אַרינאַ דאַווידאָוונאַ אַ טויט מאַכן...

גלעב ענטפערט האַסטיק:

— אוודאי וועל איך איבעררײדן. געוויס!

— גלעב, די מוטער שלאָפט?

— יאָ, זי שלאָפט.

יעגאָר שפּאַרט זיך אָן אין ברודערס אַקסל. מיט אַ וראַבנעם פּרעסטלדיקן ציטער ציטערט זײַן דאַרער קערפּער. דאָס ליכט ברענט.

— גלעב, כ׳בין דאָרט געווען... דאָרט איז זנות... דו האָסט מיך נאַר־וואָס אָפּגעשטעלט ?.. מיינסט, כ׳האָב נישט פאַר־שטאַנען ?.. דו ביסט אַ ריינער מענטש. אָבער אויך איך ווייס, וואָס אַזוינס ריינקייט איז,—רעדט יעגאָר און גיט שטיל צו : — שפּילן וואָלט זיך איצט וועלן...

ביים פּאָטערס צימער בלייבט יעגאָר שטיין אַ רגע, פאַר־קוקט אַהין און מורמלט זאָל זיין מיט אַ חוזק, זאָל זיין תשובהדיק : — ער האָט נישט אויסגעהאַלטן, דעם עקל נישט אויסגעהאַלטן. צוזאַמען געטרונקען. דעמאָלט האָב איך בלויז געטרונקען, אָבער כ׳בין ריין געווען. דו פאַרשטייסט ?

און ביי דער מוטערס צימער קנוילט ער זיך צענויף און פּחדנותדיק־רוישלאָז שלייכט ער זיך פאַרביי. אין זאָל גיט אים גלעב אָפּ זיינע בגדים. דאָס ליכט ברענט, באַלויכט דאָס בילד פון גאָטסמוטער אויפן מאָלבערט, גלעבס איקאָנע־פּנים און יעגאָרס נאַקעטן קערפּער. גלעב — זאָל זיין באַוווסטזי־ניק ? — באַהאַלט די גאָטסמוטער פון יעגאָרן. יעגאָר שפּאַרט זיך אָן אין טיר, לאָזט פאַלן, אין אָנמאַכט, דעם קאָפּ, שווייגט, באַטראַכטנדיק זיך, דערנאָך רעדט ער שטיל :

— אַ דאַנק דיר, ברודער. דו ביסט אַ ברודער !.. באָ־ריס — ער איז נישט קיין ברודער ! ווייסט, ער האָט געשענ־דעט מאַרפושאַן... שוויג ! ווייס עס !.. מיר האָבן צוזאַמען גע־טרונקען. דערנאָך האָט ער מיך פאַרמאַכט אויפן קייטל און געגאַנגען צו מאַרפושאַן. אונטן. כ׳האָב אַלץ געהערט.

ווידער שווייגט ער. ווידער רעדט ער :

— ס׳וואָלט זיך איצט וועלן שפּילן אויפן ראָיאַל... מ׳שלאָפט אָבער !.. שלאָף, ברודער, מיט אַ הייליקן שלאָף. איך קען שוין נישט.

און ווידער שטילקייט. ווידער טליעט גלעבס פּאַפּיראָס. הינטער דעם הויז גייט יוני, און אין שטוב הערשט ווינטער.

איבער די שמאָלע שטיגן מיט אויסגעהאַקטע טרעפּלעך און סקריפּנדיקע פּאָרענטשעס גייט יעגאָר שטיל אַראָפּ, אין

האַלב-קעלער, ווו ס׳זענען בריימ און שווער די שטיינערנע חיענט אין פייכטקייט און עס חלשן מאַט אין אייזערנע קראַטעס די פענסטערלעך. דער שמאָלער קאָרידאָר מיטן שטייגערנעם דיל איז פאַרשטעלט מיט פוסטע קופערטס, און אויף די פוסטע קופערטס הענגען פודיקע שלעסער, און די שליסלען — אונטער דער קישן ביי דער מוטער.

— יעגאָר יעווגראַפאָוויטש, דאָס בין איך... כ׳וועל אייך באַגלייטן... — רעדט מיד און מיט ליבע מאַרפושאַ.

— גיי אַוועק! כ׳קען נישט מוחל זיין! גיי צו באַריסן. גיי!

— יעגאָר יעווגראַפאָוויטש...

— שווייג!..

אין יעגאָרס צימער זענען געוועלבטע און נידעריקע פּולאַפן. אויך דאָ זענען פאַרהאַקט די פענסטער, פון נידעריקן פענסטער רינט טראָפנווייז די פייכטקייט, און אין פייכטקייט, אויפן פענסטער-ביישטידל—שטיקלעך נאָטן-פּאַפּיר. יעגאָר ליגט אויפן בעט, אויף דער פּלייצע, אַוועקלייגנדיק די הענט אויף דער ברוסט, אַ מאָגערער, אַ כריפּענדיקער ביים אָטעמען. זיינע רויטע, אנטצינדעטע אויגן קוקן טריב צו דער טיר. ביי דער טיר שטייט מאַרפושאַ.

— מאַרפאַ! — רעדט מיט שווערקייט יעגאָר. — קיינער, אַ חוץ דעם ברודער, איז נישט שולדיק. אָבער דו ווייסט נישט, אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַ געזעץ, וועלכן מ׳קען נישט איבערטרעטן, און ער האָט געהייסן זיין ריין. איבער דער ערד איז אַדורך די גרעסטע רייניקונג — די רעוואָלוציע. דו ווייסט נישט, סאַראַ שיינקייט...

— יעגאָר יעווגראַפאָוויטש, פאַרוואָס האָט איר דאָרט, מיט יענער געהוליעט?

— ווען מ׳פאַרלירט דעם געזעץ, ווילט זיך מאַכן לצנישע שטיק. ווילסט אָפּהוזקן. איבער זיך... גיי אַוועק!

— יעגאָר יעווגראַפאָוויטש...

— אַרויס פון דאַנען! שווייג.

מאַרפושאַ שטייט אומבאַוועגלעך.

— אוועק, זאָגט מען דיר, גבלה! גיי אַוועק.

מאַרפושאַ גייט לאַנגזאַם אוועק, צומאַכנדיק הינטער זיך די נידעריקע טיר.

— מאַרפאַ!.. מאַרפושאַ!.. מאַרפושעטשקאַ!.. — און קאָנ־וואָלסיוו גלעט יעגאָר מאַרפושאַס קאָפּ מיט די ציטערדיקע הענט זיינע, מיט די אויסגעטריקנטע, לאַנגע (פּריצישע) פינגער.

איך האָב נישט קיין געזעץ. אָבער כ׳קאָן נישט פאַר־געסן דעם אמת. כ׳קען נישט אַריבערטרעטן איבער זיך. אַלץ איז פאַרלאָרן. און וואָסער אמת איז אויף דער ערד אַראָפּ־געקומען, די מוטער כריפּעט... פאַר אַלעמען ענטפערט זי. פאַר אַלעמען... כ׳האָב דיך ליב, די צעטראָטענע ריינקייט האָב איך ליב, געדענק — איך האָב ליב. כ׳וועל אַוועק אַלס מוזיקאַנט, אין ראַט.

— יעגאָרושקאַ...

יעגאָר אָטעמט שווער און מיט אַ כריפּ און דריקט צו קאָנוואָלסיוו מאַרפושאַס קאָפּ צו זיין ביינערדיקער ברוסט. טונקל ברענט דער קאָפּטשיק.

און ווידער שלאָגט דער זייגער. עס פירט די נאַכט איר נאַכטיקן סדר — הינטער דעם הויז אַ פאַרכשופטן, און דאָ אַ טויטן. ס׳וועט דורכגיין נאָך איין נאַכטיקע שעה און ס׳וועט זיין — פרימאָרגן. באָריס, אַ גרויסער, אַ פּריציש־פולער און אויסגעכאָליעטער, קומט אַריין מיט אַ פולן גאַנג פון אַ מענטשן, וועלכער וואַנדערט אַרום ביינאַכט אין שלאָפ־לאָזיקייט, צו גלעבן.

— גלעב, דו שלאָפסט? עס זענען מיר אויסגעגאַנגען די שוועבעלעך.

— ביטע.

באָריס פאַררויכערט. די שוועבעלע באַלויכט זיין גע־גאָלט, געכאָליעט־פול פנים, עס גיט אַ שיין אַ רינג אויפן קליין פינגערל. באָריס זעצט זיך נעבן גלעבן, עס קנאַקט אונטער זיין געפאַקטן קערפּער דאָס ברעט פון בעטל, — און

זיצט גלייך און שטייף, נישט בויגנדיק זיך אין דער טאַליע לויט דער געוווינהייט, וואָס איז נאָך אויסגעאַרבעט געוואָרן אין קאַטקאָווס ליצײ, אין מאָסקווע.

—כ׳קען זיך באין-אופן נישט איבערגעבן מאָרפֿעען,—רעדט באָריס מיט טרויער.

גלעב ענטפֿערט נישט, זיצט איינגעהויקערט, צענויפֿ-לייגנדיק די הענט אויף די קני און אָנבויגנדיק נידעריק צו זיי דעם קאָפּ.

זיי שווייגן.

— באָריס, יעגאָר האָט מיר נאַר-וואָס דערציילט וועגן אַ נבלה. דו ביסט באַגאַנגען אַ נבלה, — רעדט גלעב.

— מיט מארפֿען, זיכער, — באַרישקייטן, — ענטפֿערט באָריס לאַנגזאַם מיט אַ שמייכעלע און מיד.

— דאָס איז אַ נבלה.

באָריס ענטפֿערט נישט תּיכּף און רעדט פֿאַרטראַכטערהייט, אָן זיין שטענדיקן שמייכעלע.

— אודאי, — נאַרישקייטן. כ׳בין באַגאַנגען אַ גרעסערע נבלה: איבער זיך אַליין. פֿאַרשטייסט, — דאָס הייליקע האָב איך פֿאַרלאָרן. אַלץ האָבן מיר פֿאַרלאָרן.

סיי באָריס, סיי גלעב שווייגן. די לבנה, דורכמאַכנדיק איר הימלישן וועג, האָט אָװעקגעלייגט שטראַלן אויף דער בעט און באַלויכטן באָריסן — מיט אַ גרינלעכער, פֿאַנטאַסטישער שיין, מיט יענעם ליכט, ביי וועלכן עס וואָיען אין אומעט די הינט. באָריס רויכערט פּייַנלעך.

— רעד, באָריס.

— איינמאָל אין פֿרילינג בין איך געשטאַנען אויפֿן אָר-לאָווער באַרג און געקוקט אויף דער פֿאַרגאָסענער געגנט הינ-טער דער וואָלגאַ. ס׳איז געווען פֿרילינג, די וואָלגאַ האָט זיך צעגאָסן, דער הימל האָט געבלויט — דאָס לעבן האָט גע-ברויזט — הן אַרום, הן אין מיר. און איך — געדענקט זיך — האָב דאַן געוואָלט אַרומנעמען די וועלט. כ׳האָב דעמאָלט גע-טראַכט, אַז איך בין אַ צענטר, פֿון וועלכן עס צעגייען זיך

ראַדיוסן, אַז איך בין אַליין. דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין לעבן זענען נישטאָ קיין שום ראַדיוסן און צענטערס, אַז ס'איז בכלל — רעוואָלוציע, און אַלע זענען נאָר פּעשקעס אין די לאַפּעס פון לעבן. — באָריס שווייגט אַ רגע, דערנאָך רעדט ער מיט בייזקייט: — און מיט דעם קען איך נישט שלום-מאַכן! איך האָב אַליין פיינט און פאַראַכט אַלעמען. כ'קען נישט! כ'קען נישט. כ'וויל נישט! אויך דיך, גלעב, פאַראַכט איך, מיט דיין ריינקייט... מאַרפושאַ? ס'איז דאָ ליבע, מאַרפושאַ און יעגאָר האָבן ליב געהאַט? — טאָ נאַט אייך, צום טייוול! רוסלאַנד, רעוואָלוציע, — מיר האָבן זיך פאַלאַצן אָנגעזאַמלט, און אָט—ביסטו אַ ריינער—אַ צניעותדיקער — געבוירן געוואָרן? צום טייוול!.. אונז האָט מען די נבלה-פּרעסער *) גערופן, — און דו ווייסט, אַז נבלה הייסט אַ פּגר מיט אַן אַראָפּגעשונדן הויט!

באָריס ווערט שטיל און אָטעמט שווער. גלעב שווייגט. לאַנג דויערט דאָס שווייגן.

— בומעראַנג. צי ווייסטו, וואָס אַזוינס בומעראַנג איז? — פרעגט שווערמוטיק באָריס. — דאָס איז אַזאַ אינסטרומענט, וועלכן די פּאַפּואַסן וואַרפן פון זיך, און ער קערט זיך ווידער אום צו זיי. פּונקט אַזוי איז אַלץ אין לעבן, ריכטיק ווי דער בומעראַנג... גלעב, אַ סך כחות איז מיר געגעבן געוואָרן, סיי פיזישע, סיי יענע, וועלכע צווינגען די אַנדערע זיך אונטערצוּוואַרפן... און אַלץ וואָס כ'האָב געטאָן — וועט זיך מיר אומקערן. צו פינף-און צוואַנציק יאָר בין איך געווען אַ געהילף-פּראָקוראָר, געהיימע צירקולאַרן פלעגט מען מיר צושיקן, כ'האָב אָפּגעהיט פון פּוגאַטשעווטשינע... צי באַשולדיקסטו עמיצן?

— איך קען נישט באַשולדיקן. כ'קען נישט.

— און איך באַשולדיק. אַלע זענען אויסוואורפן. אַלע!

פירשט באָריס שווייגט פּיינלעך.

— ברודער... און אויב איך ק ע ן נ י ש ט?

— איך ווייס נישט, ווו עס ליגט דיין וועג. אויך איך האָב פאַרלאָרן דעם גלויבן. כ'ווייס נישט...

---

*) אזא פּויגל. (אַוו.)

— אויך איך ווייס נישט.

— האָסט געלייענט די יעוואַנגעליע?

— געלייענט. כ׳האָב נישט ליב, — ענטפערט באָריס פויל. באָריס שטייט אויף אַ מידער, גייט צו צום פענסטער, קוקט אויפן ווייטן מאָרגנשטערן, רעדט פאַרטראַכטערהייט.

— עס זענען געווען נעכט מיט מיליאָנען יאָרן צוריק, היינט איז נאַכט, און אין אַ מיליאָן יאָר אַרום — וועט אויך זיין נאַכט. דיך רופט מען גלעב, מיך — באָריס. באָריס און גלעב. לויטן פאָלקס-גלויבן הויבן אָן צו זינגען די סאָלאָוויס אין אונזער נאָמען-טאָג, דעם צווייטן מאַי... כ׳בין באַגאַנגען נידערטרעכטיקייטן, כ׳האָב געשענדעט מיידלעך, אויסגעפרעסט געלט, געשלאָגן דעם פאָטער. דו באַשולדיקסט מיך, גלעב?

— כ׳קען נישט. כ׳קען נישט משפטן, — ענטפערט גלעב אייליק.—„מיר געהער די נקמה און די באַצאָלונג.”—דו האָסט געזאָגט חענגן מיין ריינקייט. יאָ, אַלץ איז שקר... — רעדט ער. ער דערנענטערט זיך צו באָריסן און שטייט נעבן אים. די לעצטע פאַרטאָגיקע לבנה שיינט אויף זיי. — באָריס, דו געדענקסט, — „מיר געהער די נקמה און די באַצאָלונג.”

— כ׳געדענק, — בומעראַנג. כ׳האָב נישט ליב די יעוואַנגעליע. — באָריס רעדט מעלאַנכאָליש, זיין פנים איז אָנגעכמורעט. — בומעראַנג!.. דאָס שרעקלעכסטע, וואָס מיר איז געבליבן — דאָס איז אומעט און טויט. די נבלה-פרעסער שטאַרבן אויס. אָט, אינגיכן וועלן ביי מיר אַרויספאַלן די ציין און ס׳וועלן אויספוילן די קין-באַקן, די נאָז וועט איינזינקען, אין אַ יאָר אַרום וועל איך, — דער בילד-שיינער פירשט, דער מוצלח-באָריס, — שוין נישט זיין... און — אין מאַי וועלן זינגען די סאָלאָווייען. ס׳איז אומעטיק, ווייסט. — באָריס לאָזט נידעריק אַראָפּ דעם קאָפּ, קוקט מעלאַנכאָליש פון אונטערן שטערן אַפּער אויף דער לבנה, רעדט פויל: — היינט וואַיעך ביי דער לבנה... איך, גלעב, האָב סיפיליס, דו ווייסט...

— באָריס! וואָס רעדסטו!

— איך ווייס בלויז נישט — צי אַ פעלער פון די באַריטמטע אבות, אָדער... דער פאָטער שווייגט.

— באָריס !..

באָריס אָבער ווערט תיכף געענדערט. שטאָלץ, ווי אַ שיין פערד, און אַזוי ווי מ'האָט אין ליצייַ געלערנט, פאַרוואַרפט ער דעם קאָפּ און רעדט מיט אַ שמייכל :

— הע !

— באָריאַ...

— דאָס קאָמישסטע איז ווען מענטשן רעגן זיך אויףהע !.. מיין ליבער ייִנגסטער ברודער, שוין צייט צו שלאָפן. אַדיע !

באָריס גייט לאַנגזאַם אַוועק פון גלעבן. גלעב איז אַ סך קלענער פון באָריסן. ער, אַ קליינינקער, שטייט אין שאָטן. באָריס גייט פעסט אַרויס פון גלעבן, רויִק און הויך אויפהויבנדיק דעם קאָפּ. אין קאָרידאָר אָבער זינקט זיין קאָפּ, ווערט צעקראָכן זיין גאַנג. אָנמעכטיק שלעפן זיך זיינע גרויסע פיס.

אין זיין צימער בלייבט באָריס שטיין ביים אויוון, שפאַרט זיך אָן מיט דער פלייצע אין אירע קאַלטע קאַכלעס מעכאַניש, לויט דער געוווינהייט, וועלכע איז נאָך געבליבן פון ווינטער, פירט מיט דער האַנט איבער די קאַכלעס און דריקט זיך צו — מיט דער ברוסט, מיטן בויך, מיט די קני — צו דער טויטער קעלט פון אויוון.

און די נאַכט פירט שוין אָפּ צוריק איר נאַכטיקן סדר. און מיטן פורפורנעם מאָרגנשטערן קומט אָן — אַ געפּענטשטער — אַ יונג-פרימאָרגן, גלעב טראַכט וועגן זיך, וועגן די ברידער, וועגן גאָטסמוטער, וועגן מלאך וואַראַכניל, וואָס זיין בגד דאַרף זיין איינגאַנצן אין בלומען — אין ווייסע ליליעס... די רעוואָלוציע איז געקומען מיט ווייסע זאַווערוכעס און מאַישטורעמס. מאָלעריי — איקאָנעס-מאָלעריי. אַלטע ווייסע קיר

בעט מיט די פענסטערלעך פון מאריען-גלאָז. אויב ס'איז אויסגעבראָכן אין פערצנטן יאָר די מלחמה —

(אין רוסלאַנד האָבן מיט רויטע שרפות געברענט די וועלדער און גראָזן, מיט אַ רויטן דיסק פלעגט אויפגיין און פאַרגיין די זון)

— אַ געבוירענע דאָרט אין אייראָפּע דורך די בירזשעס און טרעסטן, דורך דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק און כדומה, — אויב אין אייראָפּע האָט ג ע ק ע נ ט געבוירן ווערן אַ ז אַ מלחמה, טאָ דאַרף מען דען נישט שיקן צו אַלדע רוחות די גאַנצע אייראָפּעישע קאַפּעליוש-קולטור? — ווייל אייראָפּע איז געבליבן הענגען אין רוסלאַנד — אויפגעהאָנגען דורכן אימפּעראַטאָר פּיאָטר (און דעמאָלט זענען דאָס פאַרמויערט געוואָרן די אַלטע, ווייסע צערקווען), — צי דען איז אונזער רעוואָלוציע נישט קיין מאַי-שטורעם? — צי דען נישט קיין מערץ-וואַסערן, — וועלכע האָבן אַראָפּגעשווענקט די קרעץ פון צוויי יאָרהונדערטער? ס'איז דאָך אָבער נישטאָ קיין שום גאָט, און בלויז די געשטאַלט-קלייד פון וואַראַכביל אין ווייסע ליליעס. — דער מאלער גלעב אַרדינין איז געקומען צופאָרן אַהער אין זיין היימלאַנד מיטן אַרכעאָלאָג באַודעק, כדי צו מאַכן אויסגראָבונגען, — פון וואָס?

און די ערשטע האָט זיך אויפגעכאַפּט אין הויז די מוטער, די פירשטין אַרינאַ דאַווידאָוונאַ, די געבוירענע סוחרטע פּאַפּקאָוואַ. אין די געבורטווייען פון פרימאָרגן לייגן זיך טריבע ליכטפלעקן אויפן דיל און אויפן פּולאַפּ. הינטער די פענסטער-קראַטעס איז אַ ליכטיקער זונאויפגאַנג, און אין טונקעלן צימער פון אַרינאַ דאַווידאָוונאַ איז פינסטער, עס זענען געדיכט אָנגעשטעלט שאַפעס, שיפאָניערקעס, קאָמאָדעס, צוויי הילצערנע בעטן אונטער פאָרהאַנגען. אויף די טונקעלע ווענט, אין קיילעכדיקע ראַמען — קוים וואָס מ'קען דערקענען — הענגען אָפּגעקראָכענע קאָפּ-פּאָרטרעטן און פאָטאָגראַפיעס. און פינף

מינוט פריער, איידער עס כאַפּט זיך אויף אַרינאַ דאַווידאָוונאַ, ווען די פירשטין כראָפּעט נאָך געשמאַק, הויבט זיך אויף גע־רוישלאָז אויף איר בעטל שוועסטערל יעלענאַ יערמילאָוונאַ, די געבוירענע טרוסקאָוואַ, צלמט זיך, זיך אָנטועענדיק, פאַרקעמט אירע אויסגעקראָכענע האָר, — און שוועבט גערוישלאָז איבער די גראָע פאַרטאָגיקע צימערן. דאָס הויז שלאָפט. יעלענאַ יערמילאָוונאַ באַטראַכט די בגדים אין פאָדערצימער, עפנט שטיל־שטיל די טירן צו די שלאָפנדיקע.

און ווען די קוקאַווקע קוקעט, כאַפּט זיך אויף אַרינאַ דאַווידאָוונאַ, זיך צלמנדיק מיט דער ריזן־האַנט. פון בעט, פון דער פירשטין, פון אירע פיס טראָגט זיך אַן עיפּושדיקער ריח פון אַן אומריינעם, פעטן מענטשלעכן קערפּער.

— איירע פיסעלעך, שוועסטערל, די זעקעלעך אָנטאָן, — רעדט יעלענאַ יערמילאָוונאַ.

— אַ דאַנק, שוועסטערל, — ענטפערט די פירשטין מיט אַ באַס.

די פירשטין וואַשט זיך אויפן פאַרצייטיקן שטייגער, אין קופּערנעם וואַש־בעקן. דערנאָך זאָגן ביידע אַלטע צוזאַמען אויפן קול די תפלות, מיט אַ קרעכץ, מיט מאַטערניש לאָזט זיך די פירשטין דריי מאָל אַראָפּ אויף די קני, — די פרימאָרגן־תּפלה, הימלישער קיניג, פאָטער אונזער, דעם מלאך דעם באַשיצער, דער גאָטס־מוטער, — פאַר די נאָענטע, פאַר די ווייטע, פאַר די, וואָס פאָרן איבער ימים און פאַר די, וואָס רייזן אַרום. יעלענאַ יערמילאָוונאַ רעדט און אַריינאָטעמענדיק אין זיך די לופט, — רעדט זי מיט אַ שיפּנדיקן רעטשיטאַטיוו.

מאַרפושאַ לויפט אַרום איבער די צימערן און רעדט צו אַלעמען איינס־און־דאָסזעלבע, איינגעחזרטס:

— נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ! שוין צייט פאַר אייך אין שפּיטאָל אַריין, דאָס סאַמאָוואַרל איז אויפן טיש, די מאַמעשי זידלען זיך!

— אנטאָן ניקאָלאַיעוויטש, שוין צייט פאַר אייך איז דער ריי צו גיין, דאָס סאַמאָוואַרל איז אויפן טיש, די באָבע־ שי זידלען זיך!

— קסעניאַ לוקאָווּנאַ! שוין צייט אייך אויפן מארק צו גיין, דאָס סאַמאָוואַרל איז אויפן טיש, די באָבעשי זידלען זיך!

אין עסצימער ביים דעמבענעם טיש שניידט אַרינאַ דאַ־ ווידאָווּנאַ פּאַרציעס ברויט און טרינקט טיי. יעלענאַ יערמי־ לאָווּנאַ גיסט אָן גערוישלאָז דאָס צענטע טעפּעלע.

— יעגאָר יעווגראַפאָוויטש זענען צוריקגעקומען ביינאַכט, מאַרפאָנקאַ האָט זיי געבראַכט, דערנאָך זענען זיי אריינגעגאַנ־ גען צו גלעב יעווגראַפאָוויטש. זייערע גאַנצע מלבושים האָבן זיי פאַרשיכורט, גלעב יעווגראַפאָוויטש האָט זיי זיינע אָפּגע־ געבן... זיי האָבן זיי די טיר געעפנט. — יעלענאַ יערמילאָוו־ נאַ רעדט צישנדיק. — באָריס יעווגראַפאָוויטש זענען אויך אַריינגעגאַנגען צו גלעב יעווגראַפאָוויטש, און דערנאָך צום פאָ־ טערל־פירשט. דאָס פאָטערל זענען אַ גאַנצע נאַכט מתפלל געווען. נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ זענען געגאַנגען שלאָפן צוועלף אזייגער, נאָך דער נאַכט־וואַך זענען זיי ווידער געגאַנגען מיטן באָלשעוויק אַרכיפּקע אַרכיפאָוו... טאָניאַ האַלט אויך מיט די באָלשעוויקעס, זיי האָבן צעבראָכן אַ גלאָז און מיך איבערגע־ רופן מיט אַ שענדלעך וואָרט...

— מיט וועלכס? — בײַ אַרינאַ דאַווידאָוונאַ זענען שווער אָנגעלייגט די ליפּן, איינע אויף דער צווייטער — און אויף דער דריטער, אין אירע אויגן, אַמאָל קאָרע, איצט גע. ע.— איז מאַכט.

— נבלה, שוועסטערל.

— או־הו...

— לידיאַ יעווגראַפאָוונאַ מיטן טעכטערל און קאַטערינאַ יעווגראַפאָוונאַ זענען צוריקגעקומען פון „ווענעציאַ” האַלב איינס, מיט זיי איז געווען אַלענקאַ קונצאָווע. אין גאָרטן האָבן זיי געזונגען ראָמאַנסן.

— אוהו... אַ, גאָטעניו...

ווי פון קייט האָט זיך אָפּגעריסן אַנטאָן, גענומען טראָס-קען מיט די פיס איבערן הויז.

— מאַרפושקאַ, ווו איז מיין טאָרבע פאַר דער רייז?..

אין עקסימער טרינקט אַנטאָן רוישיק דעם איבערגע-בליבענעם קאָרן, סאָפּעט און פייפט און זיינע פיס רודערן אַרום אונטערן טיש, ווי אַן אונטערוואַקסנדיקער סעטעטער*) צוליב פליי. יעלענאַ יערמילאָוונאַ איז איינגעבויגן ביים סאַמאָוואַר.

— גוט מאָרגן, טאַנושקאַ, אַ גוטינקן מאָרגן, — רעדט זי.

— אַ גוטן מאָרגן, — ענטפערט אָפּ אָנגעכמורעט אַנטאָן מיט אַ העזנער-באַס. — איך וועל היינט גיין אין פּאַראַיין פון דער יוגנט זיך פאַרשרייבן אין קאָמסאָמאָל. און איר, ווען וואָס נאָך האָט איר אָנגעמסרט דער באָבען?

— אי-אי-אי, און דו האָסט גאָר קיין חרפּה נישט? די שעמסט זיך נישט אויף אַלטע לייט?

— מיר קענען אייך! אַ רכילותגיצע נומער איינס!.. ווען דו זאָלסט זיין ביי אונז אין דער צווייטער שטופע, וואָלטן מיר דיר יעדעס מאָל געגעבן איבער דער צורה און גוט אָנגעהורגט.

— בורלאַק! פּגע-רע! אָט וועל איך דערציילן דעם שוועסטערל...

— אָט דאָס זאָג איך דאָך, — שפּיאָנקע... שוין לאַנג צייט אין טשרעזוויטשייקע! אָט וועל איך זאָגן אין פּאַראַיין!

— צי דען בין איך קעגן דער ראַטן-מאַכט?

— מיר ווייסן שוין!.. — מאַרפושקאַ!.. ווו איז מיין טאָרבע פאַר דער רייז? — און ווידער האָבן זיך איבערן גאַנצן הויז אָפּגעריסן אַלערלייאיקע קייטן.

אין אַ ווייסן קלייד, אַ טרעמדע, אַ שטילשווייגנדיקע,

*) אַזאַ הונט.

טרינקט אין עסצימער טיי נאַטאַליאַ יעווגראַפאָווגאַ און גייט אַוועק אין שפּיטאָל. דער דריי־עמערדיקער סאַמאָוואַר האָט שוין אַלץ אויסגעזונגען, ווערט שטיל, זשומעט ווי אַ פליג ביי דער שפּין. די פּירשטין טוט אָן די הוט, אַ „קאַפּאָט", און מיט מאַרפּושאַן און קסעניען גייען זיי אויפן מאַרק מיט פּעקלעך — פאַרקויפן יענע פאַרצייטיקע קליידער, וואָס זענען געבליבן בירושה פון די באָבעס, פישביין־רעק, ראָבראָנעס, טורניורעס, אין שפּיצן פון פאַנשטשינע־שטריקעריי, אַ קאַרביד־לאַמטערן, אַ טעלעסקאָפּ. צוזאַמען מיט זיי וועלן פון מאַרק קומען טאָטערן אין נייאינקע קאַלאָשן און אַלע וועלן זיך אַראָפּלאָזן אין שפּייכלער. אין שפּייכלער שמעקט מיט שטשורעס און פוילעניש, די ווענט זענען פאַרשטעלט מיט קאַסטנס, קופערטס, טשעמאָדאַנעס, עס הענגען גרויסע פאַרזשאַווערטע וואָגשאָלן. די טאָטערן וועלן וועגן אויפן האַנט די אַלטע לייכטערס (האַנטאַרבעט) זילבער, פאָרצעליי, פון מאָל דורכגעגעסענע אולאַנער, גוסאַרער, קאַוואַלערגאַרדער, סתם פריצישע און ציווילע מונדירן, — זיי וועלן קאַלטבלוטיק אַלץ מאַכן צו קליינגעלט, אָנבאָטן לעכערלעכע פרייזן און ריקן זייערע טרוקענע הענטלעך, כּדי צו פאַרענדיקן דעם מסחר. די פּירשטין וועט זיך אָנשטויסן אויף אירע אַ פאַרגעסענע, פון יוגנט געבליבענע שמאַכטע און וועט ביטער וויינען, באַהאַלטנדיק די שמאַכטע, כּדי זי צו פאַרקויפן אַ צווייט מאָל. דערנאָך וועלן די טאָטערן באַלאַבאָטשען אויף זייער לשון, עפּעס צולייגן, די פּירשטין וועט אַראָפּלאָזן, מ׳וועט זיך קלאַפּן אין די הענט (אומבאַדינגט וועט מען זיך קלאַפּן אין די הענט!), די טאָטערן וועלן רגילותדיק־געשיקט איינוויקלען דאָס געקויפטע אין פּייניקע פּעקעלעך, באַצאָלן טויזנטער פון בייכיקע פאָרטפעלן און איינציקוויז (אומבאַדינגט איינציקוויז!) וועלן זיי אַוועקגיין דורכן הינטערשטן אַרויסגאַנג באַרג־אַראָפּ, בלישטשענדיק אויף דער זון מיט זייערע נייענקע קאַלאָשן. און די פּירשטין וועט חיינען אין שפּייכלער, דערמאָנענדיק זיך די געפונענע שמאַכטע און דאָס מיט איר פאַרבונדענע.

אין די איבערשטיבלעך — האָט זיך פון דור צו דור געפירט ביי די אָרדינינס — איז די מיידלשע טייל, די טעכ־טער וווינען דאָ. די פּולאָפּן זענען דאָ נידעריק און דאָ איז ,יכטיק — די ווענט זענען ווייס און די קוואַדראַטיקע פענס־טער — אָפן. — אַלס אַכצניאָריק מיידל האָט לידיאַ חתונה געהאַט טאַקע דאָ אין אָרדינין פאַרן גוט־באַזיצער פּאָלובין — און אינגיכן אים אַוועקגעוואָרפן, איבערבייטנדיק אויף מאָסקווע, אויף פּאַריזש (אין פּאַריזש טאַקע איז געבוירן געוואָרן קסעניאַ), זיך געטראָפן און צענויפגעקומען מיט אַ קאַוואַלערגאַרד, און זיך מיט אים פאַנאַנדערגעגאַנגען, און גלייך נאָך דעם געטראָפן אַן אַרטיסט פון מאָסקווער קייזערלעכן גרויסן טעאַטער, — און אויף תּמיד אַוועק אין דער באָהעמע־וועלט, — זיך גענו־מען לערנען זינגען, און דאָס זינגען איז איר געלונגען — צו דריי־און־צוואַנציק יאָר איז זי אַריינגעטראָטן טאַקע אין זעלבן טעאַטער אַלס אַרטיסטקע, ווו ס'איז געווען אויך איר נייער מאַן. דעמדאָזיקן נייעם מאַן האָט זי אויך אַוועקגעוו־אָרפן, אָבער די סצענע האָט זי נישט פאַרלאָזן, און זיך אַרומגעטראָגן לויטן ווילן פון ליבן גאָט און פון די אַנטרע־פּרענערן אַזוי לאַנג, ביז... איצט איז זי ביי דער מוטער. איר ייִנגערע שוועסטער, נאַטאַליאַ, איז איר נאָכגעפאָרן, מיידלווייז, קיין מאָסקווע, אָבער איר לעבן האָט זי איינגעאָרדנט אַנדערש: אָנגעקומען אויף מעדיציניש קורסן צו געריע און זיי געענ־דיקט, אויך זי האָט געהאַט אַן ערשטע נאַרישע ליבע, פון די, וואָס פאַרברענט אַלע שיפן, אָבער אויב לידיאַ האָט געביטן איין ליבע אויף אַ צווייטע — האָט נאַטאַליאַ באַשלאָסן שוין מער קיינמאָל נישט ליב צו האָבן און געבליבן, כּדי צו זיין אַ דאָקטאָר, ווי ס'איז אויפגעשריבן ביי איר אין דיפּלאָם, און כּדי צו שווייגן.

און ווידער גייט מאַרפושאַ איבער אַלע צימערן און דערט גלייכגילטיק:

— דאָס סאַמאָװאַרל איז אױפן טיש, די מאַמעשי זענען צוריקגעקומען... די מאַמעשי זידלען זיך.

און נאָך מאַרפּושאַ, סונדערװײַטנס, גײט יעלענאַ יערמילאָװנאַ, גערױשלאָז און נישט אָנפרעגנדיק זיך עפנט זי די טירן (און עס קומען פאָר בײַ איר אַזעלכע שמועסן: — „איר מאָלט, ליבינקער, גלעב יעהגראַפאָװיטש?"

— „איך מאָל, יעלענאַ יערמילאָװנאַ".

— „נו, טאָ מאָלט זיך געזונטערהייט, גאָט זאָל אײַך העלפן"... — איך לײען, איך רױכער, איך טו מיך אָן, איך גײ, איך בין אין כעס, איך לײג מיך שלאָפן — זאָגט מען איר, און זי ענטפערט אַלעמען: — נו, טאָ לײענט זיך, רױכערט, טוט זיך אָן, גײט, זײט אין כעס, לײגט זיך — געזונטערהייט, גאָט זאָל אײַך העלפן!..) יעלענאַ יערמילאָװנאַ רוקט אַרײַן גערױשלאָז דעם קאָפּ אין לידיאַס צימער.

— איר טוט זיך אָן, טײַערינקע...

— יעלענאַ יערמילאָװנאַ, װיפל מאָל דאַרף מען אײַך זאָגן, אַז דאָס איז אומדערצױגנקייט, — אַרײַנקוקן, נישט אָנקלאַפּנדיק. גײט. כ'דערלױב אײַך דאָ נישט צו זײַן, גײט!..

יעלענאַ יערמילאָװנאַ פאַרשװינדט גערױשלאָז הינטער דער טיר.

— עפּעס אַ שטשאַר אַ הײמישער, — זאָגט מיט עקל לידיאַ יעװגראַפאָװנאַ.

יעקאַטערינאַ, די ייִנגסטע, העלפט איר זיך אָנטאָן. לידיאַ יעװגראַפאָװנאַ, אָנגעטאָן בלױז אין אַ װײַסער, שפּיצענער העמד און אין שװאַרצע זאָקן, װעלכע נעמען אַרום די שלאַנקע פיס אירע ביז די היפטן, זיצט האַלב-ליגנדיק אין אַ נידעריקן פאָטעל. דאָס העמד איז אַראָפּגעפאַלן פון אַקסל, עס זעען זיך אירע קײַלעכדיקע אַקסלען און די גרױסע, נאָך שײנע ברוסט מיט מאַטע אַפּלען. יעקאַטערינאַ פאַרקעמט אירע געדיכטע געלע האָר. לידיאַ יעהגראַפאָװנאַ האָט קאַרע אױגן, איר האָרבאַטע נאָז איז פײַן-געשניצט און זי איז רױבעריש-שײן. יעקאַטערינאַ, אַ פולע און צעקראָכענע, גײט

אָנגעטאָן אין אַ נישט-זויבערן קאַפּאָט, — אָבער אירע האָר — אויך געלע און געדיכטע — זענען פיין פאַרקעמט.

— אַאַ—אַ! — נעמט לידיאַ אַ גאַממע, כדי אויסצופּרו-בירן די שטימע, און זאָגט: — טאָ ווייז זיך נאַטאַליען, אָדער נאָך עמיצן... ווען האָסטו באַמערקט?

— מיר דוכט, אַז אַ חודש, — רעדט יעקאַטערינאַ פויל.

— נו, אויב אַ חודש, קען מען אָפּוואַרטן. Fausse-couche*) דאָס איז זייער פשוט. לידיאַ שמייכלט אינטים. — דאָס איז דעם וויפלטן מאָל ביי דיר?

— דער צווייטער.

— און ווער איז ער?

— קאַרריק. וואַיענרוק**). אַן אָפיציר, נישט קיין פּאַר-טייאישער, אָבער נישט קיין קאָמוניסט.

— און וויפל יאָר ביסטו אַלט?

— ניינצן, אינגיכן צוואַנציק.

— נישקשה! אין דיין עלטער האָב איך פאַר אַ מאַן מורא געהאַט, ווי פאַר דער פּעסט.

— אָט, אָליאַ קונץ איז כמעט יעדן חודש. זי האָט עפּעס אַ הייבאַם... זייער ביליק. די וווּנדערסט זיך, איצט אַלע.

— ניין, אומבאַדינגט צום דאָקטאָר. מ'דאַרף נישט קיין הייבאַם. און בכלל איז אַן אַבאָרט לחלוטין נישט גוצלעך. גלייך היינט גיי אַריין צו אַ דאָקטאָר. אַאָך!.. — לידיאַ שווייגט לאַנג, ברעכט די הענט און מורמלט: — און ווידער אַזאַ לאַנ-גער טאָג, אינגאַנצן נישט קיין בויטיקער, אַ טאָג, ווי אַ מדבר. נו, יאָ, און איך בין אַליין, איינע אַליין... ס'איז דאָ אַ מעשהלע וועגן אַ פּרינצעסין — אַ זשאַבע, — פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט איוואַן צאַרעוויטש פאַרברענט מיין זשאַבישע פעלכל? נו, יאָ.

און הינטער די אָפענע פענסטער, אין פּאַרק, גייט איבער דער וועלט דער יוני. איבער דער וועלט, איבער דער שטאָט

---

*) אַן אַבאָרט. **) אַ מיליטער־פּיר־ער.

איז געגאַנגען יוני, דער תמיד שיינער, דער תמיד געוויינלעכער, אין זיינע קריסטאַלענע זון-אויפגאַנגען, אין די טויִקע פרימאָרגנס, אין זיינע ליכטיקע טעג און נעכט. אין די מיידלשע איבערשטיבלעך זענען נידעריק די פולאַפן, זענען ווייס די ווענט און עס זשומען, עס זשומען די האָניקדיקע בינען אין די אָפענע קוואַדראַטיקע פענסטערלעך. יעדע פרוי איז נישט קיין אויסגעטרונקענע פרייד. אגב, נאַטאַליאַ... — אין דאָזיקן פרימאָרגן האָט נאַטאַליאַ געזאָגט דער מוטער, אַז זי פאָרט איבער פון שטוב אין שפיטאָל אַריין. פרימאָרגנס האָט די מוטער אויך אָנגעטראָפן אין קאָרידאָר יעגאָרן.

— יעגאָר, קום אַהער. זאָג דעם אמת.

יעגאָר גייט לאַנגזאַם צו צו דער מוטער, שטייט נעבן איר, זיינע הענט זענען אַראָפגעלאָזן, די קאָפ איז אַראָפגעלאָזן, אין זיינע רויטע אויגן — פאַרבענקטקייט און בושה.

— יעגאָר, דו האָסט נעכטן געטרונקען? געשיכורט?

— יאָ, — ענטפערט יעגאָר שטיל.

— ווו האָסטו געלט גענומען?

יעגאָר שווייגט.

— ווו האָסטו געלט גענומען? דעם אמת זאָג!

— איך... איך האָב פאַרטרונקען נאַטאַליעס... נאַטאַליעס מאַנטל.

די מוטער פאַרמעסט זיך קורץ און שלאָגט מיט איר ריזן-האַנט איבער יעגאָרס פאַרוועלקטער באַק. יעגאָר איז אומבאַוועגלעך.

— אָט האָסטו! אַוועק פון די אויגן, און דערוועג זיך נישט אַרויסצוגיין פון דיין צימער! דערוועג זיך נישט צו שפילן אויף דער מוזיק! אַוועק פון די אויגן! שווייגן!

איינגעבויגן גייט יעגאָר אַוועק. און דאַן טראָגט זיך איבער די צימערן באָריס' ווילדער געשריי.

— און איך וויל נישט שווייגן! פאַר איך איז שוין צייט אַביסל אונטערצושווייגן! — ס'האָט שוין דערעסן! גענוג... יעלענאַ יערמילאָוונאַ, יעלענקאַ! לויף צו יעגאָרן, שטשור, און

זאָג, אַז איך, גלעב, נאַטאַליאַ, — מיר פּראָטעסטירן! לויף, שטשור!.. מאַמע, דו ביסט פּאַפּקאָוואַ, אַ סוחרטע! היט זיך! מאַרפּאַ, בראָנפּן!... מאַמע, דו — באַנעם דאָך מיט דיין קופּערנעם שכל, אַז מיר אַלע מיט דיינע ראָבראָנעס פליען מיר צום טייוול!.. צום טייוול, אַלץ צום טייוול!.. אַא—אַך! יעגאָר, גיי, שפּיל, שפּיל דעם אינטערנאַציאָנאַל!

— שווייגן, באָלשעוויק! איך בין אַ מוטער, איך לערן!.. איך דערנער!

— וואָ—אָס? דו דערנערסט?! דאָס געגנבעטע דערנערט, — דאָס אָנגעגזלטע, סוחרטע!. מאַרפּאַ, בראָנפּן...

אין דער פּירשטינס טונקעלן צימער איז טונקל, געדיכט זענען אָנגעשטעלט שאַפעס, שיפאָניערקעס, קאָמאָדעס, צוויי בעטן אונטער אַ באַלדאַכין. אויף די טונקעלע ווענט, אין קיילעכדיקע ראַמען הענגען אָפּגעקראָכענע קאָפּ-פּאָרטרעטלעך און פאָטאָגראַפיעס. טונקל זענען אַראָפּגעלאָזן אויף די פענ-סטער די גאַרדינען. אין גאָלדענע ברילן שטייט די פירשטין ביי איר אָפענעם שרייב-טיש, עס זענען צעעפנט פאַר איר אירע בוכהאַלטעריע-ביכער: „דאָס פּראָוויזיאָנע", „צעבראָכענע כלים", „דאָס אָפּרעכענען זיך מיט דער דינערשאַפט", „דאָס וועש-בוך", "דאָס מלבושים-בוך", „דאָס קינדישע".

אין „צעבראָכענע כלים" שרייבט די פירשטין אַריין: „טאָניאַ האָט צעבראָכן איין גלאָז". אין „קינדישע": — „יעגאָר איז באַשטראָפט, נאַטאַליאַ איז פון זינען אַראָפּ, פּאָרט איבער פון עלטערן-הויז וווינען אין שפּיטאָל. גאָט זאָל זי משפּטן, אַ מתנה קסעניען צען רובל". — אין „דאָס וועש-בוך" און אין „דאָס מלבושים-בוך" שרייבט די פירשטין דאָס, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן די טאָטערן אויפן מאַרק און דעם סכום שטעלט זי אַרויף אויף דער הכנסה אין „הכנסה-הוצאה-בוך". און די פירשטין וויינט. די פירשטין וויינט, ווייל זי פאַר-שטייט קיין איין זאַך נישט, ווייל איר אייזערנער ווילן, איר

עשירות, איר פאַמיליע — זענען געוואָרן אָנמעכטיק און פאלן זיך פאַנאַנדער.

— אָט אין יענעם טורניור, וועלכן מ'האָט היינט פאַרקויפט, — זאָגט זי אין טרערן צו יעלענאַ יערמילאָוונאַן, — האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען די פירשטין־מוטער, ווען כ'בין געקומען צופאָרן פלהוויז... כ'האָב דאַן געהאַט בעז אין די האָר, און ס'איז געווען יאַנואַר.

אָבער אינגיכן ווייגט שוין נישט די פירשטין. זי שטייט בײַם שרייב־טיש מיט אַ פעדער אין האַנט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אויף אירע ביכער און דערציילט וועגן דאָס לאַנג־פאַרגאַנגענע, קייטלענדיק איינס אין דאָס צווייטע, היימישעס, אייגענעס, שוין לאַנג — און אַזוי נישט־לאַנג — פאַרגאַנגענעס.

— ס'איז געווען בײַ אונז אַ גוטבאַזיצער, קאַמינין, אַ פּולקאָווניק אין דעמיסיע, אַ יעגער, ביין ווערשקעס די הויך. געקומען צופאָרן אין גוט אַן — צו קיינעם נישט... פלעגט געמען פון דאָרף צוויי שוועסטערס מוידן און ביידע לייגן מיט זיך שלאָפן, און גאַנצענע וואָכן פלעגט ער שכורן, און אַמאָל אויף אַ האַלבן צייט אין וואַלד אויף יאַכט. און צו קיינעם נישט... אַ גלח איז געווען בײַ אונז, פון שכרות פלעגט ער אָפּשפּרעכן, אין אַ ריי שטייט מען צו אים, דער גאַנצער צערקווע־פּלאַץ איז אין פּראָפּנס, — דאָס לעצטע מאָל, הייסט עס, פאַר דער אָפּשפּרעכעניש... דער פאָטער כריסטאָפאָר. דער פאָטער כריסטאָפאָר איז אַוועקגעפאָרן צו קאַמינינען, אײַנצורײַדן. קאַמינין האָט אָפּגעגעבן דעם וויזיט — געקומען צופאָרן אין צערקווע צו דער טאָג־תפילה, זיך צוגעהערט צום געזאַנג, און אַז ער הויבט דאָס אָן צו ווייַנען, און גלייך צום פּאָפּ אין אַלטאַר, און מיטן רימען־קאַנטשיק דעם פאָטער כריסטאָפאָר, — אין אַלטאַר פון קומער!.. און ווידער צו זײַנע מוידן. דערנאָך האָט ער מיך דערזען איפן וועג און — אַראָפּ פון זינען — די שוועסטער־מוידן פאַריאָגט, געוואָרן אַ סטאַטעק, גענומען אונטערהאַלטן קאַנטשאַפט מיט די גוטבאַזיצער און

סוחרים, אויפגעהפרט צו שפורן, אין געסט געפֿאָרן. בריוו האָט ער מיר געשריבן... און איינמאָל איז ער געקומען צו־פֿאָרן אויף אַ באַל אין פּעלץ און אין וואָס די מוטער האָט אים געבוירן, און דערנאָך איז ער אַריינגעפֿאַלן אין פֿרומקייט, און די מוידן — ווידער צו אים...

סיי די פירשטין, סיי יעלענאַ יערמילאָוונאַ זיפצן טיף אָפּ.

— אַלץ, שוועסטערל, ווערט היינט ערגער... אַלץ, — זאָגט מיט אַ זיפץ יעלענאַ יערמילאָוונאַ.

— גאָלדענע ווערטער, שוועסטערל. פֿריער איז נישט אַזוי געווען... פֿריער...

— אויך דער מאַן אייערער, שוועסטערל, האָבן זיך פֿון דער וועלט אָפּגעזאָגט.

— ביי די פירשטן אָרדינינס איז אַלץ אַזוי. דער פֿאָ־טער־אָרדינין איז אויך אַזוי... ס׳פֿלעגט טרעפֿן, דער פירשט...

— און די קינדער, די זאָרגן... אָט האָט מיך ווידער אַנטאָן ניקאָלאַיעוויטש אָפּגעזידלט מיט אַ שענדלעך וואָרט.

— מיט וועלכס ?

— שפּיאָנקע, שוועסטערל.

און מאַרפֿושאַ גייט ווידער איבער אַלע צימערן און רעדט גלייכגילטיק :

— שוין געגרייט צום טיש... באַלד וועל איך דאָס ער־שטע אויפגעבן... דאָס מוטערל זידלען זיך...

די הייסע זון פֿליסט אין די גרויסע, אין דער הויך פֿאַר־קיילעכדיקטע זאַל־פֿענסטער, פֿונם ליכט זעט דער זאַל אויס וויסט. גלעב האָט אָפּגערוקט זיינע סקיצן אין ווינקל, זיי פֿאַרשטעלט מיט אַ שירמע, דאָרט, אומגעדרייט צו דער וואַנט, שטייט זיין גאָטסמוטער. גלעב זיצט הינטער דער שירמע אויפֿן פֿענסטער, אין זאַל איז שטיל, פֿון פּאַפּיראָס ציט זיך אַ בלוי רויכל. — שטיל עפֿנט זיך די הויכע, צוויי־פֿליגלדיקע טיר און פֿאַרזיכטיק גייט צום ראָיאַל יעגאָר.

— גלעבושקאַ, כ׳קען זיך נישט איינהאַלטן. זיי מוחל.

שפּיל, יעגאָרושקאַ.

יעגאָר לאָזט אַראָפּ דעם מאָדעראַטאָר, שפּילט עפּעס אייגנס, אומענדלעך פּאַרטרויערטס און צניעותדיקס.

— גלעבושקאַ, דאָס האָב איך פאַר נאַטאַליען פּאַרפּאַסט. וועגן איר... די מוטער וועט דערהערן!..

— שפּיל, שפּיל ווייטער, יעגאָרושקאַ!

— דו ווייסט, גלעב!.. ווייסט, גלעב... מיר ווילט זיך איך דער גאַנצער וועלט אויסשפּילן דעם אינטערנאַציאָנאַל אָן אַ מאָדעראַטאָר... און — און אַריינפלעכטן אין אים געהיים „גרעטכען”, ווי פּיאָטר ווערכאָווענסקי ביי דער גובערנאַטאָרשע אין דאָסטאָיעווסקיס „שדים”, — דאָס איז פאַר דער מוטער... און — פאַר באָריסן! אַ — העך!..

גלעב טראַכט וועגן מלאך וואַראַכניל, וואָס זיין הלבשה איז אין ווייסע ליליעס, — און ווייטאָקדיק דערמאָנט ער זיך וועגן דער מוטער... אין דער מוטערס פינסטערן צימער הענגען אויף די ווענט קאָפּ-פּאָרטרעטלעך, שוין אָפּגעקראָכענע און אין קיילעכדיקע באַגילטע ראַמען; דער פּולאָפּ אין דער מוטערס צימער איז פּאַרקאָפּטשעט, מיט אַמור-באַרעליעפן און די ווענט זענען אין שטאָפּענע טאַפּעטן. — אין דער מוטערס צימער, פאַר דער פירשטין-מוטער, לאָזט זיך גלעב אַראָפּ אויף די קני, ציט אויס די הענט און מורמלט ווייטאָקדיק: —

— מאַמע, — מאַמע!..

ביים פּאַראַדנעם איינגאַנג קלינגט מען, לידיאַ יעהגראַ-פאָוונע ברענגט מען פון מאָסקווע אַ טעלעגראַמע:

„געזונט כ׳קוש בריללינג”.

לידיאַ שיקט מאַרפושאַן מיט אַן ענטפער-טעלעגראַם און אין שפּייכלער שלעפּט מען אין אויבערשטיבל קופערטס.

צוויי שמועסן. די זקנים.

דער צעגליטער הימל גיסט הייסע נעפּלען, זיך ברע-נענדיק אין דער זון, ברומט אונטער דאָס שוואַרצע מאָנאַכל

אויפן שוועל פון דער צעלע אַלט-רוסישע לידער. אין דער טונקעלער צעלע איז דאָס הויכע פענסטערל אין באַלזאַמענען, די ווענט טונקל, אַ קרוג מיט וואַסער און ברויט אויפן טיש צווישן פּאַפּירן, און די קעליע איז אין אַ פאַרשטויסענעם ווינקל, נעבן טורעם, אַ באַוואָקסענעם מיט מאָך. דאָס פּאָפּל, דער מיט מאָך באַוואָקסענער, זיצט נעבן טיש אויף אַ הויכן טאַבו-רעט און אויף אַ נידעריקן טאַבורעט אַקעגן אים זיצט גלעב יעווגראַפּאָוויטש. דאָס שוואַרצע מאָנאַכל ברומט אונטער לי-דער: — „הע—עך, אין אַ שבת, אין אַ טאָג אַ רעגנדיקן!" די זון בריט, פאַרשטויבטע וואָראָבייטשיקעס צוויטשערן. גלעב רעדט שטיל. דאָס פּנים פון פּאָפּל, אַ דורכגעפּעצטס ווי זשאַמש, איז אין גראָע הערעלעך, די אויגעלעך קוקן אַרויס פון באָרד כיטרע און שאַרף, פון באָרד שטאַרצט אַרויס דער איין-איינצי-קער געל-געוואָרענער שנייד-צאָן, און דער נאַקעטער שאַרבן איז ווי אַ דעקל פון אַ טרומנע. דאָס כיטרענקע פּאָפּל הערט זיך צו.

— די גרעסטע מייסטערס אונזערע, — רעדט שטיל גלעב, — וועלכע שטייען העכער פאַר דאַ-ווינטשי, קאָרעדזשיאָ, פּערודזשינאָ — דאָס זענען אַנדרעי רובלעוו, פּראָקאָפּ טשירין און יענע נאָמענלאָזע, וואָס זענען צעוואָרפן איבער די נאָווגאָ-ראָדס, פּסקאָווס, סוזדאַלס, קאָלאָמנאַס, איבער אונזערע מאָנאַ-סטירן און צערקוועס. סאַראַ קונסט זיי האָבן פאַרמאָגט, סאָ-ראַ מייסטערשאַפט, ווי אַזוי זיי פלעגן לייזן די קאָמפּליצירט-סטע מאָלעריי-אויפגאַבעס... די קונסט מוז זיין העראָאיש... דער מאָלער, דער מייסטער — אַ קעמפער. און טעמעס פאַר די ווערק דאַרף מען אויסקלייבן דערהויבענע און שיינע... וואָס איז ערלעכער פאַר קריסטוסן און דער גאָטסמוטער, — באַזונדערס פאַר דער גאָטסמוטער. די אַלטע מייסטערס אונזערע האָבן אויסגעטייטשט די געשטאַלט פון דער גאָטסמוטער, ווי דאָס זיסטע געהיימניש, די גייסטיקסטע געהיימניש פון מוטערשאַפט, — פון מוטערשאַפט בכלל. אונזערע רוסישע פאָלקס-פרויען — אַלע מוטערס — טוען תּפילה און זענען זיך מתודה אויף די

זינד פאַר גאָטסמוטער ביז אויף היינטיקן טאָג, און נישט אומזיסט: זי וועט מוחל זיין, פאַרשטיין די זינד, דער מוטערשאַפט צוליב...

— רעד וועגן דער רעוואָלוציע, זון, וועגן דער רעוואָלוציע, — זאָגט דאָס פאָפל. — וועגן פאָלקס-בונט. וואָס וועסטו דאָ זאָגן? — זעסט, — אָט איז ברויט! — נאָך דאָ אזעלכע, ברענגען צוביסלעך. און ווי מיינסטו, אין צוואַנציק יאָר אַרום ווען אַלע פאָפן וועלן אויסשטאַרבן, וואָס וועט דאַן זיין? אין צוואַנציק יאָר אַרום!.. — און דאָס פאָפל שמייכלט כיטרע.

— מיר איז שווער צו ריידן, פאָטערל... כ'בין לאַנג געווען אין אויסלאַנד און ס'איז מיר דאָרט געווען יתומדיק. מענטשן אין האַרטע קאַפעלושן, סורדוטן, סמאָקינגס, פראַקן, טראַמווייען, אויטאָבוסן, אונטערערדישע באַנען, הימל-קראַצערס, א גלאַנץ, האָטעלן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, מיט רעסטאָראַנען, באַרן, וואַנעס, מיט פיינסטע וועש, — מיט נאַכטיקער פרויען-דינערשאַפט, וועלכע קומט גאַנץ אָפן באַפרידיקן אומנאַטירלעכע מענער-באַדערפענישן — און סאַראַ סאָציאַלע אומגלייכקייט, סאַראַ קליינבירגערלעכקייט פון די זיטן און געזעצן! און יעדער אַרבעטער טרוימט וועגן אַקציעס, אויך דער פויער! און אַלץ איז טויט, דורך און דורך מעכאַניש, בלויז טעכניק און באַקוועמלעכקייט. דער וועג פון דער אייראָפּעאישער קולטור איז געגאַנגען צו מלחמה, האָט געקענט שאַפן דידאָזיקע מלחמה, דעם פערצנטן יאָר. די מעכאַנישע קולטור האָט פאַרגעסן וועגן דער קולטור פון גייסט, וועגן גייסטיקייט. און די סאַמע ,עצטע אייראָפּעאישע קונסט: אין מאָלעריי, — אָדער דער פלאַקאַט, אָדער די היסטעריקע פון פראָטעסט, אין ליטעראַטור — אָדער די בירזשע מיט געהיים-אַגענטן, אָדער פאַרליפּעפנישן ביי ווילדע. די אייראָפּעאישע קולטור איז דער וועג אין א טעמפּן ווינקל. די רוסישע מלוכהשאַפט האָט די לעצטע צוויי יאָרהונדערטן, זייט פּיאָטערן, געוואָלט אָננעמען דידאָזיקע קולטור. רוסלאַנד האָט זיך געמאַטערט אין שטיקע-

ניש, דורך און דורך אַ גאַגאָלשע. און די רעוואָלוציע האָט אָפּגעגעשטעלט איראָפּע — רוסלאַנד. און חוצדעם, גלייך נאָך די ערשטע רעוואָלוציע-טעג איז רוסלאַנד — מיטן לעבנס-שטייגער, מיטן כאַראַקטער, מיט די שטעט — אָוועק אין זיבעצנטן יאָרהונדערט אַריין. אויף דער גרעניץ-ליניע פון זיבעצנטן יאָרהונדערט איז געווען פּיאָטר...

? פּע׳טראָ, פּע׳טראָ! — פאַרריכט דאָס פּאָפּל.

— פאָלקס-מאָלעריי, אַרכיטעקטור, מוזיק, לעגענדעס וועגן יוליאַנאַ לאַזאַרעוואַ: איז געקומען פּיאָטר — און מיט אַן אומגעהייערער מגושמדיקער מאַסע איז אויפגעשטאַנען לאָמאָנאָסאָוו, מיט אַן אָדע אין גלאָז, און די עכטע פאָלקס-שאַפונג איז פאַרשוווּנדן...

(— העך, אין שבת... — ברומט ווידער אונטער אין היץ דאָס מאָנאָכל).

...אין רוסלאַנד איז נישט געווען קיין פרייד, און איצט איז זי דאָ... די רוסישע אינטעליגענץ איז נישט געגאַנגען נאָכן אָקטאָבער. און זי האָט נישט געקענט גיין. זינט פּיאָטערן איז איבער רוסלאַנד געהאַנגען איראָפּע, און אונטן אונטערן פערד אויף די הינטערשטע פיס, האָט געלעבט אונדזער פאָלק, ווי מיט טויזנט יאָר צוריק, און די אינטעליגענץ — דאָס זענען פּיאָטרס געטרייע קינדער. מ׳זאָגט, אַז דער שטאַם-פאָטער פון דער רוסישער אינטעליגענץ איז ראַדישטשעוו. נישט ריכטיק, — דאָס איז פּיאָטר. פון ראַדישטשעוון אָן האָט די אינטעליגענץ געגומען תשובה-טאָן און זוכן די אייגענע מאַמע, — רוסלאַנד. יעדער אינטעליגענט איז אַ בעל-תשובה און יעדער ווייטאָקט פאַרן פאָלק, און קיינער קען נישט דאָס פאָלק. און דער רעוואָלוציע, דעם פאָלקס-בונט איז נישט נויטיק געווען קיין פרעמדס. דער פאָלקס-בונט: — צו דער מאַכט זענען געקומען און עס שאַפן זייער אמת — עכטע רוסן, עכט רוסישס. און דאָס איז גוט... די גאַנצע געשיכטע פון פריערשן רוסלאַנד איז די געשיכטע פון סעקטאַנטנטום. ווער וועט מנצח

זיין אין דאָזיקן געראַנגל — די מעכאַנישע אייראָפּע, אָדער די סעקטאַנטישע, פּראַוואָסלאַוונע גייסטיקע רוסלאַנד...

עס בריט די זון, גלעב שווייגט. און דאָס פּאָפּל רעדט אייליק:

— דאָס סעקטאַנטן-וועזן? דאָס סעקטאַנטן-וועזן, זאָגסטו? — אָבער דאָס סעקטאַנטן-וועזן שטאַמט נישט פון פּעטראַ, נאָר פון דער קירכן-שפּאַלטונג!.. פּאָלקס-בונט, זאָגסטו, — פּוגאַטשעווי-שטשינאַ, ראַזינאָווישטשינאַ? — אָבער סטעפּאַן טימאָפעעוויטש איז געווען פאַר פּעטראַן!.. רוסלאַנד, זאָגסטו, — אָבער רוסלאַנד איז אַ פיקציע, אַ מיראַזש, ווייל רוסלאַנד איז אי קאַווקאַז, אי אוקראַינאַ, אי מאָלדאַווע... גרויסרוסלאַנד, — גרויסרוסלאַנד, דאַרף מען זאָגן, — פּאָאָטשיע, פּאָוואָלזשיע, פּאָקאַמיע! — ביסט מיין אייניקל, אָדער אַ ברודערן-זון? אַלץ האָב איך פאַרפלאָנ-טערט, אַלץ פאַרפלאָנטערט!.. ווייסט, סאַראַ ווערטער עס זענען אויפגעקומען: גוויאַז, גוווז, גאַז, נאַטשעוואַק, וואָלכאָז, — אַן אַנשיקעניש! — אַלץ פאַרפלאָנטערט.

איינגיכן רעדט שוין בלויז דאָס פּאָפּל, דער אַרכיעפּיס-קאָפּ סילוועסטר, דער געוועזענער פירשט און קאַוואַלערגאַרד. דער נאַקעטער שאַרבן, ווי אַ דעקל פון אַ טרומנע, איז צוגע-רוקט צו גלעבן און די אויגעלעך קוקן אַרויס פון באָרד.

— ווי איז געגרינדעט געוואָרן די מלוכה אונזערע — גרויסרוסלאַנד? — די התחלה פון אונזער געשיכטע ליגט אין חורבן פון קיעווער רוסלאַנד, — זיך אויסבאַהאַלטנדיק פון די פּעטשענעגן, פון די טאָטערן, פון די פירשטלעכע מחלקות און ברידער-שטרייטן, אין די וועלדער, פנים אל פנים מיטן דאָרף און די טשודן*), — אין שרעק פאַר מלוכהשאַפט האָט זיך די מלוכה אונזערע אויסגעבילדעט, — פון מלוכהשאַפט איז מען ווי פאַר דער פּעסט געלאָפן. אָט וואָס! און דערנאָך, ווען ס'איז געקומען די מאַכט, האָט מען גענומען בונטעווען, סעק-טעס בילדן, איז מען געלאָפן צום דאָן, אין אוקראַינע, קיין

*) אַ שטאַם, פון פינישער אָפּשטאַמונג, אַרום דער פּאַיפּוס-אָזערע (איפּ.)

יאַאיק. צי נישט דערפאַר אַמאָל, צי נישט דערפאַר האָט גרויס-
רוסלאַנד געטראָגן די טאָטערישע טאַטאַרשטשינע, און דערנאָך
די דייטשע טאַטאַרשטשינע, ווייל זי האָט זי נישט נויטיק גע-
האַט אין איר נישט-מלוכהשקייט, אין דער עטנאָגראַפיע ? —
נישט נויטיק !.. זיי זענען געלאָפן צום דאָן, אויפן יאַאיק, —
פון דאָרט זענען זיי געגאַנגען אין בונטן אויף מאָסקווע. און
איצט — דערגאַנגען צו מאָסקווע, גענומען די מאַכט זייערע,
די מלוכה זייערע גענומען בויען — און זיי וועלן אויסבויען.
און אויסבויען אַזוי, אַז איינער דעם צווייטן זאָל נישט שטערן,
נישט ענג מאַכן, ווי שוואָמען אין וואַלד. גיב אַ קוק אויף דער
פויערשער געשיכטע — ווי אַ וואַלד-שטעג — אַ יאָר-טויזנט,
וויסטעניש, אויסגעקאָרטשעוועט לאַנד, בית-עלמינס, נישט-פאַר-
זייטע פעלדער — אַ יאָרטויזנט. אַ מלוכה אָן אַ מלוכה, וועט
אויסוואַקסן ווי אַ שוואָם. נו, און דאָס גלויבן וועט זיין אַ
פויערשעס. — איבער וועלדער, איבער פעלדער, איבער לאָנ-
קעס, שטעגן און ישובים האָבן זיי געוואַנדערט, אַנטלויפנדיק
דאַן פון קיעוו, און — וואָס, מיינסטו, האָבן זיי מיטגעשלעפט
מיט זיך ? — לידער, זייערע לידער האָבן זיי מיטגענומען מיט
זיך, און די מנהגים, דורכגעטראָגן דורך יאָרטויזנטער, לידער
קערנדיקע, פעסטע, פריילינג-לידער, מנהגים, ווו די קו איז אַ
משפחה-מיטגליד, און דער העל-ברוינער פערד איז אַ חבר אין
דער נויט ; אָנשטאָט פסחא פלעגט מען אַוועקרייבן מיידלעך
פון די יום-טוב-פלעצער, אויף די בערגלעך אין די וועלדער.
צו יעגאָר, דעם בהמהשן גאָט, תפלה געטאָן. און דאָס פראַ-
וואָסלאַווגע קריסטנטום איז צוזאמען מיט די קיסרים געקומען,
מיט דער פרעמדער מאַכט, און דאָס פאָלק איז אַוועק פון אים —
אין סעקטנוועזן, אין זנאַכאַרסטוואָ, ווו דו ווי׳סט נאָר, צום
דאָן, קיין יאַאיק, פון דער מאַכט. אדרבה, זוך אויף, עס זאָל
אין די בבא-מעשיות זיין עפעס וועגן פראַוואָסלאַוויע ? — וואַלד-
גייסטער, מכשפות, וואַסער-גייסטער, אָבער גאָט צבאות — באין-
אופן נישט.

און דאָס גראָענקע פּאָפּל כיכיקעט כיטרע, לאַכט כיטרע און רעדט שוין פון געלעכטער, מיט אויגן פאַרזשמורעטע, אין באָרד.

— זעסט, דעם ראָזשאַק? — מערענגט! אָט. כי—כי! ביסט מיר אַן אייניקל? קיינעם זאָג עס נישט. קיינעם נישט. אַלץ ווערט געזאָגט אין מיין געשיכטע. די הייליקע ביינער האָט מען געפּסט — שטרוי?.. הער, אָט וואָס. — סעקטאַנטן זענען פאַרן גלויבן אויפן שייטער-הויפן געגאַנגען, און די פּראַוואָסלאַוונע האָט מען אין דער מלוכהשער צערקווע פאַרן קאָלנער געשלעפּט: — טו זיך ווי דו ווילסט, אָבער גלויב אויפן פּראַוואָסלאַוונעם שטייגער! איצט אָבער איז אָנגעקומען די פויערשע מאַכט, די פּראַוואָסלאַוויע איז געקומען צו דער מדרגה פון אַ סעקטע, מיט גלייכע רעכט! כי—כי!.. אַ פּראַוואָסלאַוונע סעקטע!.. אי—איכי— כי— כי... אין אַ סעקטע וועסטו פאַרן קאָלנער נישט אַוועקשלעפּן!.. די פּראַוואָסלאַוויע האָט געלעבט טויזנט יאָר, און אונטערגיין וועט זי, און אונטערגיין, — אי—כי—כי—כי, אין אַ יאָר צוואַנציק, ווי קיינמאָל נישט געווען, ווי נאָר די פּאָפּעס וועלן אויסשטאַרבן. דער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער, דער גריכיש-רוסישער איז נאָך אַלס אידייע געשטאָרבן פּיי דער שפּאַלטונג... און איבער רוסלאַנד וועלן זיך צעהוליען די יעגאָריס, וואַסער-גייסטער און מכשפות, אָדער לעוו טאָלסטאָי, און, ווער ווייס, אפשר דאַרווין אויך... איבער וועגן, איבער וועלדער, איבער דאָרף-שטעגן. און מ'שמועסט — אַ רעליגיעזע דערהויבונג!.. זעסט, דעם ראָזשאַק?.. עס ברענגען די, וואָס האָבן געלעבט אויף דריי וואַלפישן, די פּראַוואָסלאַוונע קריסטן פון די פּודיקע ליכט, — און מ'טראָגט אַלץ ווינציקער און ווינציקער. אָט איך, אַ פּראַוואָסלאַוונער אַרציביסקופּ, גיי מיר צופּוס, צופּוס... איכי—כי—כי!

דאָס גראָענקע פּאָפּל לאַכט פריילעך און כיטרע, שאָקלט מיט דער טרוקנע פון זיין שאַרבן, פאַרזשמורענדיק אין באָרד די טרערנדיקע אויגעלעך. די ציגלנע ווענט פון דער קעליע זענען פעסט און פינסטער. אויפן נידעריקן טאַבורעט זיצט

גלעב, אַן איינגעבויגענער און אַ שטילער, ווי אַ הייליק בילד. און אין ווינקל, אין טונקעלן קיאָט*) שווייגן שטרענג די שוואַרצע פנימער פון די איקאָנעס פאַר די נר־תמידס. און גלעב שווייגט לאַנג. עס ברייט די הייסע זון, און אין דער היץ זינגט דאָס מאַנאַכל. אין קעליע איז אָבער פייכט, קיל.

— יאָ הע–הע–הע... מ׳קען נישט אַרבעטן אין פעלד...

— וואָס־זשע אַזוינס איז רעליגיע, אַרציבּיסקופ?

— אַן אידייע, קולטור, — ענטפערט דאָס פּאָפּל, שרין נישט כיכיקענדיק.

— און גאָט?

— אַן אידעע. אַ פיקציע! — און דאָס פּאָפּל כיכיקעט ווידער כיטרע. — הויכווירדיקער אַרציבּיסקופ, זאָגסטו? — כ׳ווער אַן עבר בטל?.. עבר בטל... דער אַכטער צענדליק!.. כ׳גלויב נישט... שוין גענוג געשקרנט! אָנגעשטאָפּט די הייליקע ביינער מיט שטרוי!.. דו ביסט אַן אייניקל?

— אַרציבּיסקופ! — און גלעבס קול ציטערט ווייטאָקדיק, און גלעבס הענט זענען אויסגעשטרעקט. — זאָל מען נאָר אין אייערע רייד פאַרבייטן עטלעכע ווערטער מיט די ווערטער — קלאַס, בורזשואַזיע, סאָציאַלע אומגלייכהייט — וועט זיך דאָך באַקומען — באָלשעוויזם!.. און איך וויל ריינקייט, דעם אמת, — גאָט, גלויבן, אומפאַרגענגלעכע גערעכטיקייט... צו־וואָס בלוט?..

— א–א, אָן בלוט?! — אַלץ ווערט געבאָרן אין בלוט, אַלץ אין רויטן בלוט! און אויך די פאָן איז אַ רויטע! אַלץ האָב איך פאַרפּלאָנטערט, פאַרדרייט, נישט צו פאַרשטיין!.. הערסט, ווי די רעוואָלוציע וואָיעט, ווי אַ מכשפה אין אַ זאַווערוכע! הער צו: — גוויאַו, גוויאַיאַואו! שאָאָיאַ, שאָאָאָיאַיאַ... גאַאאו. און דער וואַלד־גייסט פּויקט: — גלאַ—ווּבּום! גלאַ—ווּבּוּאומם!.. און די מכשפות וויגן צו די הינטנס און די פּאַרנטס:

— קוואַרט—כאַז! קוואַרט—כאַז!.. דער וואַלד־גייסט גייט אַריין

*) דער אָרון מיט די הייליקע בילדער (איג.)

אין גרימצאָרן: — נאַטשעוואַק! נאַטש—עוואַק! כמו... און דער ווינט, און די סאָסנעס, און דער שניי: — שאָאָיאַ, שאָאָאָיאַ. שאָאָיאַ... כמואואו!.. און דער ווינט — גוויאיאיאיאואואו!.. הערסט!

גלעבּ שווייגט, קנאַקט ווייטאָקדיק די פינגער. דער אַרציבּיסקופס כיכיקעט כיטרע, דרייט זיך אויף זיין הויכן טאַבורעט דער אַרציבּיסקופּ סילוועסטער, אין דער וועלט — פירשט קירילל אַרדינין, אַ משוגענער אַלטער. דער צעגליטער הימל גיסט מיט הייסן נעפּל, דער צעגליטער הימל איז פאַרגאָסן מיט בּלאָס און אין-טופּיקס, ס'בּליט דער טאָג מיט זון און היץ, — און דער אָוונט — איגאָוונט וועט זיין אַ געלער בין-השמשות, און די גלאָקן קלינגען אין סאָבּאָר: — דאָן—דאָן—דאָן!..

דער פירשט בּאָריס אַרדינין שטייט נעבּן אויוון, צוטוליענדיק צו אים זיין גרויסע בּרייטע בּרוסט, זוכנדיק די טו'טעאויוון-קעלט. אין דעם פירשטס פאַמיליען-קאַבּינעט שטייען די ביכער-פאָליצעס, ווי אָן ציינער, אָן ביכער, וועלכע דער סאָוועט האָט שוין פון לאַנג אַרויסגעפירט, — און טרערנדיק, מיט אויגן, אויסגעגעסענע פון מאָל, שטשירעט זיך אויף די פאָליצעס אַ ווייסער בּער בּיים דיוואָן. אַ קיילעכדיק קליין טישל איז צוגעדעקט מיט אַ סערוועטקע און ס'איז אַזוי מוטנע די קומישקאַ*). דער פירשט בּאָריס טרינקט בּישט מיט קיין קעלישאָק, ווען ער נעמט שכורן. בּאָריס קלינגט, דריקנדיק אויף דער קנאַפּקע מיט אַ קופּערנער קאָטשערע פון אויוון. ס'קומט צוגיין מאַרפושאַ. דער פירשט שווייגט לאַנג און רעדט אָנגעכמורעט:

— גיסט אָן אַ גלאָז און טראָגט עס אַוועק יעגאָר יעווגראַפאָוויטשן...

— בּאַרין...

---

*) צזא מוטנער, שטינקנדיקער ביר ביי די טשוואַשן (איב.)

— איר האָט געהערט?.. זאָל ער אויסטרינקען פאַרן צווייטן מאַי!.. איר מעגט אים נישט זאָגן, אַז דאָס איז פון איר... איר מעגט עס אפילו אויסגיסן, אָבער איך זאָל וועגן דעם נישט וויסן. פאַרן צווייטן מאַי!.. גייט...

פירשט באָריס גיסט זיך אָן לאַנגזאַם אַ גלאָז, קוקט לאַנג און שאַרף אין דער מוטנעקייט פון דער קומישקאַ, דער־נאָך טרינקט ער אויס.

— פאַרן צווייטן מאַי! — זאָגט ער.

דערנאָך שטייט ער ווידער ביים אויוון און טרינקט ווי־דער, שווייגנדיק, לאַנגזאַם, לאַנג, און ס׳קומט אָן אַ געלער בין־השמשות, וואָס טאַפּט אַרום איבערן שטוב. און ווען די קומישקאַ איז שוין אינגאַנצן אויסגעטרונקען, גייט פירשט באָ־ריס אַוועק פון צימער, גייט לאַנגזאַם, מיט בכּיון זיכערע טריט. דאָס הויז איז אין בין־השמשות אַנטשוויגן געוואָרן, אין קאָ־רידאָר ברענט שוין אַ נישט־העל לעמפּל, מאַט בלישטשען אויף מוטנע שפּיגלען. די מוטער, פירשטין אַרינאַ דאַווידאָוונאַ, זיצט מיט יעלענאַ יערמילאָוונאַ, רוט זיך אָפּ פון אירע טאָגיקע גרויסע געשעפטן.

— דעם צווייטן מאַי... דעם צווייטן מאַי, מוטערל, הויבן אָן זינגען די פּאָלאָווייען, נאָכן ערשט־מאַאיקן אַרבעטס־יום־טוב, און מיר האָבן געבורטסטאָג... די נעכט זענען דעמאָלט בלאָע, בלאָע, קיל־טויאיקע, שפּעדיקע, ברויזנדיקע... דעם צווייטן מאַי — אין אַ שכּורער מאַי־נאַכט אפילו די צניעותדיקסטע!.. און דער־נאָך — דערנאָך חושך! נאַכט!.. — רעדט פירשט באָריס.

— וואָס פּלוידערסטו אַזוינס? — פרעגט מיט חשד די מוטער.

— יעלענקאַ, אַרויס פון דאַנען!.. כ׳וויל ריידן מיט דער מוטער.. וועגן ברידערשאַפט, וועגן גלייכהייט...

— וואָס נאָך וועסטו אויסטראַכטן? — גיי נישט, שוועסטערל.

— ווי דו ווילסט, מאַמע... ווי דו ווילסט!.. מאָדנע, דיך דאַרף מען האַסן, און כ׳האָס דעם פאָטער. אַדיע, פּאַפּקאָווע!

דעם פּאָטערס צימער איז ענלעך אויף אַ סעקטאַנטיש בעבעט-הויז. דער פּאָדערשטער ווינקל און די ווענט אין אי־קאָנעס, שטרענג קוקט אַרויס אַ פינסטערער קריסטוס פון קיוואָט. ביי די איקאָנעס ברענען מוטנע לעמפּלעך און העלע הויכע וואַקס-ליכט, און פאַרן קיוואָט אַ קלייניקער סטענדער מיט הייליקע ביכער. און מער איז גאָרנישטאָ אין צימער, בלויז ביי דער הינטערשטער וואַנט נעבן אויוון-באַנק — אַ באַנק, אויף וועלכער ס'שלאָפט דער פּאָטער, פּירשט יעווגראַף. דאָ שמעקט מיט ציפּרעסן-בוימאייל, מיט טויאיקן קטרת, מיט וואַקס. אין צימער הערשט אַ קירכן-טונקלקייט, עס זענען אַראָפּגעלאָזן די דיקע גאַרדינען ביי די פענסטער, — טאָג ווי נאַכט, עס זאָל נישט זיין קיין ליכט, נאָר בלויז אַ בענקשאַפט נאָך אים.

אײנגאַנצן צוזאַמענגעקאָרטשעט, אונטערלייגנדיק זיין אויס־געטריקנטע האַנט אונטערן קאָפּ, שלאָפט דער פּאָטער אויף דער הוילער באַנק. פּירשט באָריס נעמט אים אָן ביי דער פּלייצע. דער פּאָטער-פּירשט שמייכלט נאָך מילד אין שלאָף און, נישט זעענדיק באָריסן, זאָגט ער:

— כ'האָב זיך אין שלאָף צעלייגט, צעלייגט... יאָ!.. קריסטוס וועט מוחל זיין...

אָבער דערזעענדיק דעם זון, פרעגט ער פאַרלוירן:

— צעטומלען? ביסט ווידער געקומען צעטומלען, באָריאַ?

פּירשט באָריס זעצט זיך דערנעבן, ברייט צעשטעלנדיק זיינע גרויסע פיס און מיד זיך אָנשפּאַרנדיק אויף זיי מיט די הענט.

— ניין, פּאַפּאָטשקאַ. זיך דורכשמועסן וויל איך.

— רייד, רייד. פרעג אויס. קריסטוס וועט מוחל זיין.

— פּאַפּאָטשקאַ, איר האַלט בסדר אין איין תפלה טאָן?

— כ'טו תפלה, באָריאַ.

דער פּאָטער זיצט מיט די פיס אונטער זיך. טרוקן בלישטשען זיינע אויגן, און זיינע ווייסע האָר, באָרד, וואָנסעס — צעקודלט. ער רעדט שטיל און שנעל, באַוועגנדיק זיך מיט די איינגעפאַלענע ליפּן.

— נו, וואָס, שענקט די תפלה רו?

— ניין, באָריאַ, — ענטפערט דער פּאָטער קורץ און מילד.

— פאַרוואָס עפּעס?

— כ׳וועל דעם אמת זאָגן, דעם אמת וועל איך זאָגן... קריסטוס וועט מוחל זיין. כ׳האָב זינד, — זינד... — און קען מען דען בעטן פאַר זיך ביי גאָט? ס׳איז אַ שאַנדע צו בעטן פאַר זיך: פאַר זיך בעטן איז אַ זינד. אַ זינד, באָריאַ. כ׳טו תפלה פאַר דיר, פאַר יעגאָרישקען בין איך מתפלל, פאַר גלעבושקען טו איך תפלה, פאַר לידיען בעט איך, פאַר אַלע, פאַר דער מוטער טו איך תפלה, פאַרן אַרציביסקופּ סילוועסטר בין איך מתפלל... פאַר אַלע!.. — דעם פּאָטערס אויגן ברענען מיט משוגעת, אָדער, אפשר מיטע קסטאַז? — און מיינע זינד — בלייבן ביי מיר. אָט אָ דאָ אַרום, דערנעבן. גרויסע זינד, שרעקלעכע... און פאַר זיי איז נישט מעגלעך תפלה צו טאָן. אַ זינד. דער שטאָלץ דערלויבט נישט. דער שטאָלץ. און דער גיהנום דער ברענענדיקער איז שרעקלעך... שרעקלעך, באָריאַ.. בלויז מיט תעניתים לייז איך זיך אויס... וואָס איז שענער פאַר דער שיינער זון? — כ׳זע זי נישט, כ׳וועל זי נישט זען... אַן אַנדער מאָל ווילט זיך איבערפאָרן אין אַ טראָיקע*) איבערן פראָסט, טרינקען זיסעס, אַנדערע נסיונות, — כ׳זאָג זיך אָפּ. אין פנים פון טויט קוק איך אַריין. — קריסטוס וועט אויסלייזן. — דער פּאָטער צלמט זיך שנעל און קאָנוווולסיוו. — קריסטוס וועט אויסלייזן...

— איצט וועסטו אויף אַ טראָיקע נישט פאָרן איבערן פראָסט, — ס׳איז זומער, — זאָגט פויל דער זון.

— קריסטוס וועט אויסלייזן!..

באָריס הערט זיך צו אָנגעכמורעט.

— דערלויבט, פּאַפּאָטשקאַ, איין פראַגעלע. איר האָט אַ התגלות געהאַט?

דער פּאָטער ענטפערט שנעל:

---

*) אַ נאַציאָנאַל רוסיש געשפּאַן מיט דריי פערד. (איבּ.)

— ס'האָבן זיך מיר די אויגן געעפנט, זון, כ'האָב אַן אַנטפּלעקונג געהאַט, באַריאַ. כ'האָב די ערד, די פּרילינגדיקע, דערזען, די שיינקייט די אין-סופיקע, גאָטס אמת-און-חכמה דערשפּירט און מיין זינד האָט אויף מיך אַ שרעק אַרויפגעוואָרפן, דערדריקט מיט איר קראַפט, און מיינע אויגן האָבן זיך געעפנט, באַריאַ, כ'האָב אַן אַנטפּלעקונג געהאַט.

— אַזוי—וי, — רעדט באַריס שווער, נישט אָפּנעמענדיק זיינע אָנגעכמורעטע אויגן פון פּאָטער, — אָבער אין דער צייט, וואָס איר לייזט זיך אויס, בויען מענטשן אויף דער ערד זייער גערעכטיקייט, אָן גאָט, צו אַלדי רוחות האָבן זיי אַוועקגעשיקט גאָט, די אַלטע שמאָכטע !.. אגב, נישט דאָס !.. — פּאַפּאָטשקאַ, אפשר ווייסט איר אַמאָל צופעליק, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ פּראָגרעסיווער פּאַראַליטש ?

דעם פּאָטערס פּנים ווערט תיכּף פאַרענדערט, ווערט פּחדנותדיק און נעבעכדיק, און דער אַלטער וואַרפט אָפּ זיין אויסגעמאָגערטן גוף פון זון צו דער וואַנט צו.

— ווידער ? ווידער צעטומלסטו ? — רעדט ער בלויז מיט די ליפּן. — כ'ווייס נישט !

שווער הויבט זיך אויף דער זון נעבן פּאָטער.

— הער ! מאַך נישט קיין אָנשטעלן, פּאָטער. הערסט ?! רייד !..

— כ'ווייס נישט !

— רייד !

אין זיין גרויסער האַנט נעמט פירשט באַריס אַריין דעם פּאָטערס צעקודלטע באָרד.

— כ'האָב סיפיליס. יעגאָר האָט סיפיליס. קאָנסטאַנטין, יעווגראַף, דמיטרי, אָלגאַ, מאַריאַ, פּראַסקאָוויאַ, לודמילאַ — אַלע זענען זיי געשטאָרבן אין דער קינדהייט, פלומרשט פון שקראָפל. גלעב איז אַ קריפּל, קאַטערינאַ — אַ קריפּל, לידיאַ — אַ קריפּל, — איין נאַטאַליאַ איז אַ מענטש... רייד, אַלטער !

דער פּאָטער ציט זיך קאָנוולסיוו צענויף, כאַפּט אַרויס

מיט זײַנע אויסגעדאַרטע הענט באַריס׳ האַנט און װײנט, — קנײטשנדיק דאָס פּנים, כליפּענדיק װי אַ קינד.

— כ׳װײס נישט, כ׳װײס נישט!.. רעדט ער בײז, — גײ אװעק, באַלשעװיק!

— מאַכסט אָנשטעלן, דו הײליקער!

נעבן די טונקעלע איקאָנעס ברענען מוטנע לעמפּלעך און דינע העלע ליכט. עס שמעקט מיט קטרת און ציפּרעסן־בוימאײל. פּירשט באַריס קערט זיך אינגיכן אום צו זיך, שטעלט זיך בײַם אויװן, דריקט צו צו זײַן טויטער אויװן־קעלט — די ברוסט, דעם בויך, די שענקלען און שטײט אַזוי אומבאַװעגלעך.

א ו י ף ק נ י פּ ו נ ג ע

אין לידיאַ יעװגראַפאָװנאַס צימער ברענען ליכט. די קופּערטס זענען צעעפנט, אויף די שטולן, אויף די פּאָטעלן איז צעלײגט װעש, קלײדער, ביכער אָן אײַנבונדן, רענצלעך, באָטן. אויפן טיש ליגט אַ צעקנײטשטע טעלעגראַם, — לידיאַ נעמט זי און לײענט װידער:

„געזונט כ׳קוש ברילינג".

די ליפּן ציטערן װײטאָקדיק, די טעלעגראַם פאַלט אַראָפּ אויפן דיל.

— געזונט. כ׳טרינק דאָס געזונט. ער טרינקט מײַן געזונט. אָן אַלטע, אָן אַלטע... גלעב!..

מען קלינגט. היסטעריקע. גלעב איז נישטאָ. מאַר־פושאַ לויפט נאָך װאַסער.

— אָן אַלטע. אָן אַלטע. ס׳איז שוין קײן זאַך נישט נויטיק! ער טרינקט דאָס געזונט! כאַ—כאַ!.. גײט אַװעק, גײט אַלע אַװעק. איך בין אַלײן, אײנע אַלײן...

לידיאַ יעװגראַפאָװנא ליגט מיט אַ האַנטוך אויפן קאָפּ. לידיאַס ליפּן ציטערן װײטאָקדיק, די אויגן — פאַרמאַכט. לאַנג ליגט לידיאַ אומבאַװעגלעך, דערנאָך נעמט זי אַרויס פון אַ

רעצל א קליינינקן בלישטשנדיקן שפריץ, הויבט אויף די קליידער, צענעמט די וועש אויף דער קני און שפריצט אריין מאָרפיום. אין א פאָר מינוט ארום זענען לידיאס אויגן פייכט פון גענוס און די ליפּן הערן נאָך אַלץ נישט אויף קאָנוולסיוו צו ציטערן. א געלער בין־השמשות.

קאַטערינאַ איז געווען אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט. — מיט א געלאָף, מיט ליפּן, פאַרביסענע פון שרעק און ווייטאָק און פון מורא זיך פאַנאַנדערצוכליפּען, קומט זי אַריין אין לידיאַ יעוגראַפאָוונאַס צימער. אין אירע אויגן — אומפאַרשטענדניש און שרעק. לידיאַ ליגט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

— וואָס? פאַרוואָס אַזוי פרי? — מורמלט לידיאַ אין האַלב־שלאָף.

— כ׳האָב... כ׳האָב... האָט דער דאָקטאָר געזאָגט... אויפן ירושה־באָדן... א שענדלעכע קראַנקהייט.

— יאָ? שוין? — מורמלט לידיאַ גלייכגילטיק, קוקנדיק מיט אירע גלייכגילטיקע, האַלב־געשלאָסענע אויגן ערגעץ־ווו אין פּולאַפּ.

דער טאָג גליט מיט היץ און זון, און אין אָוונט — א געלער בין־השמשות. מנוחהדיק, ווי אין קיטעזש, שלאָגן די גלאָקן אין סאָבאָר: דאָן! דאָן! דאָן!... — ווי א שטיין געוואָרפן אין אַן אָזערע מיט וואַסער־ליליעס. און דאַן שפּילט מען אין די קאַזאַרמעס דעם זילבערנעם אָוונט־סיגנאַל.

נעבן אַלטן סאָבאָר, הינטערן פּאַרק, האָט גלעב אָנגע־טראָפן נאַטאַליען, זי איז געגאַנגען פון איר דיזשור אין שפּי־טאָל, איר האָט באַגלייט אַרכיפּאָוו, און אַרכיפּאָוו איז תיכּף אוועק.

— נאַטאַליאַ, דו פאַרלאָזט די שטוב? — האָט גלעב געפרעגט.

— יאָ, איך גיי אוועק.

— נאַטאַשאַ, די שטוב שטאַרבט דאָך אָפּ, מ׳טאָר נישט אַזוי אכזריותדיק. דו איינע ביסט א שטאַרקע. שווער צו שטאַרבן, נאַטאַשאַ.

— די שטוב וועט סיי־ווי שטאַרבן, זי איז שוין טויט, און איך דאַרף לעבן און אַרבעטן. — שטאַרבן? — און נאַ־טאַליאַ רעדט שטיל. — מ׳דאַרף עפּעס טאָן, כּדי צו שטאַרבן. אַלס קורסיסטקע, מיידלוויז, האָב איך אַ סך געטרוימט. און אָט ביי יענעם, וואָס איז געגאַנגען מיט מיר, ביי אַרכיפּאָוון האָט זיך דער פאָטער דערשאָסן, און דער זון האָט געוווסט, אַז דער פאָטער וועט זיך דערשיסן. וואָס האָבן זיי געטראַכט פאַרן טויט, — זיי — דער פאָטער מיטן זון? דער זון האָט זיך, זיכער, באַמיט נאָר צו ט ר אַ כ ט ן, כּדי נישט צו ליידן.

— האָסט ליב אַרכיפּאָוון?

— ניין.

— אַזוי... אַזוי ווי אַ מיידל?

— ניין, כ׳האָב קיינעם נישט ליב. כ׳קען נישט ליב האָבן. כ׳בין נישט קיין מיידל. מ׳קען שוין נישט ליב האָבן. דאָס איז באַנאַלקייט און אַ מאַסטערניש.

— פאַרוואָס?

— מיידלוויז, אויף די קורסן, האָב איך געטרוימט, נו יאָ, וועגן אַ בחור. באַגעגנט, ליב געקריגן, זיך צונויפגעקו־מען און געמוזט געבוירן. ווען ער, יענער, האָט מיך אַוועק־געוואָרפן, בין איך געווען ווי אַ זומערטויגעלע מיט אָפּגעברענטע פליגעלעך, און כ׳האָב געטראַכט — מיין לידל איז שוין אָפּגע־זונגען, אַלץ איז געענדיקט. אָבער איצט ווייס איך, אַז קיין זאַך איז נישט געענדיקט. דאָס איז דאָס לעבן. דאָס לעבן איז נישט אין די סענטימענטאַלע פליטערלעך פון ראָמאַנטיזם. כ׳וועל חתונה האָבן, מסתמא. כ׳וועל נישט פאַרראַטן מיין מאַן, אָבער מיין נשמה וועל איך אים נישט אָפּגעבן, — בלויז דעם קערפּער, כּדי צו האָבן אַ קינד. דאָס וועט זיין נישט געמיט־לעך, קאַלט, אָבער ערלעך. כ׳האָב צופיל בילדונג, כ׳זאָל זיין אַ נקבה פון אַ ראָמאַנטישן זכר. כ׳וויל אַ קינד. ווען ס׳זאָל זיין ליבע, וואָלט פאַרטונקלט געוואָרן דער שכל.

— און די יוגנט, די פּאָעזיע ?

— ווען די פרוי איז אַ קינד, — האָט זי דאָן אי יוגנט, אי פּאָעזיע. ס׳איז זייער גוט — יוגנט. אָבער ווען אַ פרוי איז אַ׳ט פערציק יאָר — איז נישטאָ פאַר איר קיין יוגנט צוליב גאַנץ נאַטירלעכע סיבות.

— און וויפל יאָר ביסטו אַלט, נאַטאַשאַ ?

— אַכט־און־צוואַנציק. מיר שטייט נאָך פאַר צו לעבן־יעדער, ווער ס׳איז נאָר לעבעדיק, דאַרף גיין.

— וווהין גיין ? —

— אין דער רעוואָלוציע. דידאָזיקע טעג וועלן זיך שוין באַכאַמאַל נישט אומקערן.

— דו... דו, נאַטאַליאַ...

— איך בין אַ באָלשעוויטשקע, גלעב. גלעב, דו ווייסט שוין איצט, אַזוי ווי איך ווייס עס, אַז דאָס ווערטפולסטע — ברויט און שטיוול, זענען טייערער פון אַלע טעאָריעס, ווייל אָן ברויט און אָן אַ בעל־מלאכה וועסטו שטאַרבן און צוזאַמען מיט דיר וועלן שטאַרבן אַלע טעאָריעס. און ברויט גיבן די פּויערים. טאָ זאָלן די פּויערים און די בעלי־מלאכות אַליין אַ דעה זאָגן איבער זייערע ווערטן.

אינאָווענט איז פּוסט נעבן הויז פון די ארדינינס. אָנגעכמורעטע, גרויס, געפּאַרבט מיט ציגאָבער און איצט גרינלעך מיט אָפּגעהאַקטן טינק, איינגעזונקען קוקט דאָס הויז אויס, ווי אַ בייזער אַלטער. ווען גלעב מיט נאַטאַליען שטייען ביים פּאָדער־איינגאַנג, זאָגט גלעב:

— שווער צו שטאַרבן, נאַטאַשאַ! דו האָסט באַמערקט, ביי אונז אין שטוב זענען טונקל און אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן די שפּיגלען און זיי זענען אַזוי פּיל. מיר איז שרעקלעך צו טרעפן אין זיי די גאַנצע צייט מיין פּנים. אַלץ איז צעבראָכן, אַלע טרוימען.

און ווען זיי גייען איבער די שטיינערנע שטיגן, פאַרבי די אייזערנע, אונטער זיבן שלעסער פאַרהאַקטע קעמערלעך־

טירן, קראַכט אינדערהויך אין שטוב אַ שאָס: — דאָס שיסט זיך פירשט באָריס. און גלייך נאָכן שאָס, טראָגט זיך פון זאַל איבערן גאַנצן שטוב דער זיגרייכער אינטערנאַציאָנאַל און עקל־דיק, מיט אַ באַנאַלסטן מאָטיוועלע, פלעכט זיך אריין אין אים „יובערהאַרד און קוניגונדע".

קאַפּ. III

וועגן פרייהייטן

מיט אַנדרעיס אויגן

און ווידער — יענע נאַכט:

חבר לאַיטיס האָט געפרעגט: — ווו איז דאָ די קוואַרדיר פון אָוויציר-אַדלמאַן-זדודענט וואָלקאָוויס?

אַנדרעי וואָ-קאָוויטש האָט גלייכגילטיק געענטפערט:

— פאַרנעמט זיך אַרום הויז, דאָרט איבער די שטיגן אין צווייטן שטאָק, — געזאָגט, אַ גענייך געטאָן, אומ-טערגעשטאַנען פויל ביים טירל, פויל געגומען גיין אין הויז אַריין, צום פאָדערשטן אַרייננאַנג, — און — און —

אַ פרייד אָן אַ גרעניץ, פרייהייט! פרייהייט! דאָס הויז, די אַלטע צייטן, דאָס אַלטע לעבן, — אַלץ הינטער זיך, — אַ טויט זיי! ס'האָבן זיך אָפּגעריסן שטיינער פון וואַל, צוזא-מען מיט אים זיך אַראָפּגעגליטשט אונטערן שפּוע (דער ווינט פון פאַלן האָט אַ שעפּטשע געטאָן: „גוויאַו"...) און פון פאַלן איז אַלץ צעפאַלן געוואָרן אין אויגן-פונקען, און דאַן איז גע-בליבן בלויז איין רויט האַרץ. עפּעס האָט אַ געשריי געטאָן דער וואָך-זעלנער אינדערהויך, און דערנאָך — שייטערהויפנס פון די הונגעריקע, שפּאַלעס, אַ שטיקל ליד פון די הונגעריקע

און דאָס וואַסער פון דער וואָלגאַ. — פרייהייט! פרייהייט! קיין זאַך נישט האָבן, פון אַלץ זיך אָפּזאָגן, אָרים זיין! — און נעכט, און טעג, און מאָרגנשטערנס, און די זון, און היצן, און נעפּ/ען, און שטורעמס — נישט וויסן דעם אייגענעם מאָרגן. און די טעג אין היצן, ווי אַ סאָלדאַטקע אין סאַראַפּאַן, צו דרייסיק יאָר, — ווי יענע, וועלכע האָבן געלעבט אין די וועל. דער, הינטער אַרדיניַן, צום צפונדיקן הימל-ברעג: ס'איז זיס אין די נעכט, אין שייער, צו קושן יענע סאָלדאַטקע.

אין זיין כראָניק האָט דער אַרכיעפּיסקאָפּ סילוועסטער געשריבן וועגן אַרדינישן פאָלק:

„געלעבט האָבן זיי אין די וועלדער, ווי די חיות, געגעסן אַלדאָס אומריינע, גערעדט צווישן זיך נבול-פה אין קעגנוואַרט פון עלטערן און שניר; קיין חתונות פלעגן ביי זיי נישט פאָרקומען, נאָר שפּילן צווישן דערפער, מ'פלעגט זיך צענויפקומען אויף די שפּילן, צו די טענץ און צו אַלערליי טייוולאָנישע שפּילערייען און דאָ פלעגן זיי צורויבן פון צווישן די פרויען כלות, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך צוזאַמענריידן, געהאַט צו צוויי און צו דריי ווייבער; ווען עמיצער פלעגט שטאַרבן, פלעגט מען אָפּריכטן נאָך אים אַ טויטן-סעודה, דערנאָך פלעגט מען צוגרייטן אַ גרויסן שייטערהויפן (קלאַדו) און אַרויפלייגנדיק אויף אים דעם טויטן פלעגט מען אים פאַרברענען, דערנאָך, צענויפנעמענדיק די ביינער, אַריינלייגן די אין אַ כלי און אַוועקשטעלן זי אויף אַ סלופּ אויפן פרשת-דרכים, וואָס דאָס ווערט געטאָן ביז אויף היינטיקן טאָג". —

די ערד לאָקט צו צו זיך אין די מאַיען, — אין מאַי, אין באַגינען, אין נעפּל, — ליגסט אויף דר'ערד, און די גייסט אַריין אין איר: די ערד ציט צו. און גלייך דעם ערשטן אָוונט, ווען אַנדרעי איז געקומען אין ט ש אַ ר נ י ע ר ע ט ש ק י, אין פּ אָ ר ע ט ש י ע, האָבן אָנגעקלאַפּט צו אים אין פענסטער די מיידלעך און אויסגערופן:

— אנדריושאַ, קום אַרויס שפּאַצירן! אַ מעטעליצע*) וועלן מיר שפּילן! — האָבן זיך צעשאָטן מיידלשע געלעכטערלעך און זיך אַ וואָרף געטאָן פון פענסטערל.

אַנדרעי איז אַרויס פון שטוב. אין גרינלעכן בין-השמשות, הינטער דער צערקווע, אויפן בערגל איבערן שפּוע, זענען געשטאַנען מיידלעך אין בונטע קליידער און אין ווייסע טיכלעך און נעבן זיי זענען געשטאַנען מיט צעקודלטע שוואַרצע סילועטן די יונגען.

— קום אַרויס! האָב קיין מורא נישט! מיר וועלן אַ מעטעליצע שפּילן.

אַ מינוט האָט געהערשט שטילשווייגן. פונדערווייטנס האָבן געשריגן די וואַכטל-קיניגס. דערנאָך, מיט איינמאָל, האָט אַ קלונג געטאָן אַ „כאָר-ליד".

טשי—ווי—לעם, ווי—לי—לעם!
ווענען דו ווילסט נעם!
שטייט אַ יעגלינקע אויף אַ בערגעלע,
אויפן סאַמע שפּיץ!
גאָט, באַשאַף אַ וואָס יינגערן,
לפי דער שיינקייט מיינער!

דער אָוונט איז געווען אַ שטילער און קלאָרער, מיט ווייסע שטערן. ניקאָלאַ, וואָס אויף די בעליע קאָלאָדעזי, — די צערקווע האָט אויסגעזען בלאָ, שטרענג, איר שוואַרצער הויכער דאַך מיטן קרייץ האָבן זיך געהויבן אין הימל אַריין צו די ווייסע שטערן. איבערן טייך און די פּאַרגאָסענע, אַנקעס האָבן געהערשט שטילקייט און פרידן. ס'איז געשטאַנען אַ פאַרשטיקטער גרינער גערויש, און דאָך האָט געהערשט אַ שטילקייט, יענע שטילקייט, וועלכע עס שאַפט די נאַכט. און אַ גאַנצע

---

*) אזא כאָר-טאַנץ אין דרום-און מערב-רוסלאַנד, אין וועלכן די טענצער שטעלן זיך אויס צו פּאָרווייז אין אַ קרייז (איב.)

נאַכט, ביז דעם קריסטאָלענעם מאָרגנשטערן, האָבן די מיידלעך געזונגען. און ביינאַכט איז אָנגעקומען אַ שטורעם, ער איז געקומען פון מזרח, געדונערט, געלויכטן מיט בליצן, אַ רעגן איז אַ דורך אַ מוראדיקער, אַן אייליקער, אַ געגאַרטער פון די גרינסן. אַנדרעי האָט דידאָזיקע נאַכט געוואַנדערט איבער די שפּועס. — אַן אַנדער לעבן. אָרים זיין. קיין זאַך נישט האָבן. פון אַלץ זיך אָפּזאָגן.

די צערקווע פון ניקאָלאַ, וואָס אויף די ב ע ל י ע ק אָ ל אָ ד ע ז י, געבויט פון ווייסן קאַלכשטיין, איז געשטאַנען אויפן בערגל, איבערן טייך. אַמאָל איז דאָ געווען אַ מאָנאַסטיר, איצט איז געבליבן די ווייסע צערקווע, די אַריינגעוואָקסענע אין דר׳ערד, די באַוואָקסענע מיט מאָך, מיט פענסטערלעך פון מאַריען-גלאָז, וואָס קוקן אונטן צו, מיט אַ שפּיציקן דאַך, אַן אויסגעקרימטן און שוואַרץ געוואָרענעם, — אַ בית-עלמין,— ב ע ל י ע ק אָ ל אָ ד ע ז י. פון בערגל איז געווען אַ ברייטער אויסקוק אויפן טייך, אויף זאַרעטשיע, אויף די בלאָע יעגלינע-וועלדער פון יענער זייט טייך און אויף דער אייביקער רחבות. אַרום בית-עלמין זענען געוואַקסן קופּערשטאַמיקע סאָסנעס און מאָך. פון דר׳ערד, רעכטס פון די צערקווע-טרעפּלעך, האָט געשלאָגן אַן אייז-קאַלטער קוואַל, איינגעפּאַסט אין אַ ליפּע-קלאָץ (פון אים שטאַמט דער נאָמען בעליע-קאָלאָדעזי), — דער קוואַל האָט יאָרהונדערטן לאַנג אַרונטערגעשטראָמט אונטערן שפּוע, דורכגעשלאָגן אין בערגל אַ לאָך, דורכגעפלאָסן דעם ישוב — פון יענער זייט אויפן שפּוע אונטערן בערגל-שפּיץ האָט זיך צעלייגט דאָס גוט פון די פירשטין אָרדינינס. הינטערן טייך, אין די וועלדער, איז געלעגן דאָס דאָרף ט ש ע ר נ אַ י אַ ר ע ט ש ק אַ. איינזאַם האָט געשטאַרצט אין אים דער נאַקעטער באַרג אָוועק. און אַרום — וועלדער, וועלדער צום צפונדיקן הימל-ברעג, און סטעפּעס, סטעפּעס, צום דרומדיקן.

אין יענעם אָוונט, ווען אַנדרעי איז אָנגעקומען, האָט ער עגאַרקאַן נישט דערווישט. אין כאַטע האָט געשמעקט מיט

נראָזן, און ברויט מיט האָניק — דעם ערשטן האָניק האָט אים דערלאַנגט אַרינאַ. דאַן האָבן שוין געקרייט די הענער, און אַרינאַ, די בילד־שיינע, איז אַוועק אין וואַלד, אין דער נאַכט אַריין. —

די ערד לאָקט צו צו זיך אין די מאַיען, — אין מאַי, אין באַגינען, אין נעפּל. עס שמעקן די מאַי־גראָזן מיט זיסע האָניקן, אין מאַי שמעקט ביינאַכט ביטער מיט בעריאָזע און טשערעמוכע, די נעכט די מאַיאָווע זענען טיף און שכור, און די באַגינענס אין מאַי זענען רויט, ווי בלוט און פייער. אַרינאַ איז געבוירן געוואָרן ביים זיידע יעגאָרקע אין מאַי, און ס'זענען געווען: מאַי, הימל, סאָסנעס, אַ נידערונג און אַ טייך. צוזאַמען מיט דער מוטער און יעגאָרקען האָט זי געקליבן גראָזן און פון זיי איז אַרינאַ דערגאַנגען, אַז אַזוי ווי עס ברויזט אין די מאַיען די ערד, מיט סאָלאָווייען און קוקאַווקעס דורך די נעכט, — איז ברויזיק אין מענטשן דאָס בלוט, ווי מאַי — דער חודש פון בליען. דער זנאַכאַרשער מין לעבט לויט אייגענע געזעצן, — אַרינאַ האָט, זעט אויס, געהאַט אַ מאַי — אָן אַ פּאָפּ, אָן קטרת, אונטערן קטרת פון טשערעמוכע און אונטערן געזאַנג פון סאָלאָווייען. ווער ווייסט עס נישט, ווי עס בענקט יונגעס, איינזאַמעס בלוט אין זיין יונגן קערפּער דורך די נעכט, אין מאַיען, אין מאַיאָווע בלומבליענדיקע נעכט... צי נישט דערפאַר אַמאָל זענען אַרינאַס ווערטער געוואָרן העזהדיק און אָפן אויפן ווייבערשן שטייגער, — אַ זנאַכאַרקע? פון דעם מיידל אַרינאַ איז געוואָרן אַ פרוי, אַ שיינע, אַ פעסטע, אַ רויטע, אַ ברייטע, מיט שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן העזהדיק, — אַ העזהדיקע, קאַפּריזנע, פרייע, יונגע זנאַכאַרקע. די רעוואָלוציע איז געקומען אין ט ש אַ ר־נ י ע ר ע ט ש ק י אין מאַי — מיט מאַיען לאָקט צו זיך די ערד. — אַרינאַ האָט באַגעגנט דעם בונט, ווי דער זנאַכאַר יעגאָרקאַ, ווי די סעקטאַנטן אין סטעפּ.

דער זיידע, דער זנאַכאַר יעגאָרקאַ, האָט געכאַפּט פּיש, ווען אַנדרעי איז געקומען, און אַנדרעי פּלעגט גיין צו אים. דער וואַסער איז געווען אַ שטראָמיקער, אַ פּרייער, אַ מוטנער, ער האָט גערוישט ווי ער זאָל אָטעמען. און אַ גאַנ־צע נאַכט האָט אָנגעהאַלטן אַ זומפּיק־גרינער בין־חשמשות מיט אַ ווייסער וואָלקן־קאַוואַלעריע. זיי זענען געשטאַנען ביים טייך־אָרעם, דעם פּאָדים האָט געהאַלטן דער איינאויגיקער יעגאָרקע, אין אַ קוטשמענע ווייסע האָר און אין ווייסע הויזן, דער וואַ־סער האָט זיך געקרייזלט, געשיפּעט, ווילד־געוואָרענע העכט האָבן שטאַרק געקלאַפּט די נעץ, — אַנדרעי האָט זיי געכאַפּט אינדערלופטן, קאַלטע און גליטשיקע, בלישטשנדיקע אין דער נאַכטיקער טריבקייט מיט אַ טויבן־פליגל.

— האַלט נאָר קאָפּ, — האָט יעגאָרקאַ געזאָגט מיט אַ געמורמל. — ווען איז אויפגעקומען דידאָזיקע שלעפּנעץ? מיינסט, איצט האָט מען זי אויסגעטראַכט? וואָס?

— כ׳ווייס נישט.

— און איך מיין, אַז מיט איר האָבן שוין אונזערע אור־עלטערן געפישט. וואָס?.. ווען מ׳האָט ניקאָלאַן געבויט, — אַ פינף הונדערט יאָר צוריק, — איז שוין דאַן געווען די שלעפּנעץ... דאָ האָבן אַמאָל דעם מאָנאַסטיר דעמדאָזיקן וויפל מאָל קאַלמיקן, טאָטערן, קירגיזן איינגענומען, פאַר דעם האָט מען מיך פון די באָלשעוויקעס גלייך אין קאָזע אַריינגעזעצט.

— פאַרוואָס?

— רוסלאַנד האָט געלעבט אונטער די טאָטערן — איז געווען אַ טאָטערישער יאָך. רוסלאַנד האָט געלעבט אונטער די דייטשן — איז געווען אַ דייטשער יאָך. רוסלאַנד איז פאַר זיך קלוג. דער דייטש — ער איז אַ קלוגער, אָבער דער שכל איז ביי אים אַ שוטה, — אין וואַסער־קלאָזעטן אַריינגעטאָן. כ׳זאָג אויף דער פאַרזאַמלונג: נישטאָ קיין שום אינטערנאַציאָ־נאַל, ס׳איז נאָר דאָ אַ רוסישע פּאָלקס־רעוואָלוציע, אַ בונט, און ווייטער גאָרנישט. לויטן מוסטער פון סטעפּאַן טימאָפעע־וויטש. — „און קאַרלאַ מאַרקסאָוו?“ — פרעגן זיי. — אַ דייטש,

זאָג איך, הייסט עס אַז אַ שוטה. — „און לעניך?״ — לעניך, זאָג איך, איז פון פויערים, אַ באָלשעוויק. און איר, זעט אויס, זענט קאָמונעסטן. מ׳דאַרף, זאָג איך, קלינגען אין די גלאָקן ווען דער באַפרייאונג פון יאָך. די פויערים — די ערד. די סוחרים — אַרויסשליידערן. די פריצים — אַרויסשליידערן, הויט־שינדער. די אוטשרעדילקע*) — צום טייוול, און מ׳דאַרף אַ ראַט אויף דער גאַנצער ערד, אַז אַלע זאָלן קומען, ווער עס וויל, און אונטערן פרייען הימל באַשליסן. טיי — צום טייוול, קאָפי — צום טייוול, — בראַגע**). עס זאָל זיין גלויבן און אמת. די הויפט־שטאָט — מאָסקווע. גלויב אין וואָס דו ווילסט, אפילו אין אַ קלאָץ. און די קאָמונעסטן — אויך צום טייוול, — די באָלשעוויקעס, זאָג איך, וועלן זיך אַליין אַן עצה געבן. נו, האָט מען מיך פאַר דער דיסיטיפלין — אָן מחזקות אין קאָזע.

אין שוואַרצן וואַסער האָט אַ צאַפּל געטאָן אַ העכט און אוועקגעשווומען, איבערגעשראָקן דורך יעגאָרקעס הויכן קול.

— העך, זיך פאַנאַנדערגעטומלט, — האָט יעגאָרקאַ גע־פּליסטערט. — אָט שאַק... שעקספּירס, זאָל דאָס זיין? — האַמ־לעט האָסטו געליינט, — דער פריץ האָט מיר געזאָגט, — און אונזער מעטעליצע, ווי די מוידן שפּילן, קענסטו נישט. אָדער, לאָמיר נעמען, — שבת איז אַ נאַסער טאָג... ווייסט? וואָס?

— ניין, כ׳ווייס נישט...

— אָט דאָס איז דאָס! זעט אויס, אויך אַ קאָמונעסט!

און אין דעם מאָמענט האָבן אויפן בערגל די מיידלעך פאַרצויגן אַ כאָר־ליד:

— איז אָפּגעשטאַנען אַ ווייסער שוואַן פון דער שוואַנען־סטאַדע,

איז צוגעשטאַנען אַ ווייסער שוואַן צו דער סטאַדע צו גראָע גענז.

---

*) די ברינדזונגס־פאַרזאַמלונג (איב.)

**) אַ רוסיש נאַציאָנאַל געטראַנק, אַ [illegible] ביר פון הירזש. (איב.)

דערפאַר ווייל דער היינט האָט זיך מעכטיק אַריינגעריסן, דערפאַר, וואָס אין דער שטורמישער מענטשלעכער סטיכיע איז ער געווען אַ בלעטעלע, — אַן אָפּגעריסנס פון דער צייט, — איז אַנדרעי געקומען צום געדאַנק וועגן אַ נייער פרייהייט, — וועגן אַ פרייהייט פון אינעווייניק, נישט פון אויסנווייניק: זיך אָפּזאָגן פון זאַכן, פון צייט, קיין זאַך נישט האָבן, נישט באַגערן, נישט באַדויערן, אָרים זיין, — בלויז לעבן, כדי צו זען, — צי מיט קאַרטאָפל, צי מיט זויערן קרויט, צי אין אַ כאַטע, צי פריי, צי געבונדן, — אַלץ איינס; זאָלן די סטיכיעס אויפהויבן אין שטורעם און פאַרוואַרפן, תמיד וועט די נשמה בלייבן פריש און שטיל, כדי צו זען. איבער דער ערד זענען אומגעגאַנגען פאָקן און הונגער-טיפוס. אין די פרימאָרגנס פלעגט מען צו ניקאלאַן ברענגען טויטע, אַמאָל, נאָך מיטאָג-צייט, אַ זייגער פיר, פלעגט מען קומען טובל זיין זויג-קינדער, און דאַן פלעגן קלינגען גלאָקן, וועלכע די טאַטערן האָבן נאָך געהערט. און יעדן אָוונט האָבן ביי ניקאלאַן געזונגען מיידלעך. ס'איז געגאַנגען יוני.

און אין דאָרף טשאַרניע רעטשקי האָבן געוווינט פויערים, און נישט קיין קרובים, נאָר קאָנאָנאָווער. פון פרילינג ביז נאָך האַרבסט האָבן זיי געאַרבעט מיט אַלע כחות, פון באַגינען ביז זונפאַרגאַנג, פון אַלט ביז יונג, פאַרברענט פון זון און שווייס. און פון האַרבסט ביז פרילינג האָבן זיי אויך געאַרבעט, פאַרברענט פון רויך, ווי רויכערדיקע כאַטקעס, פרירנדיק, נישט דערעסנדיק... געלעבט שווער, שטרענג — און שטאַרק ליב געהאַט זייער לעבן, מיט זיין הונגער, קעלט און היץ, מיט זיינע שלאַפקייטן. געלעבט מיטן וואַלד, מיטן פעלד, מיטן הימל, — מ'האָט געדאַרפט לעבן בשלום מיט זיי, אָבער אויך קעמפן עקשנותדיק. מ'האָט געדאַרפט אין זינען האָבן די נעכט, מאָרגנשטערנס און דעם צוווקס פון די בהמות, אַריינקוקן אין אַ פאַרפוילטן ווינקל, האָבן אויפן אויג דעם שניירעגן, איינהערן זיך צום וואַלד-גערויש. דער עלטסטער אין דאָרף — דער זיידע קאָנאָנאָוו יאָנאָוו דער איינאויגיקער, אויך

ער געדענקט שוין נישט, ווי מ'האָט גערופן זיין זיידן, אָבער די אַלטע צייטן קען ער, ער געדענקט ווי ס'האָבן געלעבט די עלטער-עלטער-זיידעס און די עלטער-זיידעס, און ווי אַזוי מ'דאַרף לעבן. און די כאַטעס זענען געשטאַנען מיט די הינטנס צום וואַלד, איבערן טייך, קוקן אַרויס אָנגעכמורעט פון אונטער די סאָסנעס מיט זייערע פאַרטריקנטע מאָרדעס, מאַטע פענסטערלעך — די אויגן — קוקן וועלפיש, טרערן זיך. די גראָע קלעצער ליגן ווי קנייטשן, דער געלער שטרוי — קאַצאַפּישע פריזור — פאַלט ביז דר'ערד. די כאַטעס קוקן, ווי יאָרטויזנטער. —

און אין סטעפּ, נעבן קירגיזיאַ, האָבן געלעבט סעקטאַנטן.

— און אין הויף ביי די פירשטן ארדיבינס, נאָך פון פרילינג, האָבן זיך באַזעצט אַנאַרכיסטן. — דאָס איז — מיט די אויגן פון אַנדרעי וואָלקאָוויטש. —

אין איינער אַן אַפּריל-נאַכט זענען אין פירשטלעכן הויז (צום סוף זאָל די געשיכטע אָפּגעשלאָסן ווערן מיט אַ דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי די פירשטן זענען אַוועק פון הויף) אומגעריכט אָנגעקומען, אומבאַוווסט פונוואַנעט, אַנאַרכיסטן, זיך איינקוואַרטירט ביינאַכט, געפּירט וואָגנס מיט קוילן-וואַרפערס, ביקסן און פּראָוויאַנט, און אינדערפרי האָט שוין געהאָנגען איבערן פראָנט פון הויז אַ פאָן: —

— זאָל פלאַטערן די שוואַרצע פאָן פון די פרייע!

ס'איז פאַרגאַנגען אַפּריל, ס'איז פאָריבער מאַי, ס'האָבן אָפּגעבליט די טשערעמוכאַ, בעז, מאַי-גלעקעלעך, ס'האָבן שוין אָפּגעזונגען אין די קוסטעס, הינטערן הויף, די סאָלאָווייען. די אַנאַרכיסטן, וואָס זענען אָנגעקומען ביינאַכט, זענען גאַנץ אומגעריכט, שוין אויפן צווייטן טאָג, אַרויסגעפאָרן אין פעלד אַקערן, אין בלאָע אַרבעטס-בלוזעס און קעפּקעס. — אַנדרעי איז אָנגעקומען אין טשערניע רעטשקי צום איוואַנאָוו-טאָג און איוואַנאָוו-נאַכט. אַנדרעי איז אוועק אין קאָמונע — לעבן. ס'זענען

פאַרבײַ די דוסאַלנע וואָכן*), די פרויען פון דער קאָמונע פלעגן
זיין אויפן שפּיץ צו ניקאָלאַ זינגען לידער, און ס'איז אָנגע-
קומען די איוואַנאָוו-נאַכט. אין איוואַנאָוו-נאַכט האָט מען גע-
ברענט שייטערהויפנס. ס'איז געווען אַ מכשפות-נאַכט, מ'האָט
געברענט שייטערהויפנס אין נעפּל ביים טייך, מ'האָט געפירט
קאַראַהאָדן, געשפּרונגען איבערן פייער. אַגאַנקאַ, חברטע אַגאַנקאַ,
האָט געשפּרונגען מיט התמדה, אָנגעכאַפּט ביים האַנט אַנדרעיען,
זיך אַ לאָז געטאָן מיט אים אין חושך צו די זומפּן, זיך אָפּ-
געשטעלט, נישט אָפּלאָזנדיק די האַנט, געזאָגט אײַליק צו אים,
דעם אומבאַקאַנטן:

— דאָס האַרץ טוט וויי, אַ טאַנבאָווער בין איך. אַ טעכ-
טערל איז מיר דאָרט פאַרבליבן. אַלס דינסט זיך פאַרדונגען,
אַ פרייעס לעבן האָט זיך פאַרוואָלט. מיין האַרץ טוט וויי. וואָס
טוט מיין טאָכטער-קע! — און ווידער מיט אימפּעט זיך אַריינ-
געוואָרפן אין פייער, צו פּאַוולענקאַ.

און דיזעלבע נאַכט האָט אַנדרעי צום ערשטן מאָל
גערעדט מיט אַננען. דרייסיק יאָר, — אַננעס דרייסיק יאָר
זענען אויף אייביק אַוועק, פאַרזונקען געוואָרן, און אַננע האָט
געהאַט עפּעס דורכזיכטיקס און רירנדיקס, — וואָס דער האַרבסט
פאַרמאָגט אין גאָלדענעם בלעטער-פאַל און אין אַטלאַסנע שטערנ-
פאַלנדיקע נעכט. אַנדרעי איז געגאַנגען אויף נאַכט-פּאַשע מיט
די פערד. פאַרן באַגינען (ס'איז פאַרביי די ווייסע, נעפּלדיקע,
כישופדיקע איוואַנאָוו-נאַכט) — אויפן לאָנקע האָט אַנדרעי באַ-
געגנט אַננען. זי איז געגאַנגען איינע אַליין, אין ווייסן נעפּל,
אין ווייסן קלייד. אַנדרעי איז צוגעגאַנגען און גענומען ריידן:

— די פערד עסן רואיק. ס'איז פייכט — די מיקן שטערן
נישט. קומט, כ'וועל אייך אַריבערפירן אין אַ שיפל. סאַראַ
נעפּל. אַמאָל ווילט זיך גיין, — גיין, גיין, — אין נעפּל.

אַנדרעי האָט זייער אַסך גערעדט מיט אַננען אין יענעם
פאַרטן באַגינען. אַננע האָט געהאַט אַ מאַן — אַן אינזשעניער

---

*) די וואָכן פאַרן קריסטלעכן שבועות (איב.)

אויף דער פאַבריק, אַלץ, וואָס מ׳האָט געדאַרפט דורכלעבן — דאָרט אין שטאָט, מיטן מאַן, איז שוין געווען דורכגעלעבט, אָפּגעלעבט, אומנויטיק. און אַנדרעי האָט געוווּסט, אַז אין יענעם יונישן באַגינען האָט אַנגע געהייַנט. מ׳דאַרף לעבן. דער מאַן וועט קיינמאָל נישט באַגרייפן, אַז ס׳איז דאָ אַ רוס־לאַנד מיט איר מהומה־צייט, ראַזינאָוושטשינע און פּוגאַטשעווי־שטשינע, מיטן זיבעצנטן יאָר, מיט אירע וועלדער און סטעפּעס, זומפּן און טייכן, וואַסער־און וואַלד־גייסטער, מיט אַלטע צערק־וועס, איקאָנעס, בילינעס*), מיט איר שטייגער־לעבן, מיט יול־יאַנאַ לאַזאַרעוואַ און אַנדרעי רובלעוו. — ער וועט קיינמאָל נישט באַגרייפן די פרייהייט פון אַלץ, — קיין זאַך נישט צו האָבן, פון אַלץ זיך אָפּצוזאָגן, ווי אַנדרעי, נישט האָבן קיין אייגענע וועש. לאָזן אין רוסלאַנד אויפהערן צו קורסירן באַ־נען, — צי דען איז נישטאָ קיין שיינקייט אין קינעלע, אין הונגער, אין קראַנקהייטן? מ׳דאַרף זיך אויסלערנען קוקן אויף אַלץ און אויף זיך — פון אויסנווייניק, נאָר קוקן, צו קיינעם נישט געהערן. גיין, גיין, דורכלעבן די פרייד פון ליידן.

ס׳איז געווען די צייט פון היי־קאָשען, די זומערדיקע פראַצע־צייט. קיין נעכט זענען כמעט ווי נישט געווען, ביי־נאַכט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נישטאָ קיין הימל איבער די פאַרטרונקענע טאָלן, פאַרגאַסענע לאָנקעס, טרוקענע טאָלן און וועלדער — און איבערן אוועק. — ווען אַנדרעי איז צום ערשטן מאָל געקומען אין דער קאָמונע, האָט מען צו אים אַ געשריי געטאָן:

— ווער גייט?!

און דער זיידע יעגאָרקאַ האָט געענטפערט מיטן פּאַראָל:

— היידאַ!

דער וועג פון די טויערן מיט די לייבן, אונטערן בערגל, האָט געפירט פאַרביי אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן, מיט וואַזעס אויף די סלופּעס. איבערן שפּיץ האָבן זיך זיך געצויגן שטייניקע

*) דער רוסישער פאָלקס־עפּאָס. (איב.)

תעגעלעך צום גאָרטן, אויף דער לאָנקע צום טייך. הינטער די גרופּעס בוימער, הינטער אַ גרינעם פּלאַץ, הינטערן פערד־הויף, איז געשטאַנען אַ פינסטער הויז פון קלאַסישער אַרכיטעקטור, לענג־אויס די זייטן האָבן זיך געצויגן ווירטשאַפט־געביידעס און פליגלען, אויפן גאַנעק, פון הינטער די זיילן, האָט אַרויסגעקוקט אַ טעמפּ־מויליקער קוילנוואַרפער, אַ מאַקסים. אויפן הויף איז קיינער נישט געווען. מיט אַ שטעגעלע האָבן זיי זיך פאַרנומען הינטערן הויז, צווישן מאַנדל־און בעז־קוסטעס דערגאַנגען צו דער טעראַסע. אין עסצימער, ביי לאַנגע טישן זענען געזעסן אַנאַרכיסטן, פאַרענדיקט דעם אָוונט־עסן. דער זיידע יעגאָרקאַ האָט אַביסל באַלאַגאַנעוועט און איז אַוועקגעגאַנגען. מ'האָט אַריינגעטריבן די בהמות, די פרויען זענען אַוועק מעלקן. פּאַוולענקאָ איז אַוועק אויף נאַכט־שמירה ביי די פערד. ס'איז שוין געווען שפּעט, אָבער דער הימל איז נאָך געווען גרין, איבער דער לאָנקע האָט זיך געשפּרייט אַ נעפּל. אַסך האָבן זיך געלייגט שלאָפן, כדי אויפצושטיין מאָרגן מיטן באַגינען. אַנדרעי איז געזעסן מיטן חבר יוזיק אין קאַבינעט, ביי אַ ליכט, די ווענט האָבן געבלישטשעט מיט די גאָלדענע רוקנס פון די ביכער. חבר יוזיק איז געשטאַנען ביים פענסטער און געקוקט אין הימל אַריין.

— סאַראַ רואיקער פרילינג דאָ איז, — האָט געזאָגט יוזיק.—און סאַראַ שטילע שטערן עס זענען ביי אייך, עס ס'דוכט זיך, אַז זיי טרויערן. איר האָט זיך קיינמאָל נישט באַגייסטערט מיט אַסטראָנאָמיע? — ווען מ'טראַכט וועגן די שטערן, הויבסטו אָן צו פילן, ווי נישטיק מיר זענען. די ערד — דאָס איז אַ רגעדיקע תפיסה: וואָס־זשע טומלען מיר זיך, מיר, מענטשן? וואָס פאַר אַ ווערט האָט אונזער רעוואָלוציע און אומגערעכטיקייט.

אַנדרעי האָט איילִיק זיך אָפּגערופן:

— יאָ, יאָ! אויך איך טראַכט אַזוי! מ'דאַרף זיין פריי און זיך אָפּזאָגן פון אַלץ. ווי וווּנדערבאַר אונזערע געדאַנקען זענען צונויפגעפאַלן!

— יאָ? — נו, אודאי... — יוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן. — אין קיין אָרט זענען נישטאָ אַזוינע שטערן, ווי אויפן

אינדישן אָקעאַן — דער דרום־קרייז... כ'האָב דורכגעוואַנדערט די גאַנצע וועלט, און אין קיין אָרט איז נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, ווי רוסלאַנד. מיר זענען געקומען צופאָרן אַהער, כדי צו שאַפן לעבן... ווי גוט דאָ איז און סאַראַ ביכער ס'געפינען זיך אין דידאַזיקע שרענק, די ביכער זענען געזאַמלט געוואָרן אין משך פון צוויי יאָרהונדערטן... פון אייראָפּעאישן שטאַנדפּונקט, לעבן מיר, רוסישע, איבער דעם מיטלאַלטער...

ס'זענען אַריינגעקומען פּאַוולענקאָ, סוויריד, נאַטאַליאַ, אי־רינאַ, אַגאַנקאַ. אַגאַנקאַ האָט אַריינגעבראַכט אַ הילצערנע קאַן מילך און האָבערנע פּלעצלעך.

— ווער וויל?

אין גאַסטצימער האָט פּאַריתומט געבערנט אַ ליכט, אין גרויס אָרדנונג איז געשטאַנען דאָס באַגילטע מעבל פון אַמפּיר־סטיל, הינטער דער אָרקע איז געווען אַ לחלוטין פּוסטער זאַל. די פענסטער פון גאַסטצימער און קאַבינעט זענען געווען אָפן. אונטערן שפּיץ אויף דער לאָנקע האָבן מיט פּאַרשיידענע קולות געשריגן, געטומלט און געזונגען פייגלען און אינזעקטן, ריכ־טיק ווי אין אָפּערע פּאַר דער אוווערטורע, ווען מ'שטעלט איין דעם אָרקעסטער. אירינאַ האָט פּויל גענומען עטלעכע אַקאָרדן אויפן ראָיאַל און אַגאַנקאַ האָט זיך געקליבן טאַנצן. ס'איז אַריין סעמיאָן איוואַנאָוויטש מיט אַ באָרד, ווי ביי מאַרקסן, — מיט אַ הויפן צייטונגען, און גאַליק גענומען ריידן וועגן בירגער־קריג — אין יענעם אָוונט האָט זיך אַנדרעי אומגעקערט צו ניקאָלאַ און, שטייענדיק ביי ניקאָלאַ, נאָך אַמאָל דורכגעלעבט שאַרף, ווייטאָקדיק און צאַרט יענע גאַנצע פרייד, זיין פרייד, וואָס ס'האָט אין אים געשאַפן דער טרוים, די רעוואָלוציע — דער טרוים וועגן אמת פון אָרעמקייט, וועגן גערעכטיקייט, וועגן דער שיינקייט — פון די אַלטע, פינפהונדערטיאָריקע צערקוועס.

ביי די אַנאַרכיסטן פלעגט אַנדרעי אויפשטיין מיטן באַ־גינען, — מיטן זומערדיקן, אין־לשערדיק קלאָרן, — און מיט אַ פּאַס אויף אַ פּאָר פערד אין אָגלאָבלעס איז ער געפלויגן צום טייך נאָך וואַסער, אַגאַנקאַ פלעגט אים העלפן אָנפּאָמפּען.

אָנפּאָמפּענדיק און אָנפּאָיענדיק די פערד, פלעגן זיי זיך, צעטיילט דורך אַ קוסט, באָדן. און אַנדרעי פ.עגט אָפּפירן דאָס וואַסער צוערשט אין גאָרטן און אין פּאַרק, דערנאָך אין קיך אַריין. די זון פלעגט זיך אויפהויבן אַ רויטע און פּאַמעלאַכע, די בגדים זענען פייכט געוואָרן פון האָניק-טוי, פון זומפּן-טאָל זענען פאַרשוווּנדן די לעצטע שטיקלעך נעפּל. אַ זייגער צוועלף האָט מען גערוט ביז דריי; די מענער פלעגן אָפּלייגן די אַקערס, זיך פאַרזאַמלען צום מיטאָק, בראָנזענע פון דער זון, שווייסיקע פון דער אַרבעט, מיט צעשפּילעטע העלזער. ביז איצט האָט אַנדרעי קיינמאָל נישט געאַרבעט מיט די מוסקולן,—די אַקסלען, דער קרייץ און די היפטן האָבן זיס גענאָגט, דער קאָפּ איז געווען לייכט, די געדאַנקען — קלאָר און שטיל. שטילע און קלאָרע פלעגן אָנקומען די אָוונטן, אַנדרעי האָט געוואָלט שלאָפן, ס׳האָבן גענאָגט די אַקסלען און — אין שלאָפלאָזיקייט — איז אַנדרעיען די וועלט פאָרגעקומען דורכזיכטיק, קריסטאָליק און צאַרט, ווי יונישע זון-אויפגאַנגען. אין די אָוונטן פלעגט תמיד שפּאַצירן מיט אַנדרעיען די חברטע נאַטאַשאַ, פלעגט פלעכטן קראַנצן פאַר זיך און פאַר אים, און געזאָגט אַנדרעיען, אַז ער איז פונקט אַזאַ שטילער, ווי אַ קאָרנבלימל. אין די אָוונטן פלעגט מען ברענגען צייטונגען, די צייטונג-לייט האָבן געשריבן וועגן דעם, אַז דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד איז אין סכנה, ס׳האָבן געבונטעוועט קאָזאַקן, אוקראַינער, פּאָלאַקן. און דאָס איז פאָרגעקומען נישט וויכטיק? — ווער וועט צעשטערן דעם גלעזערנעם וואַסער-שפּיגל פון שלאָפלאָזיקייט? די געדאַנקען זענען געווען קלאָר און לייכט, דורכגעבראָכענע דורך דעם צאַרטן באַגער צו שלאָפן.

און דער יוני מיט די פאָרצעלייענע זשאַסמינען, מיט זיינע קריסטאָלענע זון-אויפגאַנגען איז שוין אַריבער.

ביי טאָג האָט אַנדרעי געאַרבעט אין פּאַרק מיט אַגאַנקען און זיך אַנטציקט מיט איר. תמיד איז זי פול געווען מיט לידער און שפּריכווערטער, ער האָט זי קיינמאָל נישט געזען אַ מידע און נישט געווּסט, ווען זי שלאָפט. אַ קליין-געוויק-

סיקע, אַ פֿעסט-געבויטע, אַ באָרוויסע, מיט אַ לאַכנדיקן פּרצוף, פֿלעגט זי אים וועקן אין די באַגינענס, באַשפּריצנדיק מיט וואַסער, שוין נאָכן אויסמעלקן די קי. ווי אַ זשאַבע פֿלעגט זי שווימען, אַן אומפֿאַרשעמטע, און דערנאָך אַ גאַנצן טאָג פֿלעגט זי פֿול זײַן אומעטום — אין פּאַרק, בײַ די קאַרטאָפֿל, אין גאָרטן. אין די אָוונטן פֿלעגט זי שטיפֿן — צוערשט מיט פּאַוולענקאָן, דערנאָך מיט סווירידן, — „עך, — וועמעס עסק איז דאָס, מיט וועמען כ'בין דורכגעזעסן די נאַכט!"

בײַם היי-קאָשען האָבן אַנדרעי מיט אַגאַנקאַן בײדע געאַרבעט אין גאָרטן. אַנדרעי האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַררויכערן, אַגאַנקאַ האָט געשפּילט מיט דער גראַבלע, מיט די היפֿטן, ווי אַ יונג פֿערד, געריעדט פֿרעך:

— דו, אַנדרעי, שטיף נישט, נאָר אַרבעט!

— פֿונוואַנעט ביסטו, אַגאַנקאַ? ווען שלאָפֿסטו, רוסט זיך אויס?

— פֿונוואַנעט עס איז אַלץ: — פֿון דער מוטער-טראַכט,

— מאַך נישט קיין שטיק.

— ווי קומען מיר, מירן שוין אַזוי שוין!.. דו נעם אויף דעם היי, שטיף נישט.

און אַגאַנקאַ איז געשטאָרבן אין יולי — איבער דער ערד זענען אומגעגאַנגען שוואַרצע פּאָקן און טיפֿוס... — טויט, מהומות, הונגער, קינעלעך: זען, כּדי צו לעבן... די ערשטע יולי-טעג, פֿאַר די היצן, זענען פֿינף טעג געגאַנגען רעגנס און שטורעמס, די אַנאַרכיסטן זענען געזעסן אין הויז, — און קיין-מאָל נאָך האָט אַנדרעי נישט געהאַט אַזוי פֿיל פֿרייד, לעבנס-פֿרייד!

— דאָס איז מיט אַנדרעיס אויגן, די פּאָעזיע פֿון אַנדרעי וואָלקאָוויטש

מיט נאַטאַליאַס אויגן

איבער ניקאָלאַן, איבער די טשאָרניע רעטשקי, איבער די פּאַרגאָסענע לאָנקעס, האָט געשטאַרצט איינזאַם אַ וויסט בערגל, אַ נאַקעטס, בלויז אויף די שפּוּעס אַ באַוואָקסנס מיט קאַלינעס, עס איז געשטאַנען איינזאַם, אַ וויסטס, אַ הויכס. צום צפונדיקן הימל־ברעג פון אים האָבן זיך גענאָדלט מיט טונקעלע געזשימסן וועלדער און צו דרום צו האָבן זיך געצויגן סטעפּעס. און די יאָרהונדערטער האָבן אים געגעבן זייער נאָמען — אַוועק*). ס'איז געווען יולי.

אויפן שפּיץ פון אַוועק האָבן מענטשן באַמערקט חורבות און קורגאַנעס**), — זענען דער אַרכעאָלאָג באָודעק און דער מאָלער אַרדינין געקומען מיט אַן אַרטעל פּויערים זיי אויסצוגראָבן. די אויסגראָבונגען האָבן שוין געדויערט די דריטע וואָך, און פון דער ערד זענען אויפגעשטאַנען יאָרהונדערטער. אויפן אַוועק האָט מען געפונען רעשטלעך פון אַן אור־אַלטער שטאָט, ס'האָבן זיך געצויגן טרעפּנאַרטיק די שטיינערנע חורבות פון די וואַסער־הויבערס, די פונדאַמענטן פון בנינים, קאַנאַליזאַציע, — פאַרבאַהאַלטן אונטער ליים און שוואַרצערד, איז דאָס געבליבן — נישט פון די פינען, נישט פון די סקיטן, נישט פון די בולגאַרן, — עמיץ אַן אומבאַקאַנטער איז געקומען אַהער פון די אַזיאַטישע סטעפּעס, כדי אויפצושטעלן אַ שטאָט און פאַרשווינדן פון דער געשיכטע — אויף תמיד. און נאָך זיי, נאָך יענע אומבאַקאַנטע — זענען דאָ געווען סקיטן, און זיי האָבן איבערגעלאָזן זייערע קורגאַנעס. אין די קורגאַנעס, אין שטיינערנע געוועלבן, אין שטיינערנע קברים זענען געלעגן מענטשלעכע געביינען, אינבגדים, וואָס צעשיטן זיך פון אַ באַרירונג, ווי אַש, מיט קריג און שיסלען, באַצירטע מיט רייטערס און יעגערס, אין וועלבע ס'איז אַמאָל געווען שפּייז און געטראַנק, — מיט ביינער פון

---

*) וועק — איז אויף רוסיש אַ יאָרהונדערט. (איב.)

**) אַנגעשאָטענע, אַלטע סטעפּ־קברים. (איב.)

אַ פערד צו די פיס, מיט אַ זאָטל, באַצירט מיט גאָלד, בײַ אַ שטײנער, און װאָס זײַן לעדער איז געװאָרן װי אַ מומיע. אין די שטײנערנע געװעלבן איז געװען טױט, ס'האָט שױן מיט גאָרנישט נישט געשמעקט, און יעדעס מאָל, װען מ'האָט געדאַרפט אין זײ אַרײַנגײן, זענען די געדאַנקען געװאָרן בולט און רואיק, און אין דער נשמה פלעגט קומען אַ טרױער. דער שפּיץ פון אװועק, אין שטײנער, איז נאַקעט געװאָרן; מיט אַ זילבערנער, שטױביקער באַהאָרונג איז געװאַקסן דאָס װערמוט, עס האָט ביטער געשמעקט. — די יאָרהונדערטן לערנען אױך אַזױ, װי די שטערן, און באַודעק האָט געקענט די פרײד פון ביטערניש, די באַגריפן פון אַרכעאָלאָג באַודעק האָבן זיך פאַרפלאָנטערט מיט די יאָרהונדערטן. אַ זאַך רעדט תּמיד װיכציקער װעגן לעבן, װי װעגן קונסט, — און „זײַן" — איז שױן אַ קונסט. דאָס לעבן האָט באַודעק געמאָסטן מיט קונסט, װי יעדער קינסטלער.

דאָ, אױפן אװועק, פלעגן די ערדגראָבער זיך אױפכאַפּן מיטן באַגינען, אױפקאָכן אין קעסל װאַסער, גראָבן. אַרום האַלבן טאָג פלעגט מען ברענגען צופירן פון קאָמונע מיטאָג. פלעגן מען אָפּרוען, װידער געגראָבן ביזן זון-פאַרגאַנג. דאַן פלעגט מען ברענגען שײטערהױפנס און זיצן נעבן זײ, שמועסנדיק, זינגען לידער... הינטערן טײַך, אין דאָרף — האָט מען געאַקערט, געקאָשעט, געגעסן, געטרונקען און געשלאָפן, כּדי צו לעבן, דאָס זעלבע, װי אױך אונטערן שפּוּע אין דער קאָמונע און אין סטעפּ בײַ די סעקטאַנטן, װוּ מ'האָט אױך געהאָרעװעט, געגעסן און געשלאָפן. און אַחוץ דעם האָבן נאָך אַלע געטרונקען און געװאָלט זיך אָנטרינקען מיט רו און פרײד. ס'איז געשטאַנען אַ הײסער יולי, פאַרשרפנדיק די טעג, װי תּמיד, זענען די טעג געװען דורכזיכטיק און פײַנלעך, — די נעכט פלעגן ברענגען רו און זײער אײביקן אומרו. — אײנע פלעגן צעגראָבן די ערד — טרוקענע לײם, פאַרמישט מיט קיזלשטײנער און פינגערשטײנער, אַנדערע פלעגן זי אױװעקפירן אױף טאַטשקעס, דורכזיפּן אין זיפּן. מ'האָט זיך דערגראָבן ביז אַ שטײנערנעם

איינגאַנג. דער געוועלב איז געווען פינסטער, ס'האָט מיט גאָר־נישט נישט געשמעקט. דער קבר איז געשטאַנען אויף אַ הויכ־קייט. מ'האָט אָנגעצונדן די לאָמטערנדלעך. אָפּגעצייכנט. באַ־לויכטן מיט מאַגנעזיע, — אָפּגעפאָטאָגראַפירט. ס'איז געווען שטיל און שטום. מ'האָט אַראָפּגענומען דעם צען־פּודיקן גרין־געוואָרענעם דעקל. אַנדערע האָבן ביים שפּיץ, אויפן סאַמע בערגל־שפּיץ אַרומגעגראָבן די רעשטלעך פון אַן אַמאָל קיילעכ־דיקן בנין, וואָס זיינע שטיינער האָט נאָך די צייט נישט פאַר־גראָבן אין שטויב.

שטיל לאָזט זיך אַראָפּ דער אָפּריס פון אוועק, אונ־טערן אוועק ציען זיך מיט אַ ווייסטער רחבות די פאַרגאָסענע לאָנקעס, הינטער זיי הויבן זיך אויף מיט געציינדלטער באַ־וואַקסנקייט די טשערנאָרעטשער וועלדער, טשערנאָרעטשיע; — און באַזודעקן האָט מען פאַרציילט אַ געשיכטע וועגן דעם׳ אַז אין מעדיני ביי די סעקטאַנטן האָבן זיך באַזעצט דעזערטירן, אַ גרינע רויבער־אַרמיי, וועלכע האָט אָנגעגראָבן ערד־שטיבעלעך, וועלכע האָט אָנגעשטעלט געצעלטן, וועלכע האָט צעשאָסן אי־בער די קוסטעס אירע וואַך־פּאָסטנס, מיט קוילנוואַרפערס, ביקסן, גרייט, אויב מ'וועט זי אָנגרייפן, אַוועקצוגיין אין סטעפּ, זיך צעבונטעווען, גיין אויף די שטעט.

— אגב, דאָס איז אַלץ מיט די אויגן פון דער אַנאַרכיסטקע נאַטאַליאַ.

שפּעט אינאָוונט, זיך אומקערנדיק פון די זומפּן, זענען נאַטאַליאַ מיט באַזודעקן אַרויף אויפן נאַקעטן שפּיץ צו די אויס־באַרגונגען. ס'האָט געגומען שמעקן ביטער מיט ווערמוט, די ווערמוט איז באַוואַקסן געוואָרן מיט זילבערנע, שטויביקע שטעך־האָר, האָט געשמעקט ביטער און טרוקן. פון ווייסטן שפּיץ האָט מען געזען ווייט אַרום, אונטערן בערגל איז געפלאָסן דער טייך, הינטערן טייך אין נעפּל האָבן זיך געלויכטן די שייטער־הויפנס פון די לעצטע היי־שניטן און פון די נאַכט־שמירהס

ביי פערד. פון פעלד האָט א בלאָז געטאָן מיט טריקעניש זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, כּדי זיך צו זעגענען, און האָבן באַמערקט: — פון אויסגעטריקנטן טייך-געלעגער צו די אויס־גראָבונגען, פון יענער זייט, פון ניקאָלאַ, זענען געלאָפן אייַציקווייז, אין אַ לאַנגער שורה, מיט אַ ברייטן, נישט-אייליקן לויף, באַקעטע פרויען מיט צעלאָזענע צעפּ, מיט די שוואַרצע פאַרטיפונגען פון די שויס-בערגלעך, מיט בעזעמלעך פעדערגראָז אין די הענט. די פרויען זענען שטילשווייגנדיק צוגעלאָפן ביז די אויסגראָבונגען, אַרומגעלאָפן אַרום דער קילעכדיקער חורבה אויפן בערגל-שפּיץ און צוריק זיך פאַרנומען צום שפּוע, צום גראָבן, אויפהויבנדיק אַ ווערמוט-שטויב.

באַודעק האָט זיך אָנגערופן:

— ערגעץ-ווו איז אייראָפּע, מאַרקס, וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם, און דאָ האָט זיך אויפגעהיט אַן אַבערגלויבן, וואָס איז אַלט טויזנט יאָר. די מיידלעך לויפן אַרום זייער ערד, פאַרצויבערן זי מיט זייער קערפּער און ריינקייט. דאָס איז די וואָך פון פּיאָטר-זון-ווענדער. ווער וועט צוטראַכטן אַ פּיאָטר־זון-ווענדער! דאָס איז שענער פאַר די אויסגראָבונגען. איצט איז האַלבע נאַכט. ס'קען זיין, אַז דאָס פאַרצויבערן זיי אונז. דאָס איז דער סוד פון די מיידלעך!

פון פעלד האָט ווידער אַ ווײ געטאָן מיט טריקעניש. אין אין-סופיקן הימל איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטערן, — ס'איז שוין אָנגעקומען דער יולישער שטערן-פאַל. די גרילן האָבן געגרילצט טרוקן און פאַרשטיקט. ס'האָט ביטער געשמעקט מיט ווערמוט: זיך געזעגנט. בייַם זעגענען זיך האָט באַודעק פאַרהאַלטן נאַטאַליאַס האַנט, פאַרשטיקט געזאָגט:

— נאַטאַליאַ, אויסערגעוויינלעכע, ווען וועט איר זיין מיין ווייב?

נאַטאַליאַ האָט געענטפערט נישט מיטאַמאָל, שטיל:

— לאָזט צורו, פלאָר.

באַודעק איז אַוועק צו די צעלטן. נאַטאַליאַ האָט זיך אומגעקערט צום שפּוע. מיט אַ שמאָל שטעגעלע, אַ פאַרוואָקסנס

מיט קאַלינע, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן צום הויף. אין דער קאָמונע. די נאַכט האָט נישט געקענט שטילן דעם דורשט פון הייסן טאָג, די נאַכט האָט פאַרמאָגט אַסך דורשט און היץ, טרוקן האָבן געבלישטשעט מיט מאַטן זילבער — דאָס גראָז, די ווייטקייטן, די פאַרגאָסענע לאָנקעס און די לופט. איבער דעם קיזל-שטיין-שטעג האָבן זיך געשאָטן שטיינדלעך.

ביים פערד-הויף איז געלעגן סוויריד און אונטערגעזונגען, פאַרקוקנדיק אין הימל אַריין:

„קאַמאַ, קאַמאַ, דו מוטער-טייך!..
שלאָג קאָלטשאַטן אין צורה גלייך!
קאַמאַ, קאַמאַ ביסט וואַסער-רייך!..
שלאָג דעם קאָמוניסט אין צורה גלייך!..“

באַמערקט נאַטאַליאַן, געזאָגט:

— ס'איז נאַכט איצט, חברטע נאַטאַליאַ, נישטאָ קיין מעגלעכקייט איינצושלאָפן, כאָטש שפּיל אַ ליבע. אַלע קאָמוניסטן זענען אין די געוויקסן. ביי די גראָבערס געווען? — מ'זאָגט, אַ שטאָט גראָבט מען אויס, — שוין אַ צייט אַזאַ הייגט, צו אַלץ דערגראָבט מען זיך. יאָ.

און ווידער גענומען זינגען:

„קאַמאַ, קאַמאַ, דו מוטער-טייך...

— צייטונגען האָט מען פון דער סטאַציע געבראַכט. עס שמעקט דאָ שטאַרק מיט ווערמוט. נו, אַ לאַנד.

נאַטאַליאַ איז אַריין אין לייען-צימער, אָנגעצונדן אַ ליכט, די טונקעלע שיין האָט זיך בוימלדיק אָפּגעשפּיגלט אין די געלגעוואָרענע מאַרמאָרנע ווענט. אויפן אַלטן שטייגער זענען געשטאַנען די שאַפעס מיט ביכער, באַגילטע שטולן, אַ קיילעכדיקער טיש אינדערמיט, פול מיט צייטונגען. — אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ס'זענען אַראָפּגעפאַלן די שווערע צעפּ, — געלייענט צייטונגען. און די צייטונגען פון דער גובערניע-שטאָט אויף ברוינעם פּאַפּיר, און די צייטונגען פון מאָסקווע אויף בלאָען

פּאַפּיר פון זעגעכץ, — זענען פול געווען מיט ביטערניש און צערודערונג. ס׳איז נישט געווען קיין ברויט. ס׳איז נישט געווען קיין אייזן, ס׳זענען געווען הונגער, טויט, אַנגסט און שוידער, — ס׳איז געגאַנגען דער נײַנצנטער יאָר.

ס׳איז אַרײַנגעקומען סעמיאָן איוואַנאָוויטש, אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער, מיט אַ באָרד, ווי בײַ מאַרקסן, זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטול, אומרואיק פאַררויכערט אַ ליולקע.

— נאַטאַליאַ.

— יאָ.

— כ׳בין געווען אין שטאָט. איר שטעלט זיך פאָר, וואָס דאָרט טוט זיך? ס׳איז קיין זאַך נישטאָ. ווינטער וועלן אַלע אויסשטאַרבן פון הונגער און אויספרוירן. עס פעלט עפּעס אַזאַ מין זאַלץ, וואָס אָן איר קען מען נישט מאַכן קיין שטאָל, אָן שטאָל קען מען נישט מאַכן קיין זעגן, איז נישטאָ מיט וואָס צו זעגן האָלץ, — ווינטער וועלן די שטיבער פאַרפרוירן ווערן, — צוליב עפּעס אַ זאַלץ! אַ שוידער! איר שפּירט, סאַראַ שוידער! — סאַראַ שוידערלעכע, טויבע שטילקייט. גיט אַ קוק, — טויט איז נאַטירלעכער, ווי געבורט, ווי לעבן. אַרום און אַרום איז טויט, הונגער, צינגאַ, טיפוס, פּאָקן, כאָלערע... די וועלדער און גראָבנס ווימלען פון גזלנים. איר הערט — טויטע שטילקייט. טויט. אין סטעפּ געפינען זיך דערפער, וועלכע זענען לגמרי אויסגעשטאָרבן. די טויטע באַגראָבט קיינער נישט, און אין חושך פון די נעכט ראָיען זיך דאָרט הינט און דעזערטירן... דאָס רוסישע פאָלק!

אין נאַטאַליאַס צימער, אין אויבער-שטיבל, אין ווינקל, איז געשטאַנען דער געקרייציקטער מיט אַ בינטל גראָז, וואָס איז פאַרשטעקט געווען הינטער אים — דאָס איז נאָך פאַרבליבן פון די פּריצים. דער שפּיגל אויפן בייכיקן טואַלעט-טישל פון רויטן האָלץ מיט אַלטע אומנויטיקע שמאָכטעס איז מאַט און צעפּלאַצט געוואָרן. דער שופלאָד פון טואַלעט-טישל איז געווען אָפן: פון דאָרט האָט נאָך פּריציש געשמעקט מיט וואַקס און אויפן דעק האָבן זיך געוואַלגערט בונטע זיידענע

שמאַטקעס, — דאָס דאָזיקע צימער איז בײַ די אָרדינינס געווען דאָס מיידל-צימער. עס זענען געלעגן טעפּיכלעך און טרעטערס. פון די פענסטער האָט מען געקענט זען ווײַט די פּאַרגאָסענע לאָנקעס, דעם טײַך, — ס'איז געקומען אויפן געדאַנק, אַז ווינ-טערצײַט איז דידאָזיקע גאַנצע פּוסטע רחבות ווײַס פון שנייען. נאַטאַליאַ איז לאַנג געשטאַנען בײַם פענסטער, איבערגעפלאָכטן די האָר, אַראָפּגעוואָרפן דעם סאַראַפאַן. זי האָט געטראַכט — וועגן אַרכעאָלאָג באַודעק, וועגן סעמיאָן איוואַנאָוויטש, וועגן זיך, — וועגן דער רעוואָלוציע, — וועגן איר ביטערניש, — וועגן דער אייגענער ביטערניש.

די ערשטע האָבן אָנגעזאָגט וועגן פרימאָרגן די וואַסער-שוואַלבן, זיי זענען אַרומגעפלויגן אין געלן, טרוקענעם פּאַרק און געצוויטשערט. ס'איז דורכגעפלויגן די לעצטע פלעדערמויז. מיטן באַגינען איז געקומען אירינאַ, זיך געזעצט שווייגנדיק אויפן פענסטער. מיטן באַגינען האָט ביטער גענומען שמעקן מיט ווערמוט, — און נאַטאַליאַ האָט פאַרשטאַנען: מיט ווערמוט, מיט איר ביטערן, לעגענדאַרן גערוך, מיטן גערוך פון לעבע-דיקן און טויטן וואַסער שמעקן נישט נאָר די טרוקן-טאָליקע יולן, — עס שמעקן מיט דעם אונזערע אַלע טעג. טויזנט ניינ-הונדערט נײַנצנטער יאָר. די ביטערניש פון ווערמוט איז די ביטערניש פון אונזערע טעג. מיט ווערמוט אָבער טרײַבן די פּויערטעס אַרויס פון זייערע כאַטעס רוחות און נישט-גוטע. — זי האָט זיך דערמאָנט דאָס רוסישע פאָלק. אין אַפּריל, ווען מ'איז באָכגעגאַנגען די ווייסע, אויף אַ קליינער סטעפּ-סטאַציע, ווו ס'איז געווען הימל, סטעפּ, פינף טאָפּאָלעס, רעלסן און דאָס סטאַציע-שטיבל, — האָט זי באַמערקט דריי פאַרשוין, צווײ פּוי-ערים און אַ קינד. אַלע דריי זענען געגאַנגען אין לאַפּטשעס, דער אַלטער אין אַ קורצן שעפּסן-פעלץ, און דאָס מיידעלע — האַלב-נאַקעט. אַלע האָבן געהאַט נעזער, וואָס האָבן באַגלויבט עדות געזאָגט, אַז אין זייער בלוט איז דאָ אי דער טשוואַש, אי דער טאָטער. אַלע דריי האָבן געהאַט אויסגעצערטע פּנימער. ס'האָט אַ בלישטש געטאָן דער ברייטער זון-פאַרגאַנג. דעם

לטנס פנים איז ענלעך געווען אויף אַ כאַטע, די האָר האָבן זיך אראָפּגעלאָזן ווי אַ שטרויענער דאַך, די בלינדלעכע אויגן האָבן געקוקט אויפן מערב, ווי יאָרטויזנטער. און אין דידאָזיקע אויגן איז געלעגן אַ גרענעצלאָזע גלייכגילטיקייט, — אָדער אפשר, די חכמה פון יאָרהונדערטער, וועלכע לאָזט זיך נישט באַגרייפן !.. נאַטאַליאַ האָט דאַן אַ קלער געטאָן : —אָט דאָס איז דאָס עכטע רוסישע פאָלק, אָט דידאָזיקע אויסגעצערטע, גראָע, דורכגעפּרעסענע פון שמוץ און שווייס, מיט אַ פּנים, וואָס איז אימהדיק ווי אַ כאַטע, מיט האָר — ווי אַ שטרויענער דאַך. דער זקן האָט געקוקט אויפן מערב, דער צווייטער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, מיט איין פוס אונטער זיך, אַוועקלייגנדיק אויף איר דעם קאָפּ. דאָס מיידעלע איז געשלאָפן, צעלייגט אויפן אַספאַלט, אַ פאַרכראַקעטן און פאַרשפּיגענעם מיט קערלעך-שאָלעכטס. זיי האָבן געשוויגן. און ס׳איז געווען פיינלעך און אימהדיק צו קוקן אויף זיי — מיט וועלכע און אין נאָמען פון וועלכע עס ווערט געמאַכט די רעוואָלוציע. אַ פאָלק אָן אַ געשיכטע, — וואָרים ווו איז די ג ע ש י כ ט ע פון רוסישן פאָלק ? — אַ פאָלק, וואָס האָט געשאַפן זיינע אייגענע לידער, אייגענע מאָטיוון, אייגענע צויבער-מעשהלעך... דערנאָך זענען דידאָזיקע פּויערים צופעליק אַריין אין קאָמונע, געזונגען ווי בעטלער, געבויקט זיך, געבעטן אַ נדבה, דערציילט, אַז זיי זענען „וואָלאָדימערער”, דער הונגער האָט זיי פאַרטריבן אַהער, זיי בעטלען אין קריסטוס נאָמען : אינגדערהיים האָבן זיי איבערגעלאָזן פאַרהאַקטע שטיבער, אַלץ אויפגעגעסן, אפילו די פערד. און נאַטאַליאַ האָט באַמערקט : ליינ זענען פון זיי געפאַלן, און יענע סטאַציע, ווו זי האָט זיי צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפן, האָט זיך גערופן „ר אַ ז י ע ז ד מ אַ ר”.

אויפן הויף האָבן געליאַרעמט עמערס, די פרויען זענען געגאַנגען מעלקן די קי. מ׳האָט צוריקגעטריבן די פערד פון דער נאַכט-פּאַשע. סעמיאָן איוואַנאָוויטש, וועלכער איז ביינאַכט נישט געשלאָפן, האָט צוזאַמען מיט סווירידן אונטערגעשמירט די פור, זיך געקליבן אין די פאַרגאָסענע לאָנקעס נאָכן היי-

ס׳האָבן געטומלט די אונטערגעוואָקסענע קורטשאַקעס. ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג, וואָס פאַרשרפעט די ערד מיט זיין היץ, און מ׳דאַרף זיך אָנטרינקען מיט זיין דורשט, כדי אינאָוונט גיין נאָך אַן אַנדער ווערמוט, נאָך באַודעקס ווערמוט, נאָך דער ביטערניש פון פרייד, ווייל קיינמאָל נאָך האָט נאַטאַליאַ נישט געהאַט דידאָזיקע ווערמוט-פרייד, און געבראַכט האָבן זי דידאָזיקע טעג, ווען מ׳דאַרף לעבן — איצט אָדער קיינמאָל נישט.

די זון האָט דורכגעמאַכט איר ברענענדיקן זונענוועג, דער טאָג האָט געמאַטערט מיט היץ, מיטן קלאַנג פון שטילקייט, די ווייטקייטן האָבן געציטערט מיט אַ דינינקן גליענדיקן ציטער, ווי צעלאָזן גלאָז. אין נאָכמיטאָגדיקער אָפרו-צייט פלעגט נאַטאַליאַ קומען צו די אויסגראָבונגען, פלעגט זיצן מיט באַודעקן אונטער דער זון, צווישן אויפגעגראָבן ערד, אויף אַן איבערגעקערטער טאַטשקע. די זון האָט געבריט, און אויף די טאַטשקעס, אויף דער שוואַרץ-ערד, אויף די שטיינער, אויף די צעלטן, אויפן גראָז — אומעטום זענען געלעגן גליענדיקע פאַרבן, ווי בונטע שטיקלעך זיידנס.

נאַטאַליאַ האָט גערעדט וועגן דער היץ, וועגן רעוואָלוציע, וועגן די טעג: מיט איר גאַנצן בלוט האָט זי דערשפירט און אָנגענומען די רעוואָלוציע, זי האָט זי געוואָלט שאַפן, — און די איצטיקע טעג האָבן געבראַכט ווערמוט, די טעג די איצטיקע שמעקן מיט ווערמוט, — זי האָט גערעדט ווי סעמיאָן איוואַנאָוויטש. און דערפאַר, וואָס באַודעק האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפ אויף אירע קני, דערפאַר, וואָס דער קאָלנער פון זיין אויסגענייט העמדל איז געווען צעשפיליעט, געלאָזט אָפן די האַלז, און דערפאַר וואָס ס׳איז געווען אַ היץ, — האָט זי געשפירט אַן אַנדער ווערמוט, וועגן וועלכן זי האָט געשוויגן. און זי האָט ווידער גערעדט, ווי סעמיאָן איוואַנאָוויטש.

באַודעק איז געלעגן אויף דער פלייצע, זיינע גראָע אויגן זענען געווען האַלב-צוגעמאַכט, ער האָט געהאַלטן נאַטאַליאַס האַנט און ווען זי איז אַנטשוויגן געוואָרן אין היץ, האָט ער געזאָגט:

— רוסלאַנד. רעוואָלוציע. יאָ. עס שמעקט מיט ווערמוט — מיט לעבעדיק און טויט וואַסער? — יאָ!.. אַלץ גייט צום גרונט? בישטאָ קיין וועגן? — יאָ... דערמאָנט זיך נאָר די רוסישע מעשהלע — וועגן לעבעדיקן און טויטן וואַסער. איוואַנושקאַ-שוטה האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל, ער האָט שוין אַלץ פאַרלוירן, אפילו שטאַרבן האָט ער נישט געקענט. — איוואַנושקאַ-שוטה האָט מנצח-געווען, ווייל אויף זיין זייט איז געווען דער אמת, דער אמת באַזיגט דעם אומרעכט, די גאַנצע אומרעכט וועט אומקומען. אַלע מעשהלעך ווערן פאַרקניפּט מיט לײדן, מורא און אומרעכט — און ווערן אָפּגעקניפּט מיטן אמת. גיט נאָר אַ קוק אַרום און אַרום — אין רוסלאַנד קומט איצט פאָר אַ מעשהלע. מעשהלעך שאַפט דאָס פאָלק. די רעוואָלוציע שאַפט דאָס פאָלק — די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ מעשהלע. צי דען איז נישט לעגענדאַריש דער הונגער און צי דען איז נישט לעגענדאַריש דער טויט? צי דען שטאַרבן נישט ווי אין אַ מעשהלע די שטעט, זיך אומקערנדיק אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, — און צי דען לעבן אויך נישט אויף די פאַבריקן ווי אין אַ מעשהלע? גיט נאָר אַ קוק אַרום און אַרום — אַ מעשהלע. עס שמעקט מיט ווערמוט דערפאַר, ווייל ס'איז אַ מעשהלע. און אויך ביי אונז, אָט ביי אונז ביידן, — איז אויך אַ מעשהלע, אייערע הענט שמעקן מיט ווערמוט.

באַודעק האָט אַרויפגעלייגט נאַטאַליאַס האַנט אויף די אויגן, שטיל אַ קוש געטאָן די דלאָניע. נאַטאַליאַ איז געזעסן איינגעבויגן, די צעפּ זענען איר אַראָפּגעפאַלן, — זי האָט ווידער שאַרף דערשפּירט, אַז די רעוואָלוציע איז פאַר איר פאַרבונדן מיט פרייד, מיט אַ שטורמישער פרייד, מיט יענער פרייד, וועלכע גייט זייט ביי זייט מיט טרויער, מיט ווערמוט-טרויער. אַ מעשהלע. ווי אין אַ מעשהלע איז אַוועק, ווי אין אַ מעשהלע — זאַרעטש, ווי אין אַ מעשהלע — סעמיאָן איוואַנאָוויטש, מיט דער באָרד פון מאַרקסן, פון מאַרקסן דעם וואַסער-רוח, דעם בייזן, ווי קאַשטשעי[1]. די טאַטשקעס, די צעלטן, די ערד,

1) אַ געשטאַלט פון רוסישע פאָלקס-מעשהלעך (איב.)

וועק, דער טייך, די ווייטן — אַלץ האָט געבלאַנקט, געברענט, זיך געלויכטן מיט גליענדיקע פלעקן. אַרום און אַרום איז געווען פייערדיק, וויסט און שטום. די זון איז אויף איר וועג געגאַנגען צו דריי אַ זייגער, ביסלעכווייז האָבן גענומען אַרויסקריכן פון אונטער די טאַטשקעס, פון די גריבער די ערדגראָבער, אָנגעטאָן, ווי גאָט האָט געגעבן, אין צעריסענע גאַטקעס, אין הויזן פון זעק, פאַרדעקטע מיט ראָגאָזשעס, געגענעצט, באַזשמורעט זיך, געטרונקען פון די עמערס וואַסער, צעגויפגעדרייט ציגאַרעטן.

איינער האָט זיך צוגעזעצט קעגנאיבער באַודעקן, פאַררויכערט, געקראַצט אַביסל זיין אָפענע, האָריקע ברוסט און לאַנגזאַם געזאָגט:

— היידאַ, צייט אָנצוהייבן, פלאָריטש... דעם פערד ט'מען געדאַרפט איינשפאַנען. מיכאַילאָ, ווי ס'שיינט, ליגט אין טיפוס...

אָוונטצייט האָבן גענומען גרילצן די פעלד-גרילן. נאַטאַליאַ האָט זיך געפונען אין די גערטנער, געטראָגן די עמערס וואַסער, באַגאָסן די בייטן, טראָפנווייז איז דער שווייס אַרויסגעטראָטן אויפן שטערן, און דער קערפער, זיך אָנשטרענגנדיק אונטער דער מאַסע פון עמער, האָט זיס וויי-געטאָן מיט נישט-אויסגעלעבטער קראַפט. טראָפנס וואַסער האָבן געשפריצט אויף די באָרוויסע טריט און די קילקייט האָט געבראַכט רו. אָוונטצייט האָט אין די קאַרשנבוימער געשריגן דאָס רויט-עקל. אין דער גאָלדענער לופט זענען פויל געפלויגן די לעצטע בינען, זיך פאַרנעמענדיק צו די בינשטאָקן. זי איז געגאַנגען אין קאַרשנגאָרטן, געגעסן רויטע קאַרשן, מיט זאַפט — ווי בלוט. אין די קוסטעס זענען געוואַקסן בלאָע גלעקעלעך און האָניקבלומען, — און אויס געוווינהייט האָט זי געריסן גרויסע בוקעטן. ביי זיך אין אויבערשטיבל, אין מיידל-צימער, האָט זי פאַנאַנדערגעקליבן אין טואַלעט-שופלאָד אַלטע זיידענע שמאַטקעס, איינגעאָטעמט דעם ריח פון זיידנס, וואַקס און זויערע אַלטע פאַרפומעס. מיט נייע אויגן האָט זי דערזען איר צימער: ס'האָט געהערשט אין אים אַ גרינגע טונקלקייט און איבערן דיל

האָבן זיך געצויגן לייכטע ציטערדיקע שאָטנס, די ווייסע ווענט האָבן אויפגענומען אין זייער זקנישער באַרואיקטקייט לייכט און פשוט. זי איז געשטאַנען איבער דער שיסל, זיך געפּלעסקעט מיט קאַלט וואַסער.

די זון האָט זיך דערווייטערט מיט אַ ברייטן געלן אונטערגאַנג.

דער הייסער טאָג האָט אָפּגעבליט מיט אַ געלן בין-השמשות. אַ זייגער זיבן האָט דער גלאָק געקלונגען צום נאַכט-עסן, און אין בופעט-צימער איז אויף אַ האַלבע שעה טומלדיק געוואָרן, מ'האָט זיך געשטויסן ביים קעסל מיט קאַשע, מ'האָט פון העמערלעך געגאָסן מילך אין די טעלערס, דערנאָך האָט מען געטרונקען טיי, צעטראָגנדיק די גלעזער איבער אַלע צימערן. אויף דער טעראַסע, וועלכע איז פאַרוואַקסן געווען מיט מאַנדל- און לעבנס-ביימער איז געזעסן אַ גאַסט, אַ ברודער-סעקטאַנט פון שכנישן דאָרף — דאָנאַט, מיט אַן אַפּאָסטאָלישער באָרד, איינגאַנצן אין ווייסן און אין פּודיקע שטיוול מיט פּאָדקעוועס: פאַרפאָרן זיך דורכשמועסן וועגן פערד. פון טיי האָט זיך דער ברודער דאָנאַט אָפּגעזאָגט, אויסגעטרונקען מילך. אויף דער טעראַסע מיט אים איז געזעסן סעמיאָן איוואַנאָוויטש. דער הימל איז אָפּגעשטאָרבן אין פייערדיקע וואָלקן-חורבות, אין די קוסטעס נעבן דער טעראַסע, האָט איינזאַם און ביטער געפּייפט דאָס רויט-עקל: —ווי-טי, ווי—טי—טסס!

סעמיאָן איוואַנאָוויטש, אין אַ בלוזע, אויך אַ זקן, האָט זיך אויפן שטייגער פון די יונגע איינגעאָרדנט אויף דער פּאָרענטש, פאַרלייגט די הענט און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום זייל. דאָנאַט איז געזעסן ביים טיש, רואיק, גלייך, פאַרלייגנדיק אַ פוס איבער אַ פוס.

— קיין מלחמה זענט איר נישט גורס? — האָט געפרעגט סעמיאָן איוואַנאָוויטש, ווי תמיד טרוקן און קוים-באַמערקבאַר ביין.

— קיין מלחמות דאַרפן מיר נישט.

— און ביי אייך אויף דער פערמע, האָט מען מיר אי־
בערגעגעבן, האָט מען געפונען אַ דערהרגעטן טשעדעמיס 1)
און, מ׳שמועסט, אַז איר דעקט פערד־גנבים.

— כ׳ווייס נישט, וועגן וועלכע פאַלן איר באַוויליקט צו
רעדן, האָט דאָנאַט רואיק געענטפערט. — איבערן סטעפּ גייען
אַרום אַ סך וועלף, נישט היטן זיך איז אוממעגלעך. מיר זענען
אין דידאָזיקע מקומות געקומען אין יעקאַטערינעס צייטן, און
מיר לעבן, ווי מ׳האָט געלעבט מיט דרייסיק יאָר צוריק. און
ווי מיט הונדערט, אַליין גיבן מיר זיך אַן עצה, אויפן אייגע־
נעם שטייגער. דעריבער דאַרפן מיר קיין שום רעגירונגען נישט
האָבן, און, ממילא, אויך קיין מלחמות נישט. פּעטערבורג איז,
אַ שטייגער, ווי אַ לישאַי. כ׳דערלויב זיך צו גלויבן, אַז דאָס
פאָלק אַליין וועט בעסער זיך דורכלעבן אָן אַ אפּוטרופּסות.
וועט געפינען אַ צייט אי אויסצורוען זיך, אי אַ טראַכט צו
טאָן. אַ סברה, אַז אין אַ עדה לעבט שוין דאָס פאָלק אַ
טויזנט יאָר.

— נו, און פערד־גנבות? — האָט געפרעגט סעמיאָן אי־
וואַנאָוויטש, איבערשלאָגנדיק דאָנאַטן מיט אַ קוים־באַמערקבאַ־
רער אויפרעגונג.

— כ׳ווייס נישט וועגן וועלכע פאַלן איר רעדט. קיינער
האָט דאָס נישט געזען. אָבער כ׳רעכן, אַז אויב מ׳וועט כאַפּן
אַ פערד־גנב, וועט מען אים דערהרגענען. און דערהרגענען,
רעכן איך, מיט אכזריות. די טאַטערן כאַפּן אַמאָל פערד־גנבים,
געבונדענע פאַרגראָבט מען זיי אין סטויגן און מ׳פאַרברענט
לעבעדיקערהייט. דאָס לעבן איז ביי אונז אַן אכזריותדיקס, מיין הער.

די פייערדיקע חורבות זענען טונקל געוואָרן, ווי די קוילן
וואָלטן זיך מיט אַש באַדעקט. אויפן הויף האָבן גענומען מעקן
די שעפּסן און אַ ביימש האָט געקנאַלט. דאָס רויט־עקעלע איז
שטיל געוואָרן. אין גאַסט־צימער האָט מען אָנגעצונדן אַ ליכט.

---

1) אַ פינישער פאָלקס־שטאַם אין די רוסישע מזרח־גובערניעס. (איב.)

אין דער אָפענער טיר האָבן געגומען אַריינפליען זומער-פיי־געלעך. ס'האָבן געגומען גרילצן די גרילן. ס'האָט געגומען בלאָזן אַ ווינט און געבראַכט נישט קיין היץ, נאָר — אָפּרו. ס'האָט שנעל געחושכט און העט-ווייט האָט זיך דורכגעשניטן אַ בליץ.

— אַ שטורעם וועט זיין, — האָט געזאָגט דאַנאַט, איז אַנט־שוויגן געוואָרן, נישט רירנדיק זיך, און געגומען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש: — כ'קוק זיך צו צו אייער ווירטשאַפט, מיין הער. אַרויסגעוואָרפן. שלעכט. זייער שלעכט. אָן קענטעניש, אָן ליבע. אַרויסגעוואָרפן.

— ווי איינער קען, — האָט טרוקן אָפּגעענטפערט סעמיאָן איוואַנאָוויטש. — נישט מיטאַמאָל.

— פאַר די פּויערימלעך וואָלט מען געדאַרפט דאָס ביסל ערד, ווי גאָט האָט געבאָטן.

אויף דער טעראַסע איז אַרויסגעקומען אירינאַ, מיט אַ ליכט, אין אַ ווייס קלייד. דאָס ליכט האָט אירינאַ אַוועקגע־שטעלט נעבן דאַנאַטן. דאַנאַט האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף איר, אירינאַ האָט די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזן, די שיין איז געפאַלן פון אַ זייט, אירינאַס שוואַרצאַפּ׳ען האָבן זיך אָנ־געצונדן מיט רויטע לאַק-פייערלעך.

— סעמיאָן איוואַנאָוויטש, די חברים מאַכן אַ קליינע פאַרזאַמלונג אין לייען-זאַל, — האָט געזאָגט אירינאַ. — דער חבר יוזיק איז נישטאָ. איך וועל אונטערזיצן מיטן גאַסט.

סעמיאָן איוואַנאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן, דאַנאַט האָט אים נאָכגערופן:

— וועגן פערד-גנבים האָבן מיר גערעדט. פערד-גנבים טרעפן זיך אַמאָל, דאָס איז אמת. מיר לעבן, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. אָבער אָט איר זענט שוין געקומען צו פאָרן פון פּעטערבורג, ווען ער איז אַ לישאַי געוואָרן, אָט-וואָס. אין אַ ענגער צייט. ביי אונז איז מיט פּעטערבורג שוין לאַנג פאַר־ענדיקט. מיר האָבן געלעבט אָן אים און מיר וועלן לעבן, מיין הער

— אַנטשולדיקט, כ׳וועל די רגע, — האָט סעמיאָן איוואַ־נאָוויטש געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

אירינאַ האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט, צום זייל. געזעסן שטילשווייגנדיק. ווידער האָט אַ בלאָז געטאָן דאָס ווינ־טעלע און געבראַכט אָפּרו. פון דרום האָט זיך אָנגערוקט אַ שווערער וואָלקן, אויפבליצנדיק האָט ער בייז געקראַכט. ס׳איז טונקל געוואָרן אויף שוואַרץ, ס׳איז געווען שטיל און געשטיקט. ביי דעם ליכט האָבן געררישט די זומער־פייגעלעך. אין גאַסט־צימער האָט גענומען שפּילן אויפן ראָיאַל אַנדרעי. — ווייט הינטערן הויף האָט עמיץ צוויי מאָל אַ פייף געטאָן מיט אַ קורצן גזלנישן פייף, דורך די פינגער, אַפּנים. סיי דאָנאַט, סיי אירינאַ האָבן זיך אָנגעשפּיצט. דאָנאַט האָט שאַרף אַריינ־געקוקט אין חושך און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, איינהאָרכנדיק זיך: אירינאַ האָט זיך אויפגעהויבן, אונטערגעשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון דער טעראַסע און אַראָפּגעגאַנגען אין חושך. אינ־גיכן איז זי צוריקגעקומען, אַריין אין שטוב און צוריק אַרויס אין אַ רעגן־מאַנטל און אַ באָרוועסע ווידער אַוועק הינטער דער טע־ראַסע. מיט שווערע טראָפּנס האָט גענומען פאַלן אַ רעגן, ס׳האָט זיך עטלעכע מאָל אַ ריס געטאָן דער ווינט, האַרבסטיק האָבן גענומען רוישן די בלעטער, די ליכט־שיין האָט זיך גענומען וואַרפן, ווי ס׳וואָלטן זיך אַ וואַקל געטאָן די שטיי־נערנע זיילן און דער דיל, און דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

סעמיאָן איוואַנאָוויטש איז דורך פינסטערע צימערן אַוועק אין לייען־צימער. אין לייען־צימער האָבן געברענט צוויי ליכט. אויף די דיוואַנעס, אויף די פענסטער, אויפן דיל זענען אין פרייע פּאָזעס געזעסן די אַנאַרכיסטן, אַלע האָבן גערוי־כערט, סיי מענער, סיי פרויען, אין בלויע בלוזעס, ביים קיילעכדיקן טיש איז געשטאַנען קרעמפּירט דער חבר קאָנסטאַנטין. סעמיאָן איוואַנאָוויטש האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און גענומען אַ בלייפעדער

— וועגן וואָס האַנדלט זיך, חברים? — האָט סעמיאָן איוואַנאָוויטש געפרעגט.

פון ווינקל האָט אָפּגעענטפערט קירילל:

— מיר ווילן לייזן אַ פּרינציפּיעלע פראַגע. דער חבר קאָנסטאַנטין, אַוועקפאָרנדיק אין דאָרף אריין, האָט אַרויסגענומען ביים חבר ניקאָלאַי פון קעסטל בייע וויקלשנורן, נישט אָנזאָגנדיק אים, די וויקלשנורן האָט ער נישט צוריקגעגעבן און דעמדאָזיקן פאַקט בכלל באַהאַלטן. די וויקלשנורן, פאַרשטייט זיך, זענען נישט קיין אייגנטום פון חבר ניקאָלאַי, אָבער ער האָט זיי גענוצט. ווי זאָל מען דעמדאָזיקן פאַקט קוואַליפיצירן?

— איך באַטראַכט דאָס, ווי אַ גנבה, — האָט געזאָגט ניקאָלאַי.

— חברים! איילט זיך נישט! מ'קען נישט אַזוי! — האָט זיענערווירט דערווידערט סעמיאָן איוואַנאָוויטש און מיט זיינע דינע פינגער געבומען פויקן איבערן טיש. — קודם כל דאַרף מען פעסטשטעלן דעם פאַקט און דעם פּרינציפּ.

סעמיאָן איוואַנאָוויטש האָט גערעדט זייער לאַנג. דערנאָך האָבן גערעדט קירילל, קאָנסטאַנטין, ניקאָלאַי און לסוף איז די פּראַגע לגמרי פאַרפּלאָנטערט געוואָרן. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ס'זענען שוין געווען פּרעצעדענטן, קאָנסטאַנטין און ניקאָלאַי זענען צעקריגט געווען צווישן זיך, און אַז קאָנסטאַנטינען זענען די וויקלשנורן נויטיק געווען, און ניקאָלאַי האָט איבעריקע. הינטערן פענסטער האָבן געקראַכט דונערן, ס'האָבן געשיינט בליצן, ס'האָבן פריי גערוישט דער ווינט און דער רעגן. ביי די ליכט זענען פאַריתומט אַרומגעפלויגן זומערפייגלעך, שטאַרבנדיק. אַרום די ווענט אין די שאַפעס האָבן מאַט אויפגעשיינט די רוקנס פון די ביכער און די שויבן. ס'איז געוואָרן שטאַרק אָנגערויכערט פון מאַכאָרקע. צום סוף האָט ווידער גערעדט סעמיאָן איוואַנאָוויטש וועגן דעם, אַז דאָרט, וווּ ס'איז אַן עכטע ברודערשאַפט, קען נישט אויפשווימען די פראַגע וועגן אַ גנבה, אָבער פון דער צווייטער זייט

איז דאָס נישט קיין פּרינציפּיעלע לייזונג — און האָט פאַרענ־דיקט:

— כ'שליס די פאַרזאַמלונג, חברים. כ'וויל זיך טיילן מיט אייך מיט אַן אַנדער פאַקט. דער חבר אַנדרעי האָט חתונה מיט דער חברטע אירינאַ. כ'רעכן, אַז דאָס איז גאַנץ גלייך. האָט עמעצער וואָס צו זאָגן?

קיינער האָט גאָרנישט נישט געזאָגט. אַלע האָבן זיך טומלדיק אויפגעהויבן און גענומען זיך פאַנאַנדערגיין.

אַנדרעי איז אויפגעשטאַנען מיטן מאָרגנשטערן, איינדער־פרי געפירט וואַסער, און דערנאָך דעם גאַנצן טאָג געשלעפּט מיסט, פאַרחלשט פון היץ, אין שווייס, מיט אויסגעבענקטע אויגן. נאָך מיטאָג איז ער ביזן גלאָק נישט געגאַנגען שלאָפן, — געזעסן אין גאַסטצימער און געשפּילט אויפן ראָיאַל, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אין זיין מוזיק הערט זיך אי דאָס זשומען פון די בלינדזשוקעס, אי די וויסטע הייסע סטעפּ־שטילקייט, וויסטקייט, היץ. נאָכן גלאָק האָט ער ווידער געשלעפּט מיסט, און אין אָוונט ווידער געשפּילט. — ווען סעמיאָן איוואַנאָוויטש איז דורכגעגאַנגען דעם גאַסטצימער נאָך דער פאַרזאַמלונג, איז צו אים צוגעגאַנגען אַנדרעי און, אָנרירנדיק זיין פּלייצע, געזאָגט:

— סעמיאָן איוואַנאָוויטש... כ'האָב געמיינט... אירינאַ. איך און זי...

סעמיאָן איוואַנאָוויטש האָט באַפרייט זיין פּלייצע, אָפּ־שטופּנדיק מיט זיינע קאַלטע פינגער אַנדרעיס האַנט, און דע־נערווירט־מיד געענטפערט:

— איר האָט מיר שוין געזאָגט, חבר אַנדרעי. כ'האָב געהערט. דאָס איז נישט נאָרמאַל. סיי איר, סיי אירינאַ זענט איר פאַרשטאַנדיקע מענטשן. די סענטימענטאַלע ראָמאַנטיק איז לחלוטין איבעריק. דער ברודער איז אוועקגעפאָרן?

אויף דער טעראַסע צווישן די זיילן האָט גערוישט דער ווינט, בליצן האָבן כסדר געפּאַסעוועט דעם הימל, אָבער די דונערן האָבן שוין געקראַכט אין אַ זייט, — דער שטורעם איז

פאַרבײַגעגאַנגען. דער חושך איז געווען געדיכט, שוואַרץ און פּייכט. אַ בליץ האָט אויפגעריסן דעם חושך און באַלויכטן דאָנאַטן. ער איז נאָך אַלץ געזעסן אין דערזעלבער פּאָזע, אין וועלכער סעמיאָן איוואַנאָוויטש האָט אים איבערגעלאָזן, גלײַך מיט אַ האַנט אויפן טיש און פאַרלייגנדיק אַ פוס איבער אַ פוס.

— אַנטשולדיקט, — כ'האָב זיך פאַרזאַמט, — האָט סעמיאָן איוואַנאָוויטש געזאָגט.

— נו, זייט געזונט. שוין צײַט! — דאָנאַט האָט זיך אויפגעהויבן.

— וווּ וועט איר גיין אין שטורעם? — בלײַבט נעכטיקן.

— נישט דאָס ערשטע מאָל. מאָרגן דאַרף מען אויפשטיין מיטן מאָרגנשטערן. אַקערן, כ'פּאָר מיט די פעלדער. —

אינגיכן איז דאָנאַט אַרויסגעפאָרן פון גוט. דער רעגן האָט אויפגעהערט, די בליצן האָבן אין דער זייט הילפלאָז געפינטלט, ס'איז געווען אַ שטורמישע נאַכט. היינטערן גוט האָט דאָנאַט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, צוגעלייגט די דלאָניע צו די אויגן, אײַנגעאַנצן אין ווייסן, רייטנדיק אויף אַ שוואַרצן פערד. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין די פאַספּאַרישע אָפּגלאַנצן. אונטערוואַרטנדיק אַ ווײַלע האָט ער אַרײַנגעלייגט צוויי פינגער אין מויל אַרײַן, און קורץ אַ פייף־געטאָן. זיך צוגעהערט. קיינער האָט נישט געענטפערט. דאַן האָט דאָנאַט פאַרקערעוועט פון וועג און אין שנעלן פוסטריט געפאָרן איבערן פוסטן פעלד.

שפּעט בײַנאַכט, ווען דער שטורעם איז שוין שטיל געוואָרן, זענען באַאודעק מיט נאַטאַליאַן געקומען צו די אויסגראָבונגען. בײַ די צעלטן האָט מען געפונען אַ שייטערהויפן, זיך געטריקנט, געוואַרעמט וואַסער. דער שייטערהויפן האָט העל געברענט, אונטערגעקנאַקט, צעוואַרפנדיק פונקען, און ס'קען זײַן, אַז צוליב אים האָט זיך די נאַכט אויסגעדוכט געשטיקטער, שוואַרצער און בולטער. אַנדערע זענען בײַם פייער געלעגן, אַנדערע — געזעסן, טריקענענדיק די העמדער.

— און דער טוי איז אין יענער נאַכט האָניק־זיס און

דפּװאָהדיק, און די גרקיי האָט אַ באַזונדערע הייל־קראַפט. און עס בליט אין דער דאָזיקער נאַכט, ליבינקע, דער פּאַפּערעט. און גייִן אין דאָזיקן װאַלד מוז מען פּאַרזיכטיק, ליבינקע, װײַל אין יענער נאַכט גייען איבער די בוימער פון אָרט צו אָרט... װי ?..

מ׳איז אַנטשוויגן געוואָרן.

עמיצער איז אויפגעשטאַנען אַ קוק טאָן צום קעסעלע, אַ קרומער שאָטן האָט גענומען קריכן איבערן באַרג, אַראָפּ־געפאַלן הינטערן שפּוע. אַ צווייטער האָט גענומען אַ קויל און, איבערוואַרפנדיק אים פון האַנט צו האַנט, פאַררויכערט. אַ מי־נוט איז געווען זייער שטיל און אין דער שטילקייט האָבן זיך בולט געלאָזט הערן די גרילן. הינטערן שייטערהויפן אין סטעפּ האָט זיך דורכגעשניטן אַ בליץ, זיין טויט ליכט איז געבוירן געוואָרן און פאַרשוווּנדן געשפּענסטערדיק, — און דער בליץ האָט זיך דורכגעשניטן נישט דאָרט, ווּהין דער שטורעם איז אַוועק, נאָר פון דרום, ווי ס׳שיינט, האָט זיך אַ צווייטער שטו־רעם אָנגערוקט. גנבהש האָט גענומען בלאָזן אַ ווינטל, געזנו־מען בלאָזן מיט פייכטקייט, — און ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז ס׳דערנענטערט זיך אַ שטורעם.

נאַטאַליאַ און באַודעק זענען צום שייטערהויפן נישט צו, זיך געזעצט אויף טאַטשקעס.

— און געקומען בין איך צו אייך, ליבינקע, — נישט רעכט האָט איר געטאָן צו גראָבן דידאָזיקע ערטער. ווייל דער אָרט דערדאָזיקער, אַוועק, איז אַ געהיימער, און תּמיד שמעקט ער מיט ווערמוט. ביי סטעפּאַן טימאָפעעוויטשן איז דאָ גע־שטאַנען אויפן סאַמע שפּיץ בערגל אַ טורעם, און אין יענעם טורעם איז פאַרשפּאַרט געווען אַ פּערסישע בת־מלכּה, פון אומ־דערהערטער שיינקייט, פלעגט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סראָקע— איבערן סטעפּ אַרומפליען, דאָס פאַלק אויפהעצן, ווי אַ וואָלף בייז ווערן און כּשוף אָפּטאָן. דאָס איז אַ מעשה שוין פון קדמונים. האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם דער אַטאַמאַן סטעפּאַן טימאָפעעוויטש, צוגעקומען צום טורעם, אַרייַנגעקוקט אין פענ־

סטערל, — זי ליגט די בת-מלכה, שלאָפט, — ער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דאָס ליגט איר גוף, און די נשמה איז נישטאָ ביי איר, — געפלויגן איז זי, די נשמה אירע, אין יענער שעה, ווי אַ סראָקע איבער דער ערד. האָט דער אַטאַמאַן גערופן אַ פּאָפּ, באַצלמט די פענסטער מיט הייליק לעבעדיק וואַסער... נו, פליט אַרום פון יענער צייט איבערן אַוועק אַ נישט-געלייטערטע נשמה, וויינט, קען זיך נישט פאַראייניקן מיט איר גוף, שלאָגט זיך אָן די שטיינערנע ווענט. דער טורעם יענער איז איינגעפאַלן. סטעפּאַן טימאָפעעוויטש איז אויף קאַפּקאַז-באַרג צוגעשמידט, און זי מאַטערט זיך אַלץ — וויינט... אָן אָרט איז דאָס אַ וויסטס, אַ געהיימס... די מוידן שפּרינגען אַרום אַמאָל נאָך דער שיינקייט דער פּערסישער באַקעטערהייד, ביינאַכט, אין דער זון-אומקער, אין דער דאָזיקער צייט, אָבער דאָס איז שוין נישט באַקאַנט... און אַזוי וואַקסט דאָ דער ווערמוט און ער וועט וואַקסן.

עמיך האָט דערווידערט:

— אָבער, פאָטערל, איצט איז סטעפּאַן טימאָפעעוויטש דער אַטאַמאַן — ראַזין פון יענעם באַרג אַראָפּ, הייסט עס, אַז מ׳קען גראָבן. איצט איז לעוואָרוציע, אַ פאָלקס-בונט.

— אַראָפּ איז ער אַראָפּגעגאַנגען, זון מיינער, — האָט דער ערשטער געזאָגט, — אָבער צו אונזערע מקומות איז ער נאָך נישט דערגאַנגען. וואַרט-צו, זון מיינער, — וואַרט-צו !... אַלץ וועט זיין. און די לעוואָרוציע, — דאָס האָסטו רעכט, — איז אונזערע, אַ בונט. ס׳איז נאָך די צייט נישט געקומען. דאָס פאָלק וועט ווייזן זיין פּרצוף, שוין באַווייזן, — אַ בונט. מיר שווייגן, און אַז מיר שווייגן, ווייסן מיר, אַז מיר שווייגן. אַ פייער אַ רויטער, בלוט רויטס, — ווו פייער, דאָרט בלוט. שווייגנדיק וועלן מיר, שווייגנדיק וועלן מיר !..

— מ—יאָ...

איינער פון די ערדגראָבער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום צעלט, באַמערקט באַוודעקן און טרוקן געזאָגט:

— אויך דו, פלאַריטש, הערסט צו ! — די פּויערשע

שמועסן אונזערע איז נישט פאַר דיר צוצוהערן. מאַלע וואָס מיר רעדן.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. אַנדערע האָבן גלייכגילטיק פאַרענדערט די פּאָזעס, פאַררויכערט.

— די צייט איז איצט אַ מזל-ברכהדיקע. זייט געזונט, ליבינקע. נעמט נישט פאַר אומגוט, אויב וואָס. זיי געזונט, „באַרין". — פון דער ערד האָט זיך אויפגעהויבן אַ זקן מיט אַ ווייסער באָרד, אין ווייסע הויזן, אַ באָרוועסער, נישט גע-איילט געגומען שפּאַנען צו דער אויסגעטריקנטער טייך-קאַריטע. דאָס איז געווען דער איין-אויגיקער „זנאכער" יעגאָרקאַ.

די בליצן האָבן זיך געמיניעט נענטער, אָפטער, בולטער. די נאַכט האָט געהושכט עקשנותדיק, טיף. די שטערן זענען ווידער טונקל געוואָרן. פונדערווייטנס, פונם אין-סוף האָט זיך דערקייקלט אַ דונער פון אַ נייעם שטורעם.

נאַטאַליאַ איז געזעסן אויף דער טאַטשקע. מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אין דעק, מיט אַן אַראָפּגעבויגטער קאָפּ, דער שיי-טערהויפן האָט זי שוואַך באַלויכטן, — זי האָט געשפּירט, זי האָט ווי אָנגעטאַפּט מיט יעדן פונקט פון איר קערפּער אַ גרוי-סע פרייד, אַ פריידיקן פיין, אַ זיסן ווייטאָק, זי האָט פאַר-שטאַנען, אַז די ביטערע ביטערקייט פון ווערמוט — איז אַ פּרעכטיקע זיסקייט, אַן אויסערגעוויינלעכע, אָן-סופיקע פרייד. באַוודעקס יעדע באַרירונג, נאָך נישט קיין גלייכמעסיקע, האָט אָפּגעבריט ווי מיט לעבעדיק וואַסער.

דידאָזיקע נאַכט האָט מען נישט געקענט שלאָפן.

דער שטורעם איז געקומען מיט אַ פלייץ-רעגן, מיט דו-נערן און בליצן. דערדאָזיקער שטורעם האָט פאַרכאַפּט נאַ-טאַליען מיט באַוודעקן חינטערן בערגל, הינטער די חורבות פון טורעם פון דער פּערסישער בת-מלכה, נאַטאַליע האָט גע-טרונקען יענעם ביטערן מכשפה-טרויער, וועלכן די פּערסישע בת-מלכה האָט איבערגעלאָזן אויפן אוועק.

און ווען דאָנאַט איז צוגעפאָרן צו די דערפלעך, פּאָרנדיק אַ וויאָרסט פון גוט, האָט ער הינטער זיך אין פעלד דערהערט אַ ליד:

— דו שיין, דו שיין, ליכטיקע לבנה-שיין,
דו דערוואָרעם אונז, שיינע זון!

דאָנאַט האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד. אויף דער צווייטער שטורעם איז שוין פאָריבער, העט-ווייט האָבן געפּאַסעוועט דעם הימל מאַכטלאָזע בליצן. אין סטעפּ איז געווען פינסטער און שטיל. אינגיכן האָט זיך געלאָזט הערן אַ פערדישער געלאָף. די פויערשע הויפן זענען נאָנט געווען, זיך צעוואָרפן אין דער טיף. אויב דו וועסט אַפילו בייטאָג צופאָרן צו זיי אויף אַ וויאָרסט, — וועסטו גאָרנישט באַמערקן — דער סטעפּ איז אָרום און אַרום אַ פּוסטער, אַ הוילער. דאָנאַט האָט אַרייַנגעלייגט די פינגער אין מויל און אַ פייף געטאָן, און מ׳האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ פייף. אַ רייטער איז צוגעפאָרן אויף אַ גראָען סטעפּ-פערד, אויך איינגעפּאַקט אין ווייסן.

— מאַרק?

— איר, פאָטערל?

— כ׳בין געווען אין גוט, זון, — האָט געזאָגט דאָנאַט. — כ׳האָב געהערט דיין פייף. איז דאָס דיינער?

— מיינער, פאָטערל.

— דאָס מיידל אַרינאַ אַרויסגערופן?

— זי, פאָטערל.

— פאַר אַ ווייב וועסטו נעמען?

— כ׳וועל נעמען.

— דו וועסט דאַרפן לעבן מיט איר, געדענק. די פערד אין גוט זענען גוטע. פונוואַנעט קומסטו?

— פון סטעפּ, נאָך שפּייז, — די ווייבער איז ווייט צו גיין... נו, וואָס! ווייבער זענען ביי אונז געזונטע, און פרייע. פרייהייט איז נישט קיין חטא! איך בין אַ מאַן — כ׳וועל אויסלערנען... די פערד אין גוט זענען גוטע!

דאָנאַט מיט מאַרקן זענען צוגעפאָרן צום שפּיץ און איינ-

ציקודייז זיך געגומען אַראָפּלאָזן אין דער נידער, צו דער גע־
דיכטעניש פון קאַלינע און דעמב; אין טאָל, נאָכן רעגן, איז
געווען פייכט און שטיל, ס'האָט זומפּיק געשמעקט מיטן האָ־
ביק־טוי. די קאָפּיטעס פון די פערד האָבן זיך געגליטשט, פון
די צווייגן זענען געפאַלן קאַלטע טראָפּנס. זיי האָבן זיך אַראָפּ־
געלאָזן אויפן דעק, זיך אַריבערגעקליבן איבערן טייכל און
פּוסטריט געגומען פאָרן אַרויף־צו. דאָנאַטס הויז איז אַרויסגע־
קראָכן פון חושך תיכּף, סיי די כאַטע, סיי דער הויף אונטער
איין דאַך. אויפן הויף און אין שטוב איז געווען פּוסט — סיי
די מענטשן, סיי דאָס פי זענען אַוועק אין סטעפּ אַריין, צו
דער שניט־ פּראַצע. מאַרק האָט אָפּגעפירט די פערד אין שטאַל,
צוגעשאָטן האָבער. דאָנאַט האָט אַראָפּגענומען אויפן בריקל
זיינע אונטערגעשמידטע שטיוול, געקרעכצט, זיך אַרומגעוואַשן
פון ליימענעם האַנטפאַס.

— מאָרגן, מיטן באַגינען, וועל איך אין פעלד אַרויס־
פאָרן, אַקערן, אָפּרוען. שיט צו מער האָבער — האָט געזאָגט
דאָנאַט.

— און איך בין צו דיר, ברודער דאָנאַט, — האָט גע־
זאָגט אַ דריטער, אַרויסקומענדיק פון שטוב, — אַריין איבער־
וואַרטן, און איינגעדרימלט אין שטורעם.

דאָנאַט האָט זיך דריי מאָל צעקושט מיטן באַגעגנטן.
אַלע דריי זענען אַריין אין שטוב. אין שטוב, אין דער וואַרעם
האָט געשמעקט מיט שאַלפיי, ווערמוט, און אַנדערע גראָזן. מ'האָט
אויפגעבלאָזן פייער, דער חושך האָט גענומען לויפן פון אונטערן
באַנק. די שטוב איז געווען אַ גרויסע, פון עטלעכע חדרים,
מיט אַ גאַסט־צימער, אַ באַלעבאַטישע, אַ צוגערוימטע, אַ ריינע,
אין ריינעם חדר זענען אויף די ווענט געהאָנגען זאָטלען,
כאָמוטס. קיין הייליקע בילדער זענען אויף די ווענט נישט
געווען. מ'האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, דאָנאַט האָט אַרויס־
גענומען פון אויוון קאַשע מיט שעפּסן־פלייש.

— פון סטעפּ, פון אויסקוקן זיך אומגעקערט. ווייט פאָר־
פאָרן, — האָט גענומען רעדן דער דריטער, נישט רואיק

אין סטעפּ. די טאַטערן פון קריוואָי אוגלאָן האָבּן געשמועסט, אַז מ׳גייט אום איבּערן סטעפּ, מ׳רעדט פאַרן צאַר, מ׳רופט צו־נויף מענטשן צו מלחמה. כ׳בּין אַרומגעפאָרן, זיך צעגויפגע־רעדט, זעען זיי וואָס—גנבענען זיי צו. בּיי די ווייטע בּרידער געוועז. אַלע צאַרישע פאַפּירן פאַרבּרענט — אָפּגעווישט די שפּורן. פּויערים — און גאָר.

— יונגען פאַר דער מלחמה ווען מיר נישט געבּן, — האָט געזאָגט דאָנאַט, — ווי עפּעס — אין סטעפּ אַריין, צו דעם זון־אומקער אַ וויאָרסט זיבּעציק אָפּפאָרן, — זענען טאָלן, אין די טאָלן — היילן. ווייסט?

— כ׳ווייס.

— דאָרט אַהין... אין גוט — שרייבּט מען אין די צייטונגען — נאָך דער אייזנבּאַן אונזערער האָט זיך געענדיקט די מלחמה. דער סטעפּ איז אַ פרייער. און אויך קיין סוף האָט ער נישט.

מאַרק איז אַרויס אויפן בּריקל. די וואָלקנס זענען זיך צע־גאַנגען. פון הינטער זיי האָט געשיינט אַ קיילעכדיקע גרינ־לעכע לבנה. מאַרק האָט זיך שטאַרק אויסגעצויגן און זיס אַ גענעץ געטאָן, געגאַנגען שלאָפן אויפן היי.

מיטן באַגינען זענען דאָנאַט מיט מאַרקן געפלויגן אי־בּערן סטעפּ, איבּערלאָזנדיק אויפן טיש בּרויט, קוואַס און קאַשע פאַר דורכפאָרער (די שטוב איז קיינמאָל נישט געוועז פאַרשלאָסן). אָנגעלאָדענע מיט שפּייז פאַר די בּרידער, שוועסטער און ווייבּער, וועלכע האָבּן געאַרבּעט אין סטעפּ, לעבּנדיק דאָרט אונ־טער וואָגנס, אונטער הימל און היץ, אין דער זומערדיקער שניט־פּראַצע, אויף דער ערד. אין מזרח האָט געפלאַקערט אַ ברייטער רויִקער באַגינען, און ס׳האָט בּיטער געשמעקט מיט ווערמוט.

מיט אירינאַס אויגן.

דאָס איז אירינאַס אַ קליינע דיכטונג. מיט אירע אויגן איר טאָג־בּוך.

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON
אידישער קולטור פאַראיין סאַסקאַטון

דער ערשטער פראַגמענט.

„וועגן סטעפּ און איר שטיקעניש, וועגן אומגעלומפּערטן פּריצישן לעבן, וועגן דער פּריציש־שכורער הפקרות, וועגן יאַכט־הינט, קעפּס־ווייבער, טרערן, — רעדט צו מיר נישט דער סטעפּ, מיט זיין היץ און וויסטעניש, נישט דערדאָזיקער אַל־טער פּריצישער הויף, ווו מיר האָבן זיך באַזעצט, — די קיך, וואָס אין האַלב־קעלער, רעדט צו מיר וועגן טרויעריקעס, צע־הוליעטעס, אומגעלומפּערטעס, וועגן סטעפּ־לעבן און וועגן סטעפּ. אין קיך זענען שטיינערנע, ציגלנע פּאָדלאָגעס, אַ גרוי־סע פּליטע און אַ גרויסער אויוון, געוועלבטע פּולאַפּן און די ווענט זענען אַרומגעשמירט מיט ליים, און אין די ווענט זע־נען עפּעס אַריינגעשרויפט ריזיקע פאַרזשאַווערטע רינגען. אין קיך זשומען פליגן, ס'איז האַלב־טונקל, אַ היץ און ס'שמעקט מיט ראָשטשינע... און אין גאַסטצימער, ווו די פענסטער האָט אַרומגעוויקלט דער האָפּן, הערשט אַ גרינער חושך, קילקייט, און אין דאָזיקן קילן גרינעם חושך שימערירן פּאָרטרעטן און באַגילטע זיידענע פאָטעלן. כ'בין אַריין אין הויז דורך דער קיך.

וויפל טעג שיינע און פריידיקע שטייען מיר נאָך פאָר?

איך ווייס, אַרום זענען וועלדער און סטעפּ. איך ווייס,— סעמיאָן איוואַנאָוויטש, אַנדרעי (מיין חתן !), קיריל, אַלע גלויבן, גלויבן ערלעך און אָנפּניותדיק. איך ווייס, — אונזערע סעק־טאַנטן, וועלכע גייען אָנגעטאָן אינגאַנצן אין ווייסן און רופן זיך אָן — קריסטן, — איז נישט נאָר זיי גלויבן, נאָך אויך זיי לעבן אויף זייערע פאָלוואַרקן מיטן דאָזיקן גלויבן. סע־מיאָן איוואַנאָוויטש, שוין אַ מידער, רעדט וועגן גוטס טרוקן און בייז, פּונקט אַזוי ווי עס זענען טרוקן זיינע פינגער. כ'ווייס, — מענטשן לעבן, כדי צו קעמפן און באַקומען אַ ביסן ברויט, — כדי צו קעמפן פאַר אַ פרוי.

אינדערפרי וואַלגער איך זיך אַרום הינטערן הויף אויפן בערגל, הינטערן אַלטן העשע־בוים, איך קוק נאָך די גענז און

קלייב איבער די בלויע בלומען, די, וואָס קענען אַ שלאַנגען-ביס. אינמיטן טאָג באָד איך זיך אין סאַזשעלקע, אונטער דער הייסער זון, איך קער זיך אום מיט די גערטנער און רייס מאָן-בלומען, ווייסע מיט פיאָלעטע שפּרינקעלעך אויפן דעק און רויטע מיט שוואַרצע שטויב-פעדימלעך. ביים בינשטאָק וואַרט מיך געוויינלעך אָפּ אַנדרעי, איך באַמערק נישט, ווי ער דער-נענטערט זיך. ער זאָגט: — „טיילט זיך מיט מיר מיט די מאָן בלומען, חברטע אירינאַ, — כ'בעט אייך!" געוויינלעך ענטפער איך אַזוי:

— „מאַנסבילן בעטן דען?" — מאַנסבילן נעמען! נע-מען פריי און פאַרשייט, ווי גזלנים און אַנאַרכיסטן. איר זענט דאָך אַן אַנאַרכיסט, חבר אַנדרעי. אין לעבן זענען דאָך דאָ קיניגן, — די, ביי וועמען די מוסקולן זענען שטאַרק, ווי שטיין, דער ווילן איז עלאַסטיש, ווי שטאָל, דער שכל איז פריי, ווי אַ שד, און ווער עס איז שיין, ווי אַפּאָלאָן, אָדער אַ שד. מ'דאַרף קענען דערשטיקן אַ מענטשן און שלאָגן אַ פרוי. שוין-זשע גלויבט איר נאָך אַלץ אין עפּעס אַ הומאַניזם און גערעכטיקייט? — כאַפּט דאָס אַלץ דער טייוול! לאָזן אויס-שטאַרבן אַלע, ווער עס קען נישט קעמפן! עס וועלן איבער-בלייבן בלויז די שטאַרקע און פרייע אַליין"!

— „דאָס האָט דאַרווין געזאָגט", רעדט שטיל אַנדרעי.

— „צום טייוול! דאָס האָב איך געזאָגט!"

אַנדרעי קוקט אויף מיר מיט אַנטציקונג און נידערגע-שלאָגן, אָבער זיין בליק רעגט מיך נישט אויף, — ער קען נישט קוקן, ווי מאַרק, — ער וועט קיינמאָל נישט באַגרייפן, אַז איך בין שיין און פריי, און אַז מיר איז ענג פון פריי-הייט. און אין דידאָזיקע רגעס דערמאָן איך זיך די קיך, מיט איר היץ, מיט די אייזערנע שרעקלעכע ריינגען, מיט דעם שטיי-נערנעם דיל און די געוועלבטע פּולאַפּן. די גזלנים האָבן גע-קענט פאַרכאַפּן דאָס רעכט אויף לעבן, — און זיי האָבן גע-לעבט, בענטש איך זיי. צום טייוול מיט דער אַנעמיע. זיי האָבן געקענט טרינקען פרייד, נישט קלערנדיק וועגן פרעמדע טרערן,

ביי האָבן געשיכורט חדשים-לאַנג, קענענדיק שיכור-ווערן סיי פון ווײַן, סיי פון פּרוּיען, סיי פון יאַכט-הינט. זאָל זײַן — אַז גזלנים!

פון גאָרטן אין שטוב אַרײַן מוז מען גיין דורך דער קיך. אין קיך, אין היץ, זשומען פליגן, ווי אַ ווירבלשטורעם, און איבערן טיש גייען אַרום קורטשאַקעס. און אין גאַסט-צימער, ווו די פענסטער זענען אַרומגעפּלאָכטן מיט האָפּן און דאָס ליכט איז גרין, איז פּונקט אַזוי קיל און שטיל, ווי אויפן דעק פון אַ אַלטער, פאַרשאָטנטער סאַזשעלקע.

כ׳ווייס, — ס׳וועט קומען דער אָוונט. אינאָוונט אין מײַן צימער גיס איך זיך אָפּ מיט וואַסער און כ׳פּלעכט איבער די צעפּ. אין די פענסטער גיסט זיך לבנה-שײַן, איך האָב אַ שמאָלע, ווײַסע בעט, און די ווענט פון מײַן צימער זענען ווײַס — ביי לבנה-שײַן זעט אַלץ אויס גרינלעך. דער קערפּער׳ האָט זײַן אייגן לעבן: איך ליג און ס׳הויבט אָן זיך דוכטן, אַז מײַן קערפּער ציט זיך אומענדלעך אויס, אַ שמאָלער, און די פינגער — ווי שלאַנגען. אָדער פאַרקערט: דער קערפּער ווערט אײַנגעפּלאַטשיקט, דער קאָפּ זינקט אין די אַקסלען, און אַמאָל זעט דער קערפּער אויס ריזיק, אַלץ וואַקסט אויסערגעוויינלעך, איך בין אַ ריז. און האָב נישט קיין מעגלעכקייט אַ ריר טאָן מיט דער האַנט, — אַ קילאָמעטער די גרויס, אָדער איך קום זיך פאָר ווי אַ קליין קניילכעלע, אַ לייכטס, ווי פּוך. נישטאָ קיין געדאַנקען, — אין קערפּער דרינגט אַרײַן אַ מאַטקייט, פּונקט ווי דער גאַנצער קערפּער איז פאַרשטאַרט, פּונקט ווי עמיץ גלעט מיט אַ ווייך פּענזעלעקל, און ס׳דוכט זיך, אַז אַלע זאַכן זענען באַדעקט מיט אַ ווייכן זאַמש: אי דאָס בעט, אי דער ליילעך, אי די ווענט — אַלץ איז באַצויגן מיט זאַמש.

דעמאָלט טראַכט איך. כ׳ווייס, — די איצטיקע טעג ברענגען, ווי נאָך קיינמאָל נישט, בלויז איינס: אַ קאַמף פאַרן לעבן, נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט, דעריבער איז אַזוי פיל טויט. צום טייוול מיט די מעשהלעך וועגן עפּעס אַ הוי-

מאַניזם. עס נעמט מיך נישט דורך קיין קעלט, ווען כ׳קלער וועגן דעם: לאָזן איבערבלייבן די שטאַרקע אַליין. און תמיד וועט פאַרבלייבן אויף אַ שיינעם פּיעדעסטאַל די פרוי, תמיד וועט זיין דאָס ריטערלעכע. צום טייוול מיטן הומאַניזם און מיט דער עטיק, — איך וויל אויסטרינקען אַלץ, וואָס עס האָבן מיר געגעבן אי די פרייהייט, אי דער שכל, אי דער אינסטינקט, — אי דער אינסטינקט, — ווייל די היינטיקע טעג — צי דען זע־נען זיי נישט קיין קאַמף פון אינסטינקט?

איך באַקוק זיך אין שפּיגל, — עס קוקט אויף מיר אַ פרוי מיט אויגן שוואַרצע, ווי ב ו נ ט, מיט ליפּן, וואָס דורשטן נאָך אַ טרונק, און מיינע נאָזלעכער קומען מיר פאַר שפּיר־באַר, ווי זעגלען. אין פענסטער גיסט זיך לבנה־שיין: מיין קערפּער איז גרינלעך. עס קוקט אויף מיר אַ הויכע, שלאַנקע, שטאַרקע, נאַקעטע פרוי.

צווייטער פראַגמענט

„...די אַלטע האָט מיר געגעבן העמדער פון סוואַיסקן גראָען לייוונט, וועלכער איז האַרט פאַרן קערפּער, אַ סאַראַ־פאַן, אַ פאַנעוואַ *), אַ פיגאַרקע פון בלויען טוך, אַ ווייס טי־כעלע, אונטערגעשמידטע שטיוועלעך מיט פאַלדן און האַלב־שטיוועלעך, אונטערגערוקט אַ שפּיגעלע. אין כאַטע האָבן זיך צענויפגעקליבן די ברידער, זיך צענויפגעפאָרן פון די פאָל־וואַרקן. מאַרק האָט מיך אַרויסגעפירט פאַר דער האַנט. די מאַנסבילן זענען געזעסן רעכטס, די פרויען — לינקס. צוערשט האָב איך זיך געקושט מיט אַלע פרויען, דערנאָך מיט די מאַנסבילן. און איך בין געוואָרן מאַרקס פרוי.

— קום אַהער, טאָכטערשע אַרינושקא, — האָט געזאָגט דער אַלטער דאָנאַט, מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אוועקגע־זעצט נעבן זיך, אַ גלעט געטאָן, און גערעדט, אַז אַלע, וועל־

---

*) אזא פרויען־קלייד. — (איב.

בע האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט זענען ברידער און שוועסטער, מיין גייע פאַמיליע איז איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איי־נעם, פון שטוב ווערט גאָרנישט אַרויסגעטראָגן, קומט ווער אין שטוב — גיב עסן און טרינקען, גיב אָפּ כבוד, גיב אַלץ אַוועק, טייל זיך מיט אַלץ, אַלץ איז אונזערס. אַלע מאַנסבילן זענען געווען געזונט און ברייטפּלייציק, ווי מאַרק, און די פרויען — שיין, געזונט און ציכטיק, — אַלע אין ווייסן.

מאַרק! כ׳געדענק יענע נאַכט, ווען ער איז געקומען מיט צוויי פערד און מיר האָבן געיאָגט דורך דעם סטעפּ, פון דער קאָמונע, כדי צו בלייבן איינע אַליין אין דער פינסטע־רער הויז, אין דער ווייבערשער שטוב, אין חושך, איינגעטעמען דעם שאַלפיי און טראַכטן וועגן דעם, אַז כ׳האָב שוין ביים לעבן לעבן און נישטאָ שוין קיין פרייהייט. מאַרק איז אַוועק־געריטן אין סטעפּ אַריין. און מיטן פרימאָרגן בין איך אויך אַוועק נאָך אים. איצט קען איך שוין די זומערדיקע פּראַצע אונזערע, די פויערשע. מיינע הענט האָבן זיך באַדעקט מיט אַ מאָזאָליעס־שיכט, מיין פּנים איז אָפּגעברענט, שוואַרץ פון זון, ווי ביי פויערטעס. און אָוונטצייט, נאָך דער פּראַצע, באָדנדיק זיך אין אַ נאָמענלאָזן סטעפּ־טייכל, שוין אַ קאַלטן, זינג איך צוזאַמען מיט די ווונדערבאַר־געזונטע, רויִקע און שיינע שוועסטערס, אויפן „באַבסקן" שטייגער:

די שיין, די שיין ליכטיקע לבנה־שיין!
די דערוואַרים אונז — אַ — עך! — שיינע זון!

די נעכט זענען שוין האַרבסטיק אויסגעשטערנט, און בייטאָג איז איבער דעם סטעפּ צעגאָסן בלויער ווייַן. אין פאָל־וואַרק גרייט מען זיך צום ווינטער, אין די תּבואה־קאַמערס שיט מען אַריין דעם גאָלדענעם ווייץ, די טשערעדעס זענען געקומען פון סטעפּ און די מענער פירן אַראָפּ דעם היי.

מאַרק רעדט מיט מיר ווייניק. ער קומט אומגעריכטער־הייט, ביינאַכט, קושט מיך אָן ווערטער, און זיינע הענט זענען אייזערנע. מאַרק האָט קיין צייט נישט צו רעדן מיט מיר, ער

איז מיין האַר, אָבער אויך אַ ברודער איז ער, אַ באַשיצער, אַ חבר. די אַלטע גיט מיר יעדן אינדערפרי אַן אַרבעט און, לויבנדיק-לערנענדיק, גלעט זי מיך איבערן קאָפּ. איך האָב קיין צייט נישט צו טראַכטן. ווי זיס עס שמעקט דער שווייס — זאָל זיין אַ געזאַלצענער! כ'האָב זיך אויסגעלערנט אַרומבינדן ווי עס בינדן זיך אַרום אַלע".

דריטער פראַגמענט

ביינאַכט איז געקומען מאַרק.

— שטיי אויף, מיר וועלן פאָרן, האָט ער מיר געזאָגט.

אויפן הויף זענען געשטאַנען פערד, עס איז געווען דאָ-נאָט און נאָך אַ דריטער. מיר זענען אַרויסגעפאָרן אין סטעפּ אַריין. כ'בין געריטן אויף אַ סטעפּ-פערד, די נאַכט איז גע-ווען פינסטער און טויב, עס האָט געטריפט אַ קליין רעגנדל. פאָראויס איז געפאָרן דאָנאָט.

— וווהין פאָרן מיר? — האָב איך געפרעגט מאַרקן.

— האָב צייט. וועסט זיך דערוויסן.

אינגיכן זענען מיר אַרויסגעפאָרן צום הויף, אַרומגעפאָרן דעם אויסגעטריקנטן טייכל און געבליבן שטיין הינטערן פערד-הויף. אַלע האָבן אַראָפּגעשטיגן פון די פערד, מיר האָט מען געזאָגט, איך זאָל אַראָפּקריכן. די צוימען האָט צענויפגענומען דער דריטער, מיר זענען צו האַרט צום גראָבן. דאָנאָט האָט גענומען רעכטס, מיר זענען אַוועק צו דער שטוב.

— וווהין גייען מיר, מאַרק? — האָב איך געפרעגט.

— שטילער. פערד, — האָט געזאָגט מאַרק — שטיי דאָ, אויב וועסט דערזען מענטשן, — גיב אַ פייף, גיי צו די פערד. אויב וועסט דערהערן אַ טומל — גיי צו די פערד, טרייב אין פעלד. איך וועל קומען.

מאַרק איז אַוועק. איך בין געבליבן שטיין היטן, צי דען האָב איך געקענט נישט פאָלגן מאַרקן? איך האָב נישט

קיין היימלאַנד, אַחוץ דידאָזיקע סטעפּ-פּאָלוואַרקן. איך האָב קיינעם נישט, אַחוץ מאַרקן! ערגיץ-ווו אין שטוב זענען געשלאָפן סעמיאָן איוואַנאָוויטש און אַנדרעי. זאָלן זיי שלאָפן! די שטוב איז געשטאַנען שווער און פינסטער, אין חושך. ס'האָט געטריפט אַ רעגן, כ'האָב נישט געהאַט קיין פּחד, אָבער מיין האַרץ האָט געקלאַפּט מיט ליבע, — מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט. איך בין אַ קנעכט!

מאַרק איז צוגעקומען אומבאַמערקט, אומגעריכט, ווי תּמיד, געבומען פּאַר אַ האַנט און אַוועקגעפירט צום גראָבן. ביים גראָבן זענען געשטאַנען אונזערע פערד, מיינס און זיינס, סטעפּ-פערד, פייערדיקע און בייזע. מאַרק האָט מיר געהאָלפן זיך אַרויפזעצן, אַליין אַרויפגעשפּרונגען, אַ פייף געטאָן און, מיך אַ כאַפּ טוענדיק, אַריבערוואַרפנדיק אויף זיין זאָטל, צודריקנדיק צו דער ברוסט, איבערבויגנדיק זיין קאָפּ איבער מיך, אַ הוק-טוענדיק, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין סטעפּ אַריין, אין דער האַרבסטיק-סטעפּישער רחבות.

דער מזרח האָט זיך שוין געשמידט אין פייערדיקע פּאַנצערס, די זון האָט שוין אַרויסגעוואָרפן אירע שווערדן, ווען מיר זענען צוגעריטן צו די ווייטע פּאָלוואַרקן. ביים טיש זענען שוין פרידלעך געזעסן דאָנאַט, יענער דריטער איין-אויגיקער, „זנאַכאַר" יעגאָר, און צום טיש האָט אויפגעגעבן די זנאַכאַרקע אַרינאַ מיט אַ רויִקן און פרעכן שמייכעלע, ווי ביי אַ מכשפה.

אָ, וויפל טעג, שיינע און פריידיקע עס שטייען מיר נאָך פאָר!

דער אַרכעאָלאָג באַודעק האָט אַרויסגענומען אַ בויגעלע פּאַפּיר, וואָס איז איבערגעשריבן געוואָרן דורך דאָנאַטן, און דעמדאָזיקן בויגעלע האָט פּאָרזיכטיק אָפּגעשריבן גלעב אַרדינין.

אָט איז דער אינהאַלט פון דאָזיקן בויגעלע:

„דער צלם איז אַ זאַך פון גרינגשעצונג, אָבער נישט פון פאַרערונג, ווייל ער האָט, ווי אַן עשאַפאָט און אַ תליה, געדינט אַלס ווערקצייג פון קריסטוס׳ שענדונג און טויט. ס׳קען נישט פאַרערט ווערן אַ ווערקצייג, וואָס האָט געטויט דיין חבר. אַזוי דאַרף מען אויך באַטראַכטן די יידן, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט דעם צלם!

אין ספר „צעפטער״ איז אין נאָמען יעזוס אויס־געטייטשט די דרייאייניקייט און די צוויי וועלט־ווענונס. ס׳איז איינגעפירט אַ שבועה, וועלכע די אוראַלטע אפיקורסים האָבן נישט געהאַט אפילו!... אין אַ דרייעק שרייבט מען אויף לאַטיין: ג אָ ט!

זיי עסן נבלה און פאַרצוקטע בהמות. זיי שערן די האָר און גייען דייטש געקליידט. זיי זענען מתפלל מיט אפיקורסים, וואַשן זיך מיט זיי צוזאַמען אין בעדער און זענען זיך מתחתן מיט אפיקורסים. זיי האָבן אַפּ־טייקן און שפיטאַלן, דאָס תשמיש־המיטה באַטאַפּן זיי מיט די הענט און באַטראַכטן אפילו! פערד־געיעגן אָרדענען זיי איין! עסן און טרינקען מיט מוזיק, טענץ און האַנט־בלעסקעריי! די פרויען גייען אַרום מיט אָפּגעדעקטע קעפּ און דעקן נישט צו די אויבערשטע שענדלעכע קערפּער־טיילן. פרויען און מענער באַטראַכטן אַלס אַ חרפה זיך צו וואַשן צוזאַמען אין באָד און צו שלאָפן אין איין בעט. די מנישקעשע אומשולד שטייט אין סתירה צו דער הייליקער שריפט: דער אַפּאָסטאַל פּוילוס האָט געזאָגט, אַז אַנדערע וועלן אָפּטרעטן פון גלויבן, ווען מ׳וועט פאַר־באָטן חתונה האָבן און עסן.

פון יעדנס פרייען ווילן הענגט אָפּ ווען און ווי צו פאַסטן! מיר דינען צום איינציקן האַר גאָט אבאות און צו זיין זון, דעם גואל! נישט נאָר צו די מאַרטי־רער, נאָר אויך צו דער בתולה מאַריאַ דאַרף מען נישט דינען, ווייל דאָס איז עבודה־זרה, ווי דאָס פאַרערן אי־קאָנעס. און דאָס „יורידיווע״ לעבן פון די גאָטפאַרכ־

שיקע קריסטוסן צוליב איז גאָר גאָט נישט ניחא, הייל „יוראָדיווישקייט״ איז נישט שיין. און אזוי ווי בעת מיר זעען פייער שטעלן מיר זיך נישט פאָר אין אים די אייגנשאַפטן פון וואַסער, און נישט די אייגנשאַפטן פון פייער — אין וואַסער, — אַזוי קען מען זיך אויך נישט פאָרשטעלן אין ברייט און אין ווייַן די אייגנשאַפטן פון פלייש און בלוט. אויך דאָס חתונה האָבן איז נישט קיין מיסטעריע, נאָר ליבע. ביי דער פאַרזאַמלונג פון מענער און פרויען גיבן די עלטערן זייער ברכה דעם חתן מיט דער כלה לויטן מוסטער פון טוביהס חתונה.

איין-איינציקער ספר איז דאָ — דער ספר-הס-פרים — די ביבל און לעבן דאַרף מען לויטן ביבלישן שטייגער. גיב אָפּ כבוד דעם פאָטער דיינעם און דיין מוטער, האָב ליב דיין נאָענטן, רייד נישט קיין נבול-פה, אַרבעט, טראַכט וועגן האר-גאָט און וועגן זיין צלם, וועלכן דו טראָגסט אין זיך!

פון איין מנהג האַלטן מיר — דעם מנהג פון הייליקן קוש. און איין-איינציקע רעגירונג איז דאָ — אונזער גייסטיקער געוויסן און דער ברידערלעכער לעבנסשטייגער!״ —

קאפ. IV

וועמעז — טאַטאָרז, און וועמעז — ליאַטאָרז

(א דערקלערונג צום קאפיטל-נאָמען: אין מאָסקווע אויף מיאסניצקע-גאַס שטייט א מענטש און לייענט א שילד פון א געשעפט פון עלעקט-רישע זאכן, ווי ס'איז אָנגעשריבן, —

„קאָמוטאַטאָרי, אקאָמוליאַטאָרי". —קאָם—מו... טאַטאָרי, א... קקאָ—מו ליאַטאָרי... און ער זאָגט: — ביסט א מבין, אויך דא נאַרט מען אָפּ דעם פּשוטן עולם!...) 1)

די פּראָווינץ, פאַרשטייט איר מיר.

שטאָטישע טאַטאָרז.

דער אָנגעגליטער הימל האָט געגאָסן הייסע נעפּלען, דער הימל איז באַצויגן געווען מיט בלאָס און אין-סופיק טיפּס. ס'האָט געבליט דער טאָג, ס'האָט געבליט דער יולי. אַ גאַנצן

---

1) דער זין פון דאָזיקן קאפיטל-נאָמען לאָזט זיך נישט איבערזעצן. דער וויץ באַשטייט אין דעם: קאָמו הייסט אויף רוסיש וועמען, און א — הייסט אויף רוסיש און. דער פויער, א שוואַכער לייענער, האָט צעטיילט די ווערטער קאָמוטאַטארי און אקאָמולאַטארי, און געלייענט: קאָמו — טאַטאָרי, א קאָמו ליאַטאָרי. (דער איב.)

טאָג האָט זיך געדוכט, אַז די גאַסן, צערקוועס, הייזער, בריקן — זענען צעשמאָלצן אין דער לופט און ציטערן קוים-מערקבאַר אין דער צעשמאָלצענער גאָלדענער לופט. אויף דער וואָר איז געשלאָפן די שטאָט, די שטאָט אָרדינין פון שטיין. די טעג זענען פאַרגאַנגען אין בליען, געבליט, אָפּגעבליט, מיט אַ כסדרדיקער ריי, פלעגן איבערבליען אין אַ וואָך. ס'האָט געבליט יולי און די נעכט די יולישע האָבן זיך באַקליידט אין סאַמעט. יולי האָט איבערגעביטן די יולישע פּלאַטין-שטערן אויף זילבער, די לבנה האָט זיך אויפגעהויבן אַ פולע, קיילעכדיקע, פייכטע, איינהילנדיק די וועלט און די שטאָט אָרדינין מיט פייכטן סאַמעט און אַטלאַס. אין די נעכט האָבן געפּויזעט גראָע בעפלען. די טעג אָבער זענען עבלעך געווען אויף אַ דרייסיק-יאָריקע סאָלדאַטקע אין אַ סאַראַפאַן, אויף איינער פון די, וועלבע האָבן געלעבט אין די וועלדער הינטער אָרדינין, צום צפונדיקן הימל-האָריזאָנט: ס'איז זיס צו קושן דורך די נעכט אין שייער אַזאַ סאָלדאַטקע. אין די טעג האָט געמאַטערט די היץ.

איבאָוונט האָט אין קינעמאַטאָגראַף „ווענעציאַ" געשפּילט אַ בלאָז-אָרקעסטער. די לבנה איז אויפגעגאַנגען, די ערד האָט זיך געהילט אין סאַמעט, און די מענטשן זענען געגאַנגען זען, ווי עס „שפּילט" כאַלאָדניאַ, אין זעלבן טאָג האָט סערגיי סערגעעוויטש געשריבן אַ „דין-וחשבון", וווּ ער האָט מודיע געווען, אַז „פאַרן פאַרגאַנגענעם חודש זענען קיין אָפּעראַציעס נישט געמאַכט געוואָרן", און קיין „פּקדונות זענען נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן". אין פּאַווילי‌אָן זענען געזעסן קאָמוניסטן אין לעדערנע קורטקעס און מכבד געווען די פריילנס מיט טיי און לאַנדרין (פריילנס זענען תמיד געווען און וועלן זיין אינטערפּאָליטיש). אָבער גאָר באַלד האָט דער בלאָז-אָרקעסטער אַ דונער געטאָן דעם אינטערנאַציאָנאַל, די קאָמוניסטן האָבן זיך אויפגעשטעלט. און אַזוי ווי ס'איז אומעטיק געווען צו שטיין, זענען זיי אַראָפּ אויף די שטעגעלעך אין גאָרטן, צו די קליינבירגער, — אַלע האָבן גענומען שפּאַצירן אין קרייז.

— דער אינהאַלט פון דידאַקטישע קאַפּיטלען איז — דאָס קליינבירגערלעכע.

סערגיי סערגעעוויטש האָט באַגעגנט לאַיטיסן, חבר לאַיטיס איז אָנגעקומען אַנטקעגן. סערגיי סערגעעוויטש איז שטיין געבליבן און מיט אַ ברייטן שמייכל אַראָפּגענומען זיין שטרויענעם הוט, זיך באַגריסט. — חבר לאַיטיס האָט די באַגריסונג ניט באַמערקט. חבר לאַיטיס האָט אָנגעטראָפן אָלעקאַ קונץ, אָלענקאַ קונץ איז אָנגעקומען אַנטקעגן, חבר לאַיטיס האָט זיך פריינטלעך צעשמייכלט, צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק, אָלענקאַ קונץ האָט שטרענג געזאָגט:

— גוטן אָוונט.

און זיך אָפּגעקערט צו דער חברטע, געזאָגט עפּעס און פון עפּעס אַ לאַך-געטאָן. דער אָרקעסטער האָט געדונערט דעם אינטערנאַציאָנאַל, אויף די בוימער האָבן געברענט לאַמטערנס, פּאָרלעך זענען געגאַנגען נאָך פּאָרלעך. סערגיי סערגעעוויטש האָט זיך ווידער באַגעגנט מיטן חבר לאַיטיס, ווידער אויפגעהויבן זיין שטרויענעם הוט, חבר לאַיטיס האָט געענטפערט:

— גוטן אָוונט.

— אַ גוטן יאָר. נו. אַ וועטערל...

אָבער זיי זענען זיך צעגאַנגען.

חבר לאַיטיס האָט ווידער אָנגעטראָפן אלענקא קונץ, אלענקא קונץ האָט שטרענג אַ קוק געטאָן. פון אָלענקאַ קונצס מיידלשער טשערעדע האָט זיך איינע אָפּגעטיילט, — צוגעגאַנגען, איבערגעגעבן דעם חבר לאַיטיס אַ בלעטל פון בלאָק-נאָט. אָלענקאַ קונץ האָט געשריבן צום חבר לאַיטיס:

„כ'בין אויף אייך שטאַרק אָנגעשטויסן. היינט נאָך האַלבער נאַכט אין אונזער גאָרטן. קומט!

אָ. קו (און אַ שטעקעלע און אַ ווידעלע.)

די לאַמטערנדלעך זענען אויסגעלאָשן געוואָרן. אונטער דער שאָפּע אויפן עקראַן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַ רויט

הענדל. דער אָרקעסטער האָט אַ ברום געטאָן צום לעצטן מאָל און ס'האָט אַ דונער-געטאָן די פּיאַנע. חבר לאַיטיס איז נישט געגאַנגען צו די ערטער, חבר לאַיטיס האָט זיך צעשטרייט געשטעלט הינטער די שטולן. חבר לאַיטיס האָט צעשטרייט אַ קוק געטאָן אויף סערגיי סערגעעוויטשן, סערגיי סערגעעוויטש האָט אונטערגעהויבן דעם הוט און דערלאַנגט די האַנט.

זיך באַגריסט.

אונטערגעשוויגן.

— די פּראָווינץ, פאַרשטייט איר מיר. די איינציקע צע-שטרייאונג — קינעמאַטאָגראַף...

אונטערגעשוויגן.

— נו, אַ ווערטל, אַ היץ — נישט איבערצוטראָגן, פאַר-שטייט איר מיר. בלויז אינאָוונט איז מעגלעך אָפּצוציען דעם אָטעם.

אונטערגעשוויגן. אויפן עקראַן האָט מען געטרונקען שאַמ-פּאַניער.

— און דאָס פּובליקום...

— יאָ...

— און דאָס פּובליקום, פאַרשטייט איר מיר... אומצוטרוי, מורא, בורזשואַז, איך אַרבעט ביי פינאַנסן, — נישטאָ קיין שום אָפּעראַציעס.

אונטערגעשוויגן. אויפן עקראַן איז כאָלאָדנאַיאַ געשטאָרבן פון ליבע אוןליידנשאַפט. די פּיאַנע — דאָ האָט זי אויפגע-בראַכט געדונערט, דאָ — אָפּגעשטאָרבן אין דערשעפּונג.

— די פּראָווינץ, פאַרשטייט איר מיר, די נאַרישקייט. סאַראַ שטותיקע געדאַנקען ס'קומען אויף. אויב איר ווילט, וועל איך אייך דערציילן אַן עפּיזאָד. זינלאָזע געדאַנקען!

— יאָ?

— נאָר פאַרשטייט איר מיר... אומדירעקט האָט עס אַ שייכות צו אייך... זינלאָזע געדאַנקען!... — די פּיאַנע האָט אַ דונער געטאָן... — ...אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ קונץ...

— וואָס? אָלקאַ זעמיאָנאָוונאַ קונס?

— אָבער צי איז דאָ באַקוועם ? — קומט, לאָמיר זיך דורכשפּאַצירן.

סערגיי סערגעעוויטש האָט דורכגעלאָזן פאָראויס דעם חבר לאַיטיס, סערגיי סערגעעוויטש איז געגאַנגען נישט געאײַלט, די הענט אויף הינטן, זיך אונטערזעצנדיק כּדבעי אויף יעדע פוס. הינטערן פּאַרקאַן האָט זיך אויפגעהויבן די לבנה, די פּיאַנע איז שטום־געוואָרן, אין די ווינקלען פון גאָרטן איז שוין גע־שווומען אַ ווייסער נעפּל. זיך אָפּגעשטעלט.

— נאַר, פאַרשטייט איר מיר ?... כ'ווייס אַליין נישט, ווי איך דאָס דערציילן... אַלס עפּיזאָד פון פּראָווינציעלע זיטן... די פּראָווינץ, פאַרשטייט איר מיר !...

— יאָ ? אָלקאַ זעמיאָנאָוונאַ קונס ?...

— פאַרשטייט איר מיר, ביי אונז וווינט אַ שוסטער זי־לאָטאָוו, אַן אומפּאַרטייאישער, אָבער געווען אַ זעלנער־דעפּו־טאַט. אַ משוגענער, פון די מאַסאָנען.

— נו ?

— איז האָט ער, פאַרשטייט איר מיר, אַ משוגעהדיקע אידעע... אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ דאַרף זיך, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעבן אייך, געהערן אַלס פרוי.

— וואָס הייסט ?

— איר דאַרפט זי באַזיצן און — אומבאַדינגט אין האַל־בע נאַכט, אין דער מאָנאַסטירישער צערקווע, אין אַלטאַר. משוגעהדיקע געדאַנקען !...

די פּיאַנע האָט אַ דונער געטאָן, אַ ברום געטאָן, זיך צעשאָטן. חבר לאַיטיס האָט שנעלער, ווי מ'דאַרף, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— און אָלקאַ זעמיאָנאָוונאַ ווייס ?

— כ'ווייס נישט, מסתמא. זילאָטאָוו האָט מיר געזאָגט, אַז אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ איז אַ בתולה, — מאָלט זיך אין היינ־טיקן יאָרהונדערט. די בורזשואַזישקייט !... — סערגיי סערגעע־וויטש האָט צעפּירט מיט די הענט.

די פּיאַנע האָט אַ קרעכץ געטאָן.

— איר זאָגט, — מאָנאַסטיריש צערקווע?

— יאָ, — פאַרשטייט איר מיר, פון אייער דירה איז דאָ א דורכגאַנג.

— און אָלקאַ זעמיאַנאָוונאַ וויל?

— אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ? אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ איז אַ יונג פריילן — סערגיי סערגעעוויטש האָט מיושבדיק צעפירט מיט די הענט. די פראָווינץ, פאַרשטייט איר מיר, דאָס קליינביר־גערלעכע.

— אַנטשולדיקט, חבר. אויף איין מינוט. אַ גוטן, חבר! — חבר לאַיטיס האָט איילינק געדריקט סערגיי סערגעעוויטשס האַנט. — סערגיי סערגעעוויטש האָט אפילו נישט באַוויזן אַ שאַר־טאָן מיטן פוס, חבר לאַיטיס האָט איילינק גענומען גיין צום אַרויס־גאַנג.

די פיאַנע ביים עקראַן האָט לחלוטין אָפּגעהאַקט, ס'האָבן אויפגעשיינט די לאַמטערנדלעך, ס'האָט געדונערט דער בלאָז־אָרקעסטר. דער עולם האָט זיך צעשאָטן איבער די שטעגלעך, זיך אויסרוענדיק פון דער עקראַן־ליידנשאַפט. דער אָרקעסטר האָט געבושעוועט אַ וואַרשאַוויאַנקע.

דערנאָך זענען ווידער אויסגעלאָשן געוואָרן די לאַמטערנד־לעך, כאָלאָדנאַיאַ איז ווידער און ווידער אויסערגעוויינלעך געשטאָרבן. און איבער דער שטאָט איז געשוווּמען די לבנה, און איבער דער שטאָט האָבן געפּויזעט נעפּלען, פאַרפלעכטנ־דיק און פאַרפּליאָנטערנדיק די וועגן און דעם מרחק. ס'איז אָנגעקומען די שעה פון קריגס־צושטאַנד. — און ווען זי איז אָנגעקומען, — די שעה פון קריגס־צושטאַנד, איז שוין „וועַ־נעציאַ" פוסט געווען.

(— און קיטאַי, די הימלישע אימפעריע, האָט דען נישט אַרויסגעקוקט פון אונטערן טויער? אין דער דאָ־דאָזיקער דערציילונג וועט שפּעטער קומען אַ קאַפּיטל וועגן באָלשעוויקעס, אַ פּאָעמע וועגן זיי. אָבער אויך לאַיטיסעס זענען דאָך דאָ!)

— דאָן, דאָן, דאָן! — אין זומפּ-אָזערע זענען אַריי-
געפאַלן די דריי שעה-פּערטל פון גלאָקן-קלאַנג. איבער דער
שטאָט האָבן געפויזעט נעפּלען, איבער דער שטאָט האָט גע-
פויזעט די לבנה, אַ פולע, אַ קײַלעכדיקע, אַ פײַכטע, ווי
לײַדנשאַפט, — די נעפּלען זענען גרינלעך געוואָרן. דורך די
נעפּלען זענען קוים מערקבאַר געווען אין דער הויך די שטערן
פון אַלטן זילבער, פאַרשרפטע פון היץ.

די גלאָקן האָבן אויסגעקלונגען דריי פּערטל, און חבר
לאיטיס איז אַרויס פון די מאָנאַסטירישע טויערן. חבר לאיטיס
איז געגאַנגען לענגאויס דעם שפּוע. אונטן האָבן געברענט
שײַטערהויפנס, ס׳האָט זיך געטראָגן אַ ביטער ליד, דערנעבן
אונטן, האָבן געבענקט די זשאַבעס. די טירל אין בוימער-
שאָטן איז געשטאַנען האַלב-אָפן, לאיטיס איז אונטערגעשטאַ-
נען בײַם שוועל, — חבר לאיטיס איז געגאַנגען טיפער. די
בוימער האָבן געשוויגן, שטילשווײַגנדיק האָט געפויזעט
דער נעפּל. דער שטעג איז פאַרשוונדן, אונטער די פיס איז
פײַכט געוואָרן, חבר לאיטיס האָט באַמערקט די אָזערע, בײַם
ברעג דאָס פאַרפוילטע, מיט וואַסער פאַרגאָסענע שיפל. קיינער
איז נישט געווען. חבר לאיטיס האָט זיך אויפמערקזאַם אַרומ-
געקוקט — בוימער, נעפּל, שטילקייט, אינדערהויך אין נעפּל
אַ מוטנער דיסק. די גלאָקן האָבן אויסגעקלונגען צוועלף. חבר
לאיטיס איז אײַליק געגאַנגען צוריק צום שטעג, צום שטוב.
דער גאָרטן איז פרעמד געווען. די שטוב, די האַלב-אײַנגעפאַ-
לענע ווירטשאַפטס-געבײַדעס האָבן זיך געבלייכט אין לבנה-
שײַן און שטיל געווען. ס׳האָט גענומען שמעקן מיט מאַלינעס.
און ערגיץ-ווו ווײַט, ווי ס׳וואָלט אויפגעלויכטן, האָט שטיל אַ
געשריי געטאָן אָלענקא קונץ:
— חבר יאַ—אַן!...
חבר לאיטיס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די מאַלינע-
קוסטעס, ווידער אַרויס צו דער אָזערע, שוין פון אַ צווייטער
זײַט, — די לבנה האט זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער גע-

שפּענסטערדיק און בלייך. און ווידער — שטילקייט, נעפּל, בוימער.

— אַלקאַ זעמיאַנאַוונאַ!...

שטילקייט.

— יאַ—אַן!..

קאַרשן-בוימער, עפּל-בוימער, אַ ליפּעס-אַלעע. שטילקייט און נעפּל. און ערגיץ-ווו דערנעבן:

— יאַ—אַן...

חבר לאַיטיס האָט גענומען לויפן. זיך אָנגעשטויסן אין פולן אימפּעט אויף אַ פּאַרקאַנדל, נישט געשפּירט, אַז ער האָט צעקלאַפּט די קני. הינטערן פּאַרקאַנדל אין דער אַלטאַנקע האָט עמיץ מעכטיק געכראָפּעט. דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוויי פּערטל. און ווידער ערגיץ-ווייט:

— יאַ—אַן!..

— אַלקאַ זעמיאַנאַוונאַ...

און אַ שטילשווייגן. בלויז דאָס קנאַקן פון צעבראָכענע צווייגן פון חבר לאַיטיסעס לויפן. אַ שטילקייט און אַ נעפּל און בוימער. און מער האָט שוין קיינער נישט גערופן דעם חבר יאַן. די לבנה איז בלייכער געוואָרן, זיך פּאַרטשעפּעט אין די בוימער-שפּיצן. חבר לאַיטיס האָט לאַנג געריכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, און זיינע קינבאַקן זענען געווען פעסט צוזאַמענגעדריקט. — אַלענקאַ קונץ איז שוין געלעגן אין בעט נעבן איר חברטע (יעדע וואָך האָט אָלענקאַ געהאַט אַ נייע חברטע פאַר סודות און געהיימנישן). דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן פּערטל-שעהן נאָך פּערטל-שעהן. אויפן מזרח האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פּורפּור-רויטע סטענגע, די נעפּלען זענען פּאַרקראָכן אינדערהויך. אין פרימאָרגן-קעלט האָבן גענומען שורשען די בלעטער און ס׳האָט זיך בולטער דערטראָגן דער פראָש-געשריי.

ביי די מאָנאַסטירישע טויערן איז געשטאַנען אַ וואַך-זעלנער, אַ פּייכטער און גראָער אין נעפּל.

— אויב דאָס פֿריילן וועט קומען, זי ברענגען צו מיר,
— אַ באַפעל.

און אין סאָבאָר:

— דאָן, דאָן, דאָן !..

אין מאָנאַסטיר, אין דער קעליע פון דער מוטער־איגו־מעניע, אין קליינינקן צימערל, ווו חבר לאַיטיס איז געשלאָפן, — האָט זיך חבר לאַיטיס אויסגעטאָן. דעם זייגער האָט חבר לאַיטיס אַריינגעלייגט אין אַ לעטשעלע צוקאָפּנס, אַ אויסגענייטס מיט זילבער, — דאָס דאָזיקע לעטשעלע, ווי אויך דאָס טעפּיכל ביים בעט, ווי אויך די נאַכט־לאַטשן, ווי די זאָקן, — האָט אויסגעשטריקט די מוטער פון חבר לאַיטיס אין זיין ליפלענדער גובערניע. חבר לאַיטיס האָט אָנגעטאָן די לאַטשן, יענע, וועלכע ס׳האָט געפלאָכטן זיין מוטער, גענומען די פידל און, שטייענדיק ביים פענסטער, לאַנג געשפּילט עפּעס טרויעריקס. הינטערן פענסטער, הינטער די דורכגענג, הינטער דער מאָנאַסטירישער וואַנט האָט זיך צעפלאַקערט דער מזרח. חבר לאַיטיס האָט גענומען די שליסלען און מיטן קאָלטן דורכגאַנג געגאַנגען אין דער קאַלטער צערקווע. אין צערקווע איז געווען שטיל. ס׳האָט קוים־קוים געשמעקט מיט קטרת און פּוילעניש, און אין קופּאָל האָבן זיך שוין באַוויזן פונקען פון די ערשטע שטראַלן. חבר לאַיטיס איז אַריין אין אַלטאַר; חבר לאַיטיס, צעשמאָלצן אין אַ שמייכעלע, איז לאַנג געשטאַנען ביי יענעם טעפּיכל פאַרן אַלטאַר, איבער וועלכן מ׳טאָר נישט גיין.

ס׳איז געקומען יענער טאָג, וואָס איז ענלעך אויף אַ סאָלדאַטקע, אַ דרייסיקיאָריקער, אין אַ סאַראַפאַן.

דער מאָנאַסטיר ווועדעניע נאַ־גאָרע.

ביי די מאָנאַסטירישע טויערן איז געשטאַנען אַ וואַךזעלנער. אויפן מזרח האָט זיך צעלייגט די פּורפּור־רויטע סטענגע

פון זון-אויפגאַנג. נעפּלען האָבן גענומען אַרויפפּויזען צום הימל, אײַנדערהויך, די לבנה איז בלייך-געוואָרן. אייניקע מינוט זענען די וועלט און די שטאָט אָרדינין — די צערקוועס, הייזער, בריקן — געווען גרין, ווי וואַסער, ווי די אָזערע (אין דידאָזיקע מינוטן איז דער מאָנאַסטיר ענלעך געווען אויף טעאַטער-דעקאָראַציעס). דערנאָך זענען די וועלט און די שטאָט אָרדינין געל געוואָרן, ווי דער בלעטער-פאַל, און ווי אַ גאָלדענע קרוין האָט זיך די זון אויפגעהויבן פון דער נאַכט אַרויס. אין די מאָנאַסטירישע קעליעס, אין די דומפּע צימערלעך מיט געוועלבטע פולאַפן, מיט פוסטע קיוואָטן, און מיט באַלזאַמענעס אין די הויבנאַניקע ווינקלען, אויף ווייכע מאַנגאַכישע פערינעס זענען אין דערדאָזיקער שעה געשלאָפן זעלנער.

בײַ די מאָנאַסטירישע טויערן איז געשטאַנען אַ וואַך-זעלנער. ווי אַ גאָלדענע קרוין האָט זיך אויפגעהויבן די זון. דאַן פלעגן צום וואַך-זעלנער נאָך דער ריי נאָך צוקומען זעלנער און פאַרבײַ דעם וואַך-זעלנער פלעגן נאָך דער ריי נאָך דורכגיין פאַרשלאָפענע, מידע פרויען, — ווײַל די שעה פון קריגס-צושטאַנד איז שוין פאַריבער.

אַך, אָלענקאַ קובץ, וועגן איר ריינקייט און בתולהשאַפט האָבן געטרוימט די דיכטער סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו און דער חבר לאַיטיס, יעדער אויף זיין שטייגער ליידנשאַפטלעך ביז ווייטאָק. פאַרוואָס-זשע האָבן נישט געוווסט די דיכטער סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו און דער חבר לאַיטיס, וואָס אַלע אין שטאָט האָבן געוווסט, וואָס אָלענקאַ קובץ אַליין האָט נישט שטאַרק אויסבאַהאַלטן, אַז אין דער שטאָט אָרדינין איז געווען אַ פראַפּאָרשטשיק טשערעפּ-טשערעפּאַס. טשערעפּ-טשערעפּאַס האָט געדאַרפט אַוועק אויפן פראָנט, ערגיץ-ווו צו דער אָזערע נאַראָטש, האָט ער אָלענקאַ קובץ געפירט שפּאַצירן אויף „טראָיקעס", דערנאָך בײַ זיך אין האָטעל-צימער אָנגעטרונקען אָלענקאַן מיט אַלטן מעד, און אָלענקאַ קובץ האָט זיך אים אָפּגעגעבן, אַזוי פשוט, ווי ס'פלעגן זיך אָפּגעבן אירע אַלע חבר-

טעס. און דאָס האָט זיך איבערגעחזרט נישט איינמאָל און נישט נאָר מיט טשערעפּ-טשערעפּאָסן, — דער פּראָפּאָרשטשיק טשערעפּ-טשערעפּאָס איז געהרגעט געוואָרן ערגיץ-ווו ביי דער אָזערע נאַראָטש דורך זעלנער, בעת אַ זעלנער-בונט.

און פונדעסטוועגן.

אָלענקא קונץ איז אויף איר אמת געזעסן אין דער קליינער קעליע, אַ ליכטיקער און אַ ציכטיקער, ווי אָלענקא קונץ אַליין. אויף די אָפענע פענסטער פון דער קעליע האָבן זיך געוואָרימט געראַניעס און באַלזאַמענעס, און הינטער די פענסטער אין גאָרטן האָבן געצוויטשערט די וואָראָבייטשיקעס. אָלענקא קונץ האָט געקלאַפּט אויף אַ שרייב-מאַשין. יעדע פערטל שעה פלעגט צו אָלענקא קונץ אַריינקומען חבר לאַיטיס. אָלענקאַ קונץ האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ זיגערין.

חבר לאַיטיס האָט געזאָגט צו אָלענקא קונץ:

— איר וועט אינאָווענט זיין אין שטוב.

— יאָ, וואָס איז דען?

— כ׳בעט אייך, קומט צו מיר צו קאַסט. כ׳האָב היינט קעבורטסטאָק.

— און ווען נאָך וועט איר איינלאַדן?! — מיינע בעסטע ווונשן.

— כ׳האָב געוואָלט אייך...

— אויב אַזוי וועל איך מיטרופן די חברטע קאַטיאַ אָרדיבינאַ, די פירשטין.

— נגו...

— און איר וועט רופן דעם חבר קאַרריקן.

— נגו...

אָלענקא קונץ האָט אַ שמייכל געטאָן מיט נצחון, ווי אַ פאַרשווערערין.

— האָט נישט קיין מורא. ביי זיי איז אַ ראָמאַן — זיי וועלן נישט שטערן. איר זעט צו קריגן צוקערלעך און ווין.

נר קאַרריק האָט געענטפערט אין טעלעפאָן-טרייבל:

— קאַטקאַ און אָלגאַ?! — כ׳וועל קומען! — כ׳וועל ברענגען צושלעפּן!

דאָס טעלעפאָן־טרייבל האָט דאָס אויסגעזוונגען מיט אַ ליידנשאַפטלעכן טאָן, און חבר לאַיטיס פּלעגט יעדע פערטל שעה אַריינקומען צו אַלענקאַ קונץ, כדי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו דערמאָנען.

דער טאָג האָט פאַרשרפעט מיט היץ, די גליענדיקע זון־שטראַלן האָבן צעשמאָלצן די לופט, אין מאָנאַסטירישן גאָרטן האָבן געשריגן די וואָראָביישיקעס. אין דער קעליע פון דער מוטערל־איגומעניע, אין קליינינקן צימערל, ווו ס׳איז געשלאָפן חבר לאַיטיס, — האָט דער חבר לאַיטיס געהאַט שטיין אַ קוישל. אין קוישל איז געלעגן אַלדאָס טייערע, די דערינערונג וועגן היימלאַנד און וועגן דער מוטער. חבר לאַיטיס האָט אַרויסגענומען פון קוישל אַ זיידן קישעלע, אַן אויסגענייטס דורך די מאַמישע הענט אין פאַרשיידענע וואָל־פאַרבן. פון קוישל האָט חבר לאַיטיס אַרויסגענומען אַן אַטלאַסענע קאָלדרע, אויסגעשטעפּט דורך די מאַמישע הענט. אי דאָס קישעלע, אי די קאָלדרע האָט חבר לאַיטיס אָפּגעטראָגן אין דער ווינטער־צערקווע. חבר לאַיטיס האָט דאָרט ביים אַלטאַר אויסגעשפּרייט די קאָלדרע, אויף יענעם טעפּיכל, אויף וועלכן מ׳טאָר נישט טרעטן, און צוקאָפּנס האָט חבר לאַיטיס אונטערגעלייגט דאָס קישעלע. און יעדע פערטל שעה פלעגט חבר לאַיטיס זיך אומקערן אין צערקווע — נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן און אויסגלעטן אַ ביז איצט נישט באַמערקט פעלדעלע.

אין יענעם טאָג האָט חבר לאַיטיס נישט אונטערגעשריבן קיין מאַנדאַטן.

אין יענעם טאָג האָט חבר לאַיטיס זייער פיל געשפּילט אויפן פידל, געשטאַנען ביים פענסטער און אַכטונג געגעבן אויף דער ווינטער־צערקווע, — און קיין איינציק מאָל זיך נישט גענומען צום קלאַרנעט, אויף וועלכן ער האָט זיך נאָך געלערנט, אָבער נישט געקענט שפּילן פאַר זיין הנאה וועגן.

צו נאַכט צו איז אויסגעלאָשן געוואָרן די גאָלדענע קרוין פון דער זון און ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ פולע, קיי־לעכדיקע, רויטע לבנה, פאַרהילנדיק דעם מאָנאַסטיר און די שטאָט אָרדינין מיט פייכטן סאַמעט און אַטלאַס. ביינאַכט איז ביי די מאָנאַסטירישע טויערן געשטאַנען אַ וואַך־זעלנער

און שוין...

צי דען דאַרף מען נאָך ריידן?

צי דען דאַרף מען נאָך ריידן, אַז אַלץ איז געווען אַזוי פשוט, ווי אַ גלאָז טיי? חבר לאַיטיס האָט געטרוימט וועגן אַ פידל, אָבער קיין שום פידל איז נישט געווען. חבר קאַרריק האָט מיטגעבראַכט אַלטן מעד. אַלענקאַ קונץ און איר חברטע קאַטענקאַ אָרדינינאַ זענען געקומען, געאָרעמט און אין טיכלעך, אַראָפּגעלאָזטע איבער די אויגן. — צי דאַרף מען דען ריידן? דער אַלטער מאָנאַסטיר איז געשטאַנען שטיל־שווייגנדיק; קעליעס מיט געוועלבטע פולאָפּן, ווו מ׳זעט פון די פענסטער די מאָנאַסטירישע דורכגענג, צערקווס און ווענט. חבר קאַרריק האָט זאָרגעוודיק אָנגעטרונקען די פריילנס מיט אַלטן מעד און גאָר באַלד האָט די פירשטין קאַטערינאַ אָרדי־נינאַ זיך איבערגעזעצט פון שטול אויף חבר קאַרריקס קני. —

— און אין אַ ווייטן מאָנאַסטירישן ווינקל האָט אין דער׳זעלבער שעה אַן אַנדער פירשט אָרדינין, — אַרכיעפּיסקאָפּ סילוועסטער, — געשריבן אַ קאַפּיטל וועגן שטאָט. אין אַ פינ־סטערער קעליע מיט שטיינערנע ווענט האבן אויף אַ ענגן טיש געברענט לעמפּלעך, ס׳איז געלעגן ברויט, און צום טיש האָט זיך צוגערוקט אַ גראָענקער פּאָפּל, אַ באַוואָקסענער מיט מאָך, ווי די קעליע, און האָט איינגעבויגן זיין שאַרבן ווי אַ טרומנע. דער פענסטער מיט די באַלזאַמענעס איז געווען הויך, אין קעליע איז אַריינגעפּלאָסן בלויז די נאַכט, אָבער נישט דער יולי, און ביי דער טיר, צענויפגעקנוילט, איז געשלאָפן אַ שוואַרץ מאָנאַכל — אַ דינער. אין דער שטילקייט האָט דאָס צעקודלט פּאָפּל געשריבן:

„...וואלד. וועלדלעך, זומפן, פעלדער, א שטילער הימל, פעלד-וועגעלעך. אמאל קומען זיך די וועגעלעך צונויף אין א שליאך, איבערן שליאך גייט אום דער בונט. פארביי דעם שליאך איז דורכגעגאנגען די אייזנבאן. די אייזנבאן איז אוועק אין די שטעט, און אין די שטעט האבן געלעבט יענע, די אנדערע, וועלכע זענען מיד געווארן צו גיין איבער די פעלד-וועגעלעך, וועלכע האבן אויסגעלייגט שליאכן, ווי די סטרונעס, זיך פאנצערנדיק אין גראניט און אייזן. און אין די שטעט האט דער פעלד-שטעגלדיקער פאלקס-בונט געבראכט — טויט. אין שטאט, אין בענקשאפט נאך דעם פארגאנגענעם, אין מורא פארן פאלקס-בונט—האבן אלע פארנומען אמטן און געשריבן פאפירן. אין שטאט האבן אלע ביז איינעם פארנומען אמטן, כדי זיך אליין צו באדינען, און אין שטאט האבן אלע ביז איינעם געשריבן פאפירן, כדי זיך צו פארפלאנטערן אין זיי, — אין פאפירן, אין פאפירעלעך, צעטעלעך, פלאקאטן. אין שטאט איז פארשוונדן דאס ברויט, אין שטאט איז אויסגעלאשן געווארן דאס ליכט, אין שטאט איז אויסגעגאנגען דאס וואסער, אין שטאט האט געפעלט ווארימקייט, — אין שטאט זענען אומגעקומען אפילו די הינט, קעץ (ס'האבן זיך געפרוכפערט נאר מייז, כדי צו עסן דאס באהאלטענע), — און אפילו די קראפיווע איז אויף די שטאט-עקן פארשוונדן, — קינדער האבן זי אויסגעריסן צום בארשטש. אין די גארקיכן, ווו ס'זענען קיין לעפל נישט געווען, האבן זיך געשטופט אלטע לייט אין הארטע קאפעליושן און אלטע פרויען אין היט, און מיט ביינערדיקע פינגער קאנוולסיוו געכאפט פון די טעלערס די שיריים. אויף די וועג-קרייצונגען, ביי די צערקוועס, ביי די הייליקע ערטער פלעגן אויסוורפן פארקויפן פאר מוראדיקע סומעס פארפוילטן ברויט און פארפוילטע קארטאפל, — ביי די צערקוועס, ווו מ'פלעגט צעגויפשלעפן די בר-מינגס אין די הונדערטער, נישט בא-

חייזנדיק זיי מקבר צו זיין, פאַרקנעכטנדיק די לויות צו פּאַפּיר. איבער דער שטאָט האָבן זיך אַרומגעשלעפּט הונגער, סיפיליס און טויט. איבער די שטאָטישע פּלעצער האָבן זיך געטראָגן ווילד-געוואָרענע אויטאָמאָבילן, געפּייניקט אין טויט-אַנגסטן. מענטשן זענען ווילד געוואָרן, טרוימענדיק וועגן ברויט און קאַרטאָפל, מענטשן האָבן געהונגערט, זענען געזעסן אָן ליכט און געפרוירן, — מענטשן האָבן פאַנאַנדערגעשלעפּט פאַרקאַנעס, הילצערנע בנינים, כדי אָנצוואַרעמען אָפּשטאַרבנדיקע שטיינער און שרייב-קאַנטאָרן. דאָס בלוט-רויטע לעבן האָט פאַרלאָזן די שטאָט, ווי עס איז, אפשר, דאָ קיינמאָל נישט געווען, — און געקומען איז אַ ווייס, פּאַפּירן לעבן — דער טויט. די שטאָט איז אָפּגעשטאָרבן אָן געבוירטן. און שרעקלעך איז געווען אין פרילינג, ווען אויף די גאַסן, ווי קטרת אויף אַ לויה, האָבן געטליעט רויכערדיקע שייטערהויפנס, פאַרברענענדיק די נבלות, איינהילנדיק די שטאָט אין טויט-עיפּוש, — אויף גאַסן צערויבטע, צעשלעפּטע, פאַרכראַקעטע, מיט אויסגעהאַקטע שויבן, מיט פאַרהאַקטע שטיבער, מיט אָפּגעפליקטע דעכער. און מענטשן, וועלכע פלעגן פריער אַרומפאָרן מיט קאָקאָטעס איבער רעסטאָראַנען, וועלכע האָבן ליב געהאַט פרויען אָן קינדער. וועלכע האָבן געהאַט הענט אָן מאָזאָליעס און צו פערציק יאָר טאַבעס, וועלכע האָבן געחלומט וועגן מאָנאַקאָ, מיט אידעאַלן פון פאַל-דע-קאָק, דרעסירט ווי דייטשן, — דידאָזיקע האָבן אַלץ מער און מער געוואָלט אָפּשיגדן, באַרויבן די שטאָט — דעם בר-מינן, כדי אַוועקצופירן די גנבה אין דאָרף אַריין, אויסבייטן אויף ברויט, וועלכעס איז באַקומען געוואָרן דורך מאָזאָליעס, נישט שטאַרבן הייגט, אָפּרוקן דעם טויט אויף אַ חודש, — כדי ווידער צו שרייבן זייערע פּאַפּירן, ליב האָבן (איצט שוין לויטן געזעץ) אָן קינדער און מיט הייסן באַגער וואַרטן אויף דאָס דורכגעפוילטע אַלטע, נישט דערוועגנדיק זיך צו

באַגרייפֿן, אַז זיי איז געבליבן בלויז איינס — עיפּושן מיט טויט, שטאַרבן, — און אַז דאָס הייס = באַגערטע אַלטע איז טאַקע דער טויט, דער וועג צום טויט..."

און הינטער דער שטאָט, אויף אירע עקן האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט אַ נייער, אַ קאַלטער, פֿייערדיקער תּחית־המתים...”

— אַזוי האָט פֿאַרשריבן דאָס אַלטע פֿאָפּל אין זיין ציגל־ער קעליע הינטערן מאַנאַכל און די באַלזאַמענעס, אַראָפּבויגנ־דיק די טרומנע פֿון זיין שאַרבן צום טיש, מיטן ראָזשאַק ברויט און בויגנס פּאַפּיר. —

— חבר לאַיטיס האָט אַפֿילו יאָ גענומען שפּילן אויפֿן פֿידל. — אָבער חבר קאַרריק האָט אים איבערגעריסן: — ס׳לוינט נישט צו ציען דעם קאָטער פֿאַרן וויידל.

אַלענקאַ קונץ האָט געזאָגט: — קומט, לאָמיר זיך דורכגיין.

און ווען זיי האָבן זיך צונויפֿגעשטויסן אין טיר, ווען אין מח פֿון חבר לאַיטיס איז אַלץ געפֿלויגן צו אַלדע רוחות, — זענען שוין נישט געווען קיין ווערטער. די אַקסלען פֿון אַלענקאַ קונץ האָבן זיך גלייכגילטיק אָנגעשפּאַרט אין דער ברוסט פֿון חבר לאַיטיס. חבר לאַיטיס, אונטערהאַלטנדיק אַלענקאַ קונץ פֿאַר די אַקסלען, האָט זי אונטערגעשטופּט־געפֿירט מיט די טונקעלע שטיגן־דורכגענג, — און אין צערקווע — אין פֿינס־טערניש, — וווּ ס׳האָט זיך געוויסט די לבנה־שיין, האָט גע־נומען שמעקן מיט קטרת און פּוילעניש.

— אָי, וואָס טוט איר! איר צעקנייטשט דאָס קלייד. — אָי, וואָס טוט איר! שפּילעט אָפּ פֿון ליף!

צי דען איז נויטיק צוצוגעבן? — ווען אַלענקאַ קונץ האָט זיך אָפּגעגעבן, — ביים אַלטאַר אויף דער קאַלדרע, וועל־כע די מאַמע פֿון חבר לאַיטיס האָט געשטעפּט מיט אייגענע הענט, — האָט אַלענקאַ קונץ נישט צוגעמאַכט די אויגן.

ביי די מאָנאַסטירישע טויערן איז געשטאַנען אַ וואַך־מעלנער.

מיט בלייכע שטרייפן איז געלעגן די לבנה־שיין איבער דער וועלט, איבערן מאָנאַסטיר איז געשוואומען אַ קיילעכדיקע, פולע לבנה, איינהילנדיק די וועלט און דעם מאָנאַסטיר אין סאַמעט און אַטלאַס. ס'האָבן דורכגערוישט די באַגינען־ווינטלעך, ס'האָבן אָפּגעקוואַקעט דער וועלט די פּראָשן. ס'איז גרינלעך געוואָרן, און אין אַ גאָלדענער קרוין האָט זיך אויפגעהויבן די זון.

דאַן זענען נאָך דער ריי נאָך צוגעקומען צום וואַך־זעלנער, פאַרשלאָפענע מידע פרויען, ווייל די שעה פון קריגס־צושטאַנד איז פאַריבער. און פאַרביי דעם וואַך־זעלנער זענען דורכגעגאַנגען אָלענקאַ קונץ און איר חברטע, די פירשטין קאַטיאָ אָרדינינאַ, ביידע געאָרעמט, אין קאָפּ־טיכלעך, אַראָפּגעלאָזטע איבער די אויגן, דערקייענדיק צוקערלעך.

אַ שׂרפה — ליאַטאָרן.

און פונדעסטוועגן...

דער קרעמל און דער סאָבאָר־פּלאַץ זענען פון שטיין. אין מדבר פון טאָג שלאָגן די מאָנאַסטיר־גלאָקן מיט אַ גלעזערנעם קלאַנג, אין חלומות, אין צעשמאָלצענער היץ.

— דאָן! דאָן! דאָן! — קלינגען די גלאָקן, און די פענסטער אין די הייזער זענען צעעפנט. אין גאָרטן פון סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו ווערן רייף די פּאָמידאָרן.

ביי סערגיי סערגעעוויטשן אין אַמט, אין דער אָפּשפּאָר־קאַסע, האָט דער געהילף, געבנדיק די קאָרטן (סערגיי סערגעעוויטש אין זיין געהילף האָבן געשפּילט אין פּרעפערגנס מיט אַ באָלוואַן), — געזאָגט:

— שאַ, דו ווייסט, דיין אָלגאַ סעמיאָנאָוונאַ איז געכאַפּט אין דער מעשה. היינטיקע נאַכט האָט זי גענעכטיקט ביי די קאָמוניסטן אין מאָנאַסטיר, זי האָט געזוכט אויסליידזונג מיט לאַיטיסן. די יאַמסקער מוידן האָבן דערציילט, — געזען.

און פונדעסטוועגן, — פונדעסטוועגן...

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON
אידישער קולטור פאראיין סאסקאטון

אין שטוב, צוריקקומענדיק פון אַמט, האָט זיך סערגי סערגעעוויטש אַראָפּגעלאָזן אין קעלער צו סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוון, — ער איז געגאַנגען, זיך אַרונטערזעצנדיק אויף יעדן פוס, און נאָך אַראָפּגייענדיק פון אויבערשטן טרעפּל, האָט סערגיי סערגעעוויטש מעכטיק זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— כאָ - כאָ! אָלגאַ סעמיאָנאָוונא! ביינאַכט האָט זי געזוכט אויסלייזונג אין מאָנאַסטיר מיט לאַיטיסן. כא-כא! דאָס האָב איך צענויפגעפירט.

סעמיאָן מאַטוועעוו איז געלעגן אויפן אויוון. סעמיאָן מאַטוועעוו איז אַראָפּגעקראָכן פון אויוון. אין אויסגעקרימטן פּנים פון סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָוו האָט זיך באַוויזן עפּעס פאַרלוירנס און הילפלאָזעס, וואָס האָט אים דערדריקט. סעמיאָן מאַטוועעוו האָט זיך אַרונטערגעזעצט, פאַרלייגט אונטער זיך זיינע אויסגעדאַרטע פיס און אַרויסגעשעפּטשעט:

— שווער זיך. פּענטאָגראַמאַ. ביים טייוול!

— כ'שווער. — פּענטאָגראַמאַ. ביים טייוול.

—אין אַלטאַר?

— אין אַלטאַר.

— נו, מילא... איצט גיי, סערגעאיטש. לאָז מיך אַליין...

אין פּנים פון סעמיאָן מאַטוועעוון האָט זיך באַוויזן עפּעס נעבעכדיקס און הילפלאָזעס און, נישט אויפהויבנדיק זיך פון דער ערד, האָט סעמיאָן מאַטוועעוו גענומען קריכן צום אויוון ווי אַ געשלאָגענער הונט.

— איצט גיי, סערגעאיטש... לאָז מיך איבער אַביסל אַליין.— סעמיאָן מאַטוועעוו האָט דאָס געזאָגט שטיל און טרויעריק. — לאָז מיך אַליין...

און אָט איז אַלץ, — און פונדעסטוועגן...

זיך אומקערנדיק פון אַמט מיט אַ חברטע, איז אָלענקא קונץ, — פון טירל ביזן הינטערשטן אַריינגאַנג, — דורכגעלאָפן, קלאַפּנדיק מיט די אָפּצאַסלעך, איבער די ברעטער, דורכגעלייגטע צווישן די הויף-גראָזן, און ביידע האָבן געזונגען:

„אין יענעם גאָרטן, וווּ מיר האָבן זיך באַגעגנט,
דער כריזאַנטעמע-קוסט..."

אינאָוונט איז אַלענקאַ קונץ אַוועק אין קינעמאַטאָגראַף „ווענעציאַ", דאָרט האָט געשפּילט ווערא כאָלאָדנאַיאַ. אינאָוונט האָט זיך איבער דער וועלט, איבער דער שטאָט אָרדינין און איבערן מאָנאַסטיר אויפגעהויבן די לבנה. אינאָוונט איז סעמיאָן מאַטווייעוו געווען ביים אַרכיעפּיסקאָפּ סילוועסטער, אים געבראַכט אַ פּאָמידאָר. סעמיאָן מאַטווייעוו האָט אויף פאַרשיידענע אופנים צעגויפגעלייגט דעם פינף-עק, — בערלין, ווין, לאָנדאָן, פּאַריז, רוים האָבן זיך געניינט צו מאָסקווע און ס'האָט זיך באַקומען אַ רויטער פּאָמידאָר. דער אַרכיעפּיסקאָפּ סילוועסטער, אין אַ שוואַרצער סוטאַנע, איז געשטאַנען שטרענג, געקוקט אָנגע-כמורעט, און לסוף אויסגערופן:

— אַ פאַרבלענדעניש! אַ פאַרבלענדעניש! אַפּיקורסות! די פאָלקסלידער דערמאָן זיך, די ברוסטיקע, די פּעסטע, דעם וואַלד-גייסט, די מכשפה. דער וואַלד-גייסט, אַ פּעטער, אַן אַר. בעטזאַמער, האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. איוואַנושקאַ-שוטה, די „יורידיווע" שטיק — אין אַ זייט. לעדערנע קורט-קעס. מיט העק. מיט קלאָניצעס. אַ פויער. אָן שלאָף. — אַפּיקורסות! — און פאַר די פּאָמידאָרלעך אַ דאַנק דיר!

און ווען אָלענקאַ קונץ האָט זיך אומגעקערט פון קינע-מאַטאָגראַף „ווענעציאַ", האָט איבערן מאָנאַסטיר אויפגעפלאַ-קערט דער רויטער אָפּשיין פון אַ שׂרפה. ווי רויטע הענדלעך זענען אַרויפגעפלויגן רויטע צונגען, די רויטע הענער האָבן אַרומגעכאַפּט, אַרומגעוויקלט די מאָנאַסטירישע דורכגענג און קעליעס. נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן האָבן זיך צעהודיעט מיט אַן אַלאַרם די מאָנאַסטירישע גלאָקן, — ווי די רויטע שׂרפה-הענדלעך האָט זיך געוואָרפן דער אַלאַרם. קלינגענדיק מיט די גלעקעלעך און טראַסקענדיק איבער די שטיינער זענען גע-קומען העגדום-פּענדום די פייערלעשער אָן וואַסער און די פאַרזעסענע פייערלעשער האָבן אַרונטערגעריסן מיט זייערע האקנס דעם רויטן שילדל מיטן רויטן שטערן: —

— די אָפּטיילונג פון דער פאָלקס-מיליץ פון אָרדיניגשן סאָוודעפּ, — די, וואָס קומט אויס פונקט קעגנאיבער דער מעלדונג:

— דאָ פאַרקויפן זיך פעמאַדאָרן. —

דער פונקען-טאַנץ האָט זיך געטראָגן אין הימל אַריין. פון די דורכגענג, פון די פענסטער זענען אַרויסגעשפּרונגען זעלנער און פרויען (ס'איז שוין געווען אין דער שעה פון קריגס-צושטאַנד). איין דורכגאַנג איז איינגעפאַלן: דער, וואָס האָט געפירט פון דער מוטערל-איגומעניעס קעליע אין דער ווינטער-צערקווע. ס'איז שוין געווען אין דער שעה פון קריגס-צושטאַנד, נאָר היות אַ שרפה איז תּמיד וווּנדערשיין, תּמיד אויסערגעוויינלעך, תּמיד בייז-בשורהדיק, — האָט קיינער נישט געפרעגט קיין שיינען און אַרום די מאָנאַסטירישע ווענט האָט זיך געשטופּט אַן עולם.

דער מאָנאַסטיר וווּדעניע-נאַ גאָרע איז ביים אָפּברענען געזען געוואָרן אויף זיבעציק וויאָרסט אַרום.

דער פונקען-טאַנץ האָט זיך געטראָגן אין שוואַרצן הימל אַריין, זיך צעגאָסן אין פינסטערן תּהום. איין דורכגאַנג נאָכן צווייטן איז איינגעפאַלן. די הויפּט-געביידע איז אינגאַנצן געשטאַנען אין פלאַמען. די לעצטע. דער מאָנאַסטיר איז אונטערגעגאַנגען, פאַרברענט-ווערנדיק האָט ער זיך געזען אויף זיבעציק וויאָרסט אַרום.

און פּלוצלונג האָט מען באַמערקט: אויפן דאַך, אין בוידעם-פענסטער האָט זיך באַוויזן סעמיאָן מאַטווייעוו זילאָטאָוו. מיט זיין אויסגעטריקנטן גאַנג, ווי אַן אַלטער הונט, איז סעמיאָן מאַטווייעוו זילאָטאָוו צוגעקומען צום ראַנד פון דאַך, געבליבן שטיין פאַרן פייער און אויסגעשריגן עפּעס ווילדס און צודריקנדיק די דלאָניעס צום פּנים, זיך אַראָפּגעוואָרפן, אַראָפּגעפאַלן אונטן אין רויך, אין פונקען-טאַנץ, אין פלאַקער. און גלייכצייטיק האָבן זיך אויף דער שטיינערנער וואַנט באַוויזן צוויי מאָנאַכלעך, — דער יונגער שוואַרצער איז געבליבן הענגען אויפן ראַנד און כּשורה אַראָפּגעשפּרונגען אין

שולם אַריין, און דער צווייטער גראָענקער האָט צוויי מאָל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון הינטער דער וואַנט און איז ווי דער פאַרשוווּנדן הינטער איר.

חבר לאַיטיס האָט אונטערגעשריבן אַ מאַנדאַט אויף צו אַרעסטירן אָלענקאַ קונץ און סערגיי טערגעוויטשן.

דער בירגער סערגיי סערגעוויטש. באמת, — איז דען סערגיי סערגעוויטש בלויז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַ קליינבירגער? — אין טאָג פון אַרעסט, פאַרן אַרעסט, איינאָונט, האָט סערגיי סערגעוויטש, אונטערלייגנדיק אַ סערוועטקע, געגעסן פּאָמידאָרן פון זילאָטאָווס גאָרטן, מיט עסיק און פּעפּער. דערנאָך האָט זיך סערגיי סערגעוויטש אויסגעטאָן, זיך געלייגט שלאָפן און פאַרן שלאָף, איינער אַליין מיט זיך — געטראַכט. סערגיי סערגעוויטש האָט ג ע ל י ט ן, אויפריכטיק און טיף, און ווי יעדער ליידן, און ווי אַלץ וואָס אויפריכטיק, — איז זיין ווייטאָק געווען שיין. סערגיי סערגעוויטש האָט אין דידאָזיקע טעג ג ע ה א ס ט, ווי אַ פּחדן, דעם חבר לאַיטיס, אַלעמען, אַלץ, — און מ ו ר א ג ע ה אַ ט, מורא געהאַט ביז שרעק, ביז פיזישן ווייטאָק, ביז פאַרטעמפּטקייט...

און אונטן אויף די שטיגן האָבן אָפּגעקלונגען זעלנערישע שטיוול. ווען די זעלנער זענען אַריין אין סערגיי סערגעוויטשס צימער, איז סערגיי סערגעוויטש געזעסן אין אַ ווינקל פון בעט, זיינע אויגן זענען געעפנט געווען קרענקלעך-ברייט, די ברייט-פאַרשוואָלענע קינבאַק איז אַראָפּגעהאָנגען און ער האָט געשעפּטשעט:

— פאַר וואָס? פאַר וואָס?

אַזוי-און-אַזוי, די פּרטים זענען באַקאַנט, און די דעטאַלן זענען נישט באַוווּסט, — האָט געזאָגט דער זעלנערטו זיך אָן. דאָרט וועסטו זיך דערוויסן.

אגב, די קאָמפּאַרט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן לאַיטיסן.

און די קאָמונע פון די באָלשעוויקעס, אַרויסזעצנדיק די

פירשטן ארדינגינס, האָט זיך באַזעצט אין הויז אויפן „אַלטן צופאָר".

— דאָן! דאָן! דאָן! — פאַלן די שטיינער פון די גלאָקן אין דער אָזערע פון דער שטאָט.

רוסלאַנד. רעוואָלוציע. די שטאָט פון שטיינער איז טויט. וועמען — טאַטאָרן, און וועמען — ליאַטאָרן.

קאַפּ. V

טויטן

(ערשטער טריפּטיך)

דער טויט פון דער קאָמונע

און אין דערזעלבער צייט איז אומגעקומען די קאָמונע אין פּאָרעטשיע. די קאָמונע איז אומגעקומען מיטאַמאָל, אין עטלעכע טעג, אין אויגוסט. ס'האָבן געגאָסן רעגנס, די נעכט זענען געווען פינסטער און שטיל, — און ביינאַכט זענען אַנגעקומען אין דער קאָמונע אומבאַקאַנטע באַוואָפנטע, אין פּאַפּאַכעס און בורקעס, געבראַכט האָט זיי אַן אומבאַקאַנטער ברונעט, חבר גערדי. מיט אַ וואָך פריער איז אַוועק פון דער קאָמונע שוראַ סטעצענקאָ, ער האָט זיך אומגעקערט מיט גערדין. בין-השמשות-צייט איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם, דער רעגן האָט גערוישט, דער ווינט האָט געבלאָזן. אַנדרעי איז מיטן באַגינען אַרויסגעפאָרן אין ווייטן פעלד, און בין-השמשות-צייט האָט ער געפונען אין ביבליאָטעק יוזיקן, סעמיאָן איוואַנאָוויטשן און גערדין. זיי האָבן געהייצט דעם אויוון, געברענט פּאַפּירן. סעמיאָן איוואַנאָוויטש איז איילִיק אַרויסגעגאַנגען. יוזיק איז געשטאַנען מיט צעשטעלטע דינע פיס, מיר דער האַנט אויף דער טאַליע. גערדי, אין אַ פּאַפּאַכע, איז געשטאַנען אויף די קני אַקעגן פייער.

— איר קענט זיך נישט, — חבר אַנדרעי — חבר גערריִ.

גערריִ האָט שטילשווייגנדיק דערלאַנגט אַ ריזיקע האַנט און עפּעס געזאָגט יוזיקן אויף ענגליש. יוזיק האָט מיט פאַר־אַכטונג געצוקט די אַקסלען און נישט געענטפערט.

— חבר אַנדרעי פאַרשטייט נישט קיין ענגליש, — האָט יוזיק געזאָגט.

— איר וועט מיר מוחל זיין, חבר אַנדרעי, אָבער כ'בין זייער מיד, — גערריס ליפּן, נישט צוגעפּאַסט צו שמייכלען, האָבן זיך צעצויגן אין אַ שמייכל, אָבער זיינע פּעך־שוואַרצע אויגן זענען געבליבן ווי פריער שווער און קאַלט, שטאַרק קאָנצענ־טרירט.

— גערריִ איז געקומען צופאָרן פון אוקראַינע, דאָרט וועט איינגיכן פאָרקומען אַן אויפשטאַנד. איך מיט גערריןֽ האָבן מיר אַ לאַנגע צייט געהונגערט צוזאַמען אין קאַנאַדע. דער־נאָך, אין אוקראַינע, האָב איך אים גערעטעוועט דאָס לעבן. ווען די הײדאַמאַקעס האָבן פאַרנומען יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט גערריִ, נישט קענענדיק אָנצילן, געשאָסן אויפן שטאָט פון אַ האַרמאַט, — נישט קענענדיק אָנצילן, — גערריִ, מ'זאָגט, אַז דו ביסט געווען שפּור? גערריןֽ האָט מען געכאַפּט און געוואָלט דערשיסן. אָבער איינאָוונט בין איך אָנגעקומען מיט מיין אָפּטיילונג און אים גערעטעוועט דאָס לעבן. כ'האָב זייער ליב דאָס לעבן, חבר גערריִ, — אַזוי ווי דו. כ'וויל גאָרנישט פון אַנדערע, אָבער כ'וועל נישט דערלויבן מיך אָנצורירן.

— חבר יוזעף, ווען די עלטער וועט קומען, וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיט זכרונות. ביסט זייער פּראַזיש.

— כ'האָב זייער ליב דאָס לעבן, גערריִ, ווייל כ'באַזיץ אַ פרייען ווילן.

— ביסט זייער פּראַזיש, חבר יוזעף.

— זאָל זיין אַזוי, — יוזעף האָט מיט פאַראַכטונג גע־צוקט די אַקסלען.

גערריִ איז אויפגעשטאַנען, אויסציענדיק די מוסקולן. דער פייער אין אויוון האָט געהאַלטן ביים אויסלעשן זיך. יוזיק

איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, מיט די הענט אויף זיין דינער טאַליע, געקוקט אין פייער. — אין קאַבינעט זענען אַריין אסקערקאַ, ניקאָלאַי, קיריל, נאַטאַליאַ, אננאַ, פּאַוולענקאָ. אין גאַסטצימער האָט סטאַסיק גענומען אויסשפּילן אויפן ראָיאַל אַ האָפּקע, אָבער גלייך אָפּגעהאַקט. נאַטאַליאַ איז פון הינטן צוגעגאַנגען צו יוזיקן, אים אַרויפגעלייגט די הענט אויף די אַקסלען, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ און געזאָגט:

—ליבער חבר יוזיק. מ׳דאַרף נישט טרויערן. סאַראַ רעגן! מיר האָבן זיך צענויפגעזאַמלט, כדי זיין צוזאַמען דעמדאָזיקן אָוונט.

סטאַסיק איז אַריינגעקומען אין אַ כאַלאַט מיט פראַנזן, אַ ברייל געטאָן:

— יוזקאַ, טרויער נישט! צי דען ביסטו אַ שוטה?

יוזיק האָט זיך אומגעדרייט און געזאָגט אינדערהויך, רויק און מיט פאַראַכטונג:

— חברים. שוראַ סטעצענקאָ איז נישט קיין חבר און נישט קיין רעוואָלוציאָנער. ער איז פּשוט אַ באַנדיט. געררי איז אַ גאַסט. קומט, לאָמיר זיך ווײַלן.

אין דער קאָמונע, אין אַלטן פּירשטלעכן הויז האָט מען זיך געוויילט זאָרגלאָז, מיט היץ, יונג. הינטער די פענסטער איז געווען אַ שטאָק-פינסטערניש, דער רעגן האָט געשמיסן און דער ווינט האָט גערוישט. אין גאַסטצימער האָט מען אָנגעצונדן די קענקעטן *) וועלכע זענען, מסתמא, צום לעצטן מאָל אָנגעצונדן געווען ביי די פּירשטן, מ׳האָט געטאַנצט, געזונגען, געשפּילט, געטאַנצט אַ מעטעליצע. פּאַוולענקאָ און נאַטאַליאַ האָבן געהיימניספול געבראַכט גערויכערטע שינקע, פלעשלעך מיט קאָניאַק, שנאַפּס און אַ קויש עפּל. געררי און די מיט אים געקומענע זענען נישט געווען, און צוליב דעם, וואָס הינטער די ווענט זענען געווען פרעמדע און איבער דער ערד האָבן זיך שוין געצויגן האַרבסטיקע, קאַלטע וואָלקנס, — איז אין זאַל געווען באַזונדערס געמיטלעך און פריילעך. מ׳האָט געקאָכט פּונש, מכבד געווען אַלעמען מיט אַ כּוסה, מ׳איז זיך

---

*) אַזאַ לאָמפּ.

צעגאַנגען איבער פאַרשיידענע ווינקלען און ווידער זיך צענויפ־געקומען, געוויצלט זיך, זיך געאַמפּערט, גערעדט. — מ׳איז זיך צעגאַנגען ווייט נאָך האַלבע נאַכט. — אַנדרעי איז אַרויס אויף דער טעראַסע, זיך צוגעהערט צום ווינט, באַטראַכט דעם חושך, געטראַכט וועגן דעם, אַז די ערד גייט צום האַרבסט, צו אונ־זער גראָען, אומעטיקן האַרבסט, וואָס פאַרשטעקט זיך אין נעפּל־דיקע פעלדער, געלע טאָלן. פון גאַסטצימער זענען זיך שוין אַלע צעגאַנגען, יוזיק האָט געזאָגט אָסקערקען:

— מ׳דאַרף אומעטום אַוועקשטעלן שמירה, אין שטוב וועלן זיך אויסבאַהאַלטן — דו, פּאַוולענקאָ, סוויגיד און ניקאָלאַי. מיט ביקסן און באָמבעס. יוזיק האָט זיך אומגעדרייט צו אַנ־דרעיען. אַ שמייכל געטאָן, — חבר אַנדרעי, איך מיט אייך וועלן מיר שלאָפן דאָ אין ווינקל־צימער, וווּ דער דיוואַן שטייט. כ׳וועל אייך באַגלייטן.

אין ווינקל־צימער האָט טונקל געברענט אַ ליכט ביים שפּיגל. פון ביידע זייטן, אין די גרויסע פענסטער, פאַרקיילעכטע אינדערהויך, האָט געבלאָזן אַ ווינט; די ראַמען זענען זיכער געווען שלעכט צוגעמאַכט, — איבערן צימער איז אַרומגעגאַנגען אַ ווינט, ער האָט טרויעריק געפּייפט. יוזיק האָט זיך לאַנג געוואַשן און גערייניקט, דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אַנדרעיען:

— זייט אַזוי גוט, חבר אַנדרעי, לייגט זיך שלאָפן. איך וועל נאָך זיין פאַרנומען ביי אַ האַלבע שעה. — גענומען דאָס ליכט און אַוועק, דאָס ליכט האָט ער איבערגעלאָזט אין שכנות־דיקן צימער, אין קאַבינעט, די טריט זענען שטיל געוואָרן פונדערווייטנס. די טונקעלע ליכט־שיין איז געפאַלן פון היג־טערן פאַרהאַנג.

לאַנג איז געווען שטיל. אַנדרעי האָט זיך געלייגט אויפן דיוואַן. און פלוצלונג האָט מען אין קאַבינעט גענומען ריידן, — די צוריק־טריט האָט אַנדרעי נישט געהערט.

— יוזיק, דו דאַרפסט זאָגן אַלץ, — האָט געזאָגט קיריל.

— שטילער, — דעם צווייטן קול האָט אַנדרעי נישט דערקענט.

— גוט, כ׳וועל זאָגן, — יוזיק האָט גערעדט שטיל, לאַנג, רואיק, אָפּגעריסענע ווערטער האָט אַנדרעי געהערט.

— ...גערריי און סטעצענקאָ זענען צוגעקומען צו מיר און גערריי האָט געזאָגט: — „ביסט אַרעסטירט", אָבער איך האָב אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע און געענטפערט: חבר גערריי, אויך איך האָב ליב דאָס לעבן, אַזוי ווי דו, און יעדער, ווער ס׳וועט אויפהויבן אַ האַנט, וועט שטאַרבן פריער פאַר מיר". כ׳האָב דאָס געזאָגט און געגומען גיין, און זיי זענען געבליבן שטיין, ווייל זיי זענען באַנדיטן און פחדנים...

. . . גערריי פאָדערט יענע מיליאָנען, וועלכע מיר האָבן גענומען ביי די עקספּראָפּריאַציעס פון יעקאַטערינאָסלאַווער באַנק... גערריי האָט פאַרגעסן קאַנאַדע...

. . . כ׳וועל אים גאָרנישט געבן, איך בין אַ קינד פון רעוואָלוציע און פון טויט, פון בלוט.

דאָס שעפּטשען האָט געדויערט לאַנג און געקוועלט, דערנאָך האָט יוזיק געזאָגט אינדערהויך, אַזוי ווי תמיד.

— פּאַוולענקאָ, שיק צו מיר גערריין. זאָג קירילן און סווירידן, זיי זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָזיקן צימער, מיט געווער.

פּאַוולענקאָס טריט זענען שטיל געוואָרן, ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שטילקייט, ס׳זענען געקומען צוויי, בראַזגענדיק מיט די ביקסן. סוויריד האָט זיך געשטעלט הינטערן פאָרהאַנג נעבן אַנדרעיען. דערנאָך האָבן פונדערווייטנס אָפּגעהילכט גערריס שווערע טריט.

— חבר יוזעף, האָסט מיך גערופן?

— יאָ. כ׳האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז דו וועסט פון מיר קיין פּרוטה נישט באַקומען. און כ׳בעט דיך תיכף ומיד צו פאַרלאָזן די קאָמונע, — יוזיק האָט זיך אומגעדרייט און מיט פעסטע טריט אַוועק אין ווינקל-צימער.

— חבר יוזעף.

יוזיק האָט זיך נישט אָפּגערופן, אויף אַ רגע האָט זיך געלאָזט הערן דער פּאַריתומטער ווינט, ס'האָבן זיך גענומען טשאָפּען אויף צוריק גערריס אונטערגעשמידטע שטיוול. אַנד־רעי האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק. יוזיק האָט זיך געדרישלאָז אויסגעטאָן, זיך געלייגט, און תיכף גענומען כראָפּע

— מיטן באַגינען האָט אַ שיסעריי אויפגעוועקט אַנדרעיען. באַך—באַך! האָט געקנאַלט אין שכנותדיקן צימער, פונדער־ווייטנס האָט מען געענטפערט מיט אַ זאַלפּ, ס'האָבן זיך דער־טראָגן שאָסן פון גאַס, אויפן גאַנעק האָט גענומען קנאַקן אַ קוילנוואַרפער און תיכף שטיל געוואָרן. אַנדרעי איז אויפגע־שפּרונגען, יוזיק האָט אים אָפּגעהאַלטן, יוזיק איז געלעגן אין בעט מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענער האַנט און די האַנט האָט פעסט געהאַלטן אַ ברויזינג.

— חבר אַנדרעי, באַאומרואיקט זיך נישט. דאָס איז אַ מיספאַרשטענדעניש.

אינדערפרי איז שוין קיינער נישט געווען אין דער קאָ־מונע. דאָס הויז, דער הויף, דער פּאַרק זענען געווען פּוסט. אַננאַ האָט געזאָגט אַנדרעיען, אַז אין ביידל ביים טויער מיט די לייבן ליגן דערהרגעטע — פּאַוולענקאָ, סווירּיד, געררי, סטעצענקאָ און נאַטאַליאַ...

בייטאָג איז אָנגעקומען אין דער קאָמונע אַן אָפּטיילונג זעלנער פון סאָוועט.

די לעצטע נאַכט האָט אַנדרעי פאַרבראַכט ביי ניקאָלאַ, וואָס אין די ווייסע ברינעמער. יעגאַרקאַ איז איבאָוונט געגאַנ־גען באַקוקן די העכט־נעצן און געבראַכט אַ העכט. מ'איז גע־זעסן ביי אַ קינעלע, די נאַכט איז געווען אַ חושכדיקע, אַ טויבע, אַ רעגנדיקע. אַנדרעי איז געגאַנגען צום קוואַל נאָך וואַסער, ביי ניקאָלאַן אויפן גלאָקן-טורעם האָבן פון ווינט טרוי־

ריק געהוּדיעט די ג׳אָקן, אין חושך האט די צערקווע אויס-עזען נאָך מער איינגעזונקען אין דר׳ערד, נאָר מער חרוב. די סאָסנעס האָבן גערוישט. אין חושך איז פון די סאָסנעס צוגעפאָרן אַ רייטער אין אַ פאַפאַכע, אין אַ בורקע און מיט אַ ביקס.

— ווער פאָרט ?

— היידאַ.

— חבר יוזיק ?

— דאָס זענט איר, חבר אַנדרעי ? — יוזיק האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד. — כ׳פאָר צו אייך. — געשוויגן אַ ווײַלע. — איר מוזט אַוועק פון דאַנעט. אינדערפרי וועט מען אייך כאַפּן און, מסתּמא, דערשיסן. מאָרגן גייען מיר אַוועק פון דאַנעט — קיין אוקראַינע. קומט מיט אונז.

אַנדרעי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט זיי. זיך צעזעגנט.

— אינגיכן איז שוין האַרבסט. נישטאָ קיין שטערן, אַן אַלוועלטלעכע תּפיסה — געדענקט. זאָל אייך גאָט געבן אַלדאָס גליק. לעבן.

יוזיק האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער ראַפּטום אומגעדרייט דאָס פערד און אַוועקגעריטן פוסטריט.

מיטן באַגינען איז שוין אַנדרעי געווען אויף דער סטאַציע, אויף דער סטאַציע „מאַר״, זיך אַרײַנגעשטופּט צו די שמוגלער אין „טעפּלושקאַ״. אין באַגיניקער גראָער טריבקייט האָט פאַריתומט געוויינט אַ קינד, און פיינלעך, איינטאָניק האָט געשריגן אַ איבערגעמאַטערט-פריילעך קול :

— גאַווריִלאַ — דריי ! דריי, גאַווריושקאַ — אַ !..

דער צוג איז געשטאַנען זייער לאַנג, דערנאָך זיך פאַמעלעך אַ ריר-געטאָן, אַ פיינלעכער און שמוציקער, ווי אַ חזיר.

אַזוי איז אויסגעגאַנגען די אַנאַרכיסטישע קאָמונע אין פּאַרעטשיע. —

— און אָט איז אַ דערציילונג וועגן דעם, ווי אזוי ס'איז אומגעקומען די פּריצישע פּאַרעטשיע: דאָס איז געווען אין די ערשטע שייטערהויפנס פון דער רעוואָלוציע, זינט דאַן האָבן שוין אַ סך שייטערהויפנס אויסגעברענט און אַ סך ווי־כערדיקע לידער האָבן אויסגעזונגען די טעג, אָפּמעקנדיק דעם זכר פון מענטשן. אָט איז די דערציילונג.

דאָס ערשטע אָפּשטאַרבן

— אגב, צי דען איז אין דער רעוואָלוציע, צי דען איז אין דער רעוואָלוציע געשטאָרבן דאָס טויטע? דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון רעוואָלוציע, דאַן האָט נאָך געלעבט דער פּירשט באָריס אָרדינין. אָט איז די דערציילונג.

ערשטער פראגמענט:

מיט די אויגן פון באָריס אָרדינינס טרויער

אין די פענסטער פון גאַסטצימער האָט לאַנג אַריינגע־קוקט די זון דורכן פוסטן האַרבסטיקן פּאַרק. אין דער פּוס־טער האַרבסטיקער שטילקייט האָבן געשריגן איבער די פּעל־דער „קראָען־התוגות". — אין דאָזיקן הויז, האָט זיך געדוכט, איז אַדורך דאָס גאַנצע לעבן, און איצט האָט מען גע־דאַרפט אָוועקפאָרן, אויף תמיד: דער פּאַרזיצער בכבודו ובעצמו, איוואַן קאָלאָטוראָוו־קאָנאָגאָוו האָט געבראַכט די לעצטע פּאַר־אָרדנונג, אין קיך האָבן זיך שוין באַזעצט יענע, די פרעמדע.

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען מיטן בלאָען באַגינען, דער טאָג איז געקומען אַ גאָלדענער, אַ קלאָרער, מיט אַ ענד־לאָז־טיפן בלאָען הימל, — אין אַזעלכע טעג פלעגן אַמאָל די פּאָטערס גיין אויף יאַכט מיט ווינט־הינט. די פעלדער זענען איצט נאַקעט, עס שטאַרצן אַרויס טויטע קאָרן־פּיילן, עס וואַיען

שוין, מסתמא, די וועלף. נעכטן איינאָוונט האָט מען צוגע-
קלאַפּט ביים פאַראַדנעם איינגאַנג אַ רויט שילדל:

— טשערנאָרעטשענער אָרימקייטס-קאָמיטעט—

און אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געטומלט אין זאַל, עפּעס איינ-
שטעלנדיק. דער גאַסטצימער איז נאָך געבליבן ווי פריער, אין
לייענצימער גלאַנצן נאָך הינטער שויבן די באַגילטע רוקנס פון
ביכער,—אָ, ביכער, צי דען וועט זיך אויסנעמען אייער גיפט
און אייערע תענוגים?

אינדערפרי איז אויפגעשטאַנען מיטן בלאָען באַגינען —
דער פירשט באָריס אָרדינין — און אַוועק אין פעלד, אַ גאַנצן
טאָג ארומגעבלאָנקעט, געטרונקען דעם לעצטן האַרבסטיקן ווײַן,
זיך צוגעהערט צו די קראָען-חתונות: ווען ער פלעגט צוזען
אין דער קינדהייט דעמדאָזיקן האַרבסטיקן פייגל-קאַרנאַוואַל
פלעגט ער פליעסקען אין די הענט און שרייען אויסער זיך: —
„נישט אויף מיין חתונה, נישט אויף מיין חתונה”. — ס'איז
אָבער קיינמאָל קיין שום חתונה נישט געווען, די טעג זענען
שוין געציילטע, ער האָט געלעבט לשם ליבע, געווען אַ סך
ליבשאַפטן, ס'איז געווען ווייטאָק און ס'איז דאָ ווייטאָק — און
אַ פוסטקייט, אַ פאַרוויסטונג. ס'איז געווען דער גיפט פון מאָסק-
ווער פּאָוואַרסקע, פון ביכער און פרויען, — ס'איז געווען
דער טרויער פון האַרבסטיקן פאָרעטשיע, ער פלעגט דאָ תמיד
לעבן האַרבסטצייט. דאָס זענען זיינע געדאַנקען. ער איז גע-
גאַנגען מיט ליידיקע פעלדער אָן וועגן. אין די גראָבנס האָבן
פורפור-רויט געברענט די עספּעס, פון הינטן אונטערן אַוועק
איז געשטאַנען אַ ווייס הויז, צווישן לילאָווע צעלטן פון שי-
טער-ווערנדיקן פאַרק. אומענדלעך ווייט זענען געווען די ווייט-
קייטן, די בלאָע, די קרישטאָלענע. די שלייפן זענען שיטער
געוואָרן און זיי גראָען זיך — וועסט נישט אָפּשטעלן, וועסט
נישט אומקערן.

אין פעלד האָט ער באַגעגנט אַ פויער, אַ קדמונימדיקן,
אַן אייביקן, מיט אַ פור זעק, און אַ שעפּסן-פעלצל, — אַ

וואַנט אַ שווייגנדיקע, — אַראָפּגענומען דאָס היטל, אָפּגעשטעלט די שקאַפּע, ביז ס'איז פאַרביי — דער פּריץ.

— גאָט העלף, אייער דורכלויכט, — אַ טשמאָקע געטאָן, אַ צי געטאָן די לייטשעס, גענומען פאָרן, דערנאָך זיך ווידער אָפּגעשטעלט, אַ געשריי געטאָן: — באַרין! קום נאָר אַהער, כ'וויל עפּעס זאָגן!

ער האָט זיך אומגעקערט. דעם פויערס פּנים איז אינגאַנצן פאַרוואָקסן מיט האָר, אין קנייטשן — אַ זקן.

— וואָס־זשע וועסטו איצט טאָן, באַרין?

— שווער צו זאָגן.

— ווען אַוועקגיין? — די תבואה נעמט מען צו — אָרימקייט־קאָמיטעטן. נישט קיין שוועבעלעך, נישט קיין מאַנוכּ־פאַקטור, — אַ קינעלע ברען איך... תבואה הייסט מען נישט פאַרקויפן, — קום נאָר אַהער, כ'פיר הינטן־ארום אויף דער סטאַציע. פון מאָסקווע איז מען אָנגעפאָרן—בנו... פינף־און־דרייסיק!...—פינף־און־דרייסיק!.. אָבער וואָס קען מען קויפן דערפאַר?— ס'איז פריילעך, פונדעסטוועגן, זייער פריילעך!.. פאַררויכער, באַרין.

ער האָט קיינמאָל קיין מאַכאָרקע נישט גערויכערט, — צענויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָס. אַרום און אַרום — סטעפּ. קיינער וועט נישט דערזען, ס'דוכט זיך, אַז דער פויער באַדויערט און ס'ווילט זיך מ'זאָל באַדויערן. זיך געזעגנט, זיך געגעבן די הענט, זיך ראַפּטום אויסגעדרייט, אַוועק אהיים. אין פּאַרק איז דאָס וואַסער אין דער סאַזשעלקע געלעגן ווי אַ שפּיגל, בלאָ, — דאָס וואסער אין דער סאַזשעלקע איז תמיד געווען קאַלט, דורכזיכטיק, ווי גלאָז: נאָך נישט די צייט ענטגילטיק פאַרפרוירן צו ווערן. די זון האָט זיך שוין איבערגערוקט צו מערב־צו.

אַריין אין קאַבינעט, זיך געזעצט צום טיש, אויפגעעפנט די שופלאָדן מיט די בריוו — דאָס גאַנצע לעבן, וועסט נישט מיטנעמען מיט זיך. אויסגעשאָקלט דעם שופלאָד אויפן טיש, אַוועק אין גאַסטצימער צום אויוון. אויפן אַלבאָם־טישל איז געשטאַנען אַ קריגל מילך, ברויט. איינגעהייצט אין אויוון, גע־

ברענט פאַפּירן געשטאַנען, דערלעבן און געטרונקען מילך, גע-געסן ברויט — זיך אויסגעהונגערט פאַרן טאָג. אין די צימערן זענען שוין אַריינגעדרונגען די בלאָלעכע אָוונט-שאָטנס, הינטער די פענסטער איז אַ לילאָווער נעפּל. דער אויוון האָט גע-ברענט לינקס, דאָס מילך איז געווען נישט פריש, דאָס ברויט — פאַרדאַרט.

אין שטילקייט פון קאָרידאָר האָבן געטומען טאָפּשטעון שטיוול. ס'איז אַריין איוואַן קאָלאָטוראָוו, דער פאָרזיצער, אין אַ שינעל, מיט אַ רעוואָלווער ביים גאַרטל, — איוואַן קאָלאָטו-ראָוו-קאָנאָנאָוו: — צוזאַמען געשפּילט זיך יינגלווייז, — דער-נאָך געווען אַ מיושבדיקער פּויער, אַ בעל-הבית, אַן אַרבעט-זאַמער. שטיל-שווייגנדיק איבערגעגעבן אַ פּאַפּיר, געבליבן שטיין אינמיטן צימער.

אין פּאַפּיר איז געווען אָנגערעמינגטאָנעוועט

„צום פריץ אָרדינין. דער טשערנאָרעטשענער אָרימקייט-קאָמיטעט פאַראָרדנט תּיכּף ומיד צו פאַרלאָזן מיט דער אָנ-ווענזנהייט דעם סאָוועטישן גוט פאַרעטשיע און די גרענעצן פון אויעזד. פאָרזיצער א. וו. קאָלאָטוראָוו".

— נו גוט, כ'וועל היינט אינאָוונט אָפּפאָרן.

— קיין פערד וועט איר נישט באַקומען.

— כ'וועל גיין צופוס.

— ווי איר פאַרשטייט. קיין שום זאַכן נישט מיטנעמען, — זיך אומגעדרייט, געשטאַנען אַ מינוט מיט דער פּלייצע פאַר-טראַכטערהייט און אַוועק.

גראָד אין דערדאָזיקער רגע האָט דער זייגער אויסגע-שלאָגן דריי פערטל, — דער זייגער פון קוואַלדינס אַרבעט, אַ מייסטער פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ער איז געשטאַנען אין קרעמלער פּאַלאַץ אין מאָסקווע, דערנאָך געדרייזט מיט די פירשטן באַלקאָנסקיס איבער קאַווקאַז. — וויפל מאָל האָט ער געמאַכט זיין „טיק-טאַק", כדי אָוועקצוטראָגן צוויי יאָרהונדערטן! ער האָט זיך צוגעזעצט נעבן פענסטער, געקוקט אין שיטער-געוואָרענעם פּאַרק, געזעסן אומבאַוועגלעך ביי אַ שעה צייט.

אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין מאַרמאָרנעםביישטידל, גע-טראַכט, זיך דערמאָנט. די פּאַרטראַכטקייט האָט איבערגעריסן קאָלאָטוראָוו, ער איז אַריין שטילשווייגנדיק מיט אַ פּאָר יונ-גען, אַדורך אין קאַבינעט, שטילשווייגנדיק זיך באַמיט אויפצו-הויבן דעם שרייב-טיש, עפּעס האָט אַ פּלאַץ געטאָן.

זיך אויפגעהויבן, גענומען איילן זיך. אָנגעטאָן זיין ברייטן ענגלישן פּאַלטן, די פּילצענע הוט. אַרויס דורך דער טערראַסע, אַדורך איבער די רוישנדיקע בלעטער פון גזט, פאַרביי דעם פערד-הויף, דעם בראָנפן-באַטריב, זיך אַראָפּגע-לאָזן אין גראָבן, זיך אויפגעהויבן אויף זיין צווייטן ברעג, צו ניקאָלאַ, זיך איינגעמאַטערט און באַשלאָסן, אַז מ׳דאַרף גיין נישט געאיילט, גיין דרייסיק וויאָרסט, צום ערשטן מאָל גיין דאָ צופוס. ווי אַלץ איז, אין תוך גענומען, פּשוט, — האָט ער זיך געטראַכט, — און — און בלויז מיט דער פּשוטקייט איז עס שרעקלעך.

די זון האָט זיך שוין באַהאַלטן הינטער דער ערד, פאַר-פאַרן האָט געפלאַקערט דער מערב. ס׳איז פאַרבייגעלאָפן די לעצטע קראָען-חתונה און ס׳איז אַנטשטאַנען די האַרבסטיקע סטעפּן-שטילקייט. דער חושך האָט זיך שנעל דערנענטערט, אַ געדיכטער, אַ שוואַרצער. אין הימל האָבן זיך אָנגעצונדן שטערן. ער איז געגאַנגען מונטער, גלייך, מיט אַ פאַרוואָרפענעם סטעפּ-שטעג. דעם ערשטן מאָל אין לעבן איז ער געגאַנגען אַזוי לייכט, אָן אַ שום זאַך, נישט וויסנדיק וווהין און צוואָס. ער-גען-ווו זייער ווייט אין די סעקטאַנטישע ישובים האָבן געבילט הינט. ס׳זענען אָנגעקומען חושך און נאַכט, אַ האַרבסטיקע, אַ שטומע, מיט אַ פעסטן פרעסטל.

צוועלף וויאָרסט איז ער דורכגעגאַנגען מונטער, אומבאַ-מערקט, דערנאָך האט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע — איבערבינדן דעם בענדל ביי די שיך און פּלוצלונג דערשפּירט אַ גרענעצלאָזע מידקייט, די פיס האָבן זיך געבראָכן, אין משך פון טאָג האָט ער שוין דורכגעוואַנדערט אַ וויאָרסט פערציק. פאַר אים האָט זיך געפונען דער דאָרף מאַכמיטקא, — אין

דער יוגנט, אַלס ליצעאיסט, פלעגט ער דאָ פאָרן שטילערהייט צו דער סאָלדאַטקע, איצט וועט ער נישט גיין צו איר — קיינמאָל נישט, פאר קיין געלט נישט, אַ שקלאַפין. דאָס דאָרף איז געלעגן אַ צוגעפלאַטשיקטס צו דער ערד, פאַרוואָרפן מיט גרויסע סטויגן שטרוי, און געשמעקט מיט תבואה און מיסט. די הינט האָבן מקבל פנים געווען מיט אַ געבילעריי, ווי טונקעלע קוי־ן זיך אַרויסגעקייקלט הינטערן דאָרף, צו די פיס, אַ גאַנצע טשאַטע.

דורכגעגאַנגען דעם מארדווינישן ישוב און אויף דער רוסישער זייט אָנגעקלאַפט אין אַ פענסטערל, אין דער ערשטער כאַטע, הינטערן פענסטער האָט געברענט, געטליעט אַ קינעלע. בישט גיך האָט מען זיך אָפגערופן.

— ווער איז דאָרט?

— לאָזט אַריין, מענטשן גוטע, איבערנעכטיקן.

— און ווער אַזוינער?

— אַ דורכגייער

— נו, גלייך.

ס׳איז אַרויס א פויער אין ראָזע גאַטקעס, באָרוויס, מיט אַ קינעלע, באַלויכטן, באַטראַכט.

— דער פירשט? אייער דורכלויכט! זיך דערוואַרט, האַ? נו מילא, קום!

אויפן דיל האָט מען אָנגעלייגט שטרוי, אַ גרויסן הויפן, דער גריל האָט געגרילצט, ס׳האָט געשמעקט מיט רויך און מיסט.

— לייג זיך, פירשט. זאָל דיך גאָט באַשירעמען.

דער פויער איז אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון, אַ זיפץ געטאָן, דאָס ווייב האָט עפּעס גענומען שעפטשען, דער פויער האָט אַ וואָרטשע־געטאָן, דערנאָך הויך געזאָגט:

— פירשט. דו שלאָף, און באַגינען גיי אַוועק נאָך פאר ליכט, מ׳זאָל נישט זען. ווייסט אַליין, די צייט איז אַן אומרואיקע, און דו — ביסט אַ באַרין. די באַרינס דאַרף מען פטרן.

דער גריל האָט געגרילצט. אין ווינקל האָבן געברוקעט

CLUB
אידישער
קולטור פאראיין

די חזירימלעך. ער האָט זיך געלייגט אין די זאַכן, דעם הוט אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ, גלייך געפּאַקט אויפן האַלז אַ פּרייס. אין פאַרוואָרפענעם סטעפּ, אַ פאַרשאָטענע מיט תבואה, אַ שטרויענע, איינגאַנצן אין שטרויענע סטויגן, מיט כאַטעס, דורכגעפּרעסענע פון לייז, וואַנצן, פליי, קראַץ-מילבן, פּרייסן, אַ דורכגעקאָפּטשעטע, שטינקנדיקע, וווּ ס'לעבן צוזאַמען מענטשן, קעלבער און חזירים — איז געלעגן אויף שטרוי פּירשט אַרדינין (שוין איצט אַ שוכן עפר), זיך געדרייט פון די פליי און געטראַכט וועגן דעם, אַז איצט אין שטינקנדיקער ווארעמקייט, אַן אויסגעשעפּטער — לעבט ער דורך אַן אמתן גליק. ס'איז צוגעקומען אַ חזירל, באַשמעקט און אָפּגעגאַנגען. אין פענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ נידעריקער, קלאָרער שטערן, — אומענדלעך איז די וועלט. אין דאָרף האָט מען געזונגען לידער.

ווי אַזוי ער איז איינגעשלאָפן, — האָט ער נישט באַמערקט. מיטן באַגינען האָט אויפגעוועקט די פויערטע, אַרויסגעפירט דורכן הינטערשטן גאַנג. דער באַגינען איז געווען אַ בלאָער, אַ קאַלטער, אויפן גראָז האָט זיך אָפּגעזעצט אַ גראָפּרעסטל, געגומען גיין גיך, פאָכענדיק מיטן שפּיצרוט, מיט אַן אויפגעשטעלטן פּאַלטן-קאָלנער. דער הימל איז געווען וווּנדערבאַר טיף און בלאָ, אויף דער סטאַציע „ראַזיעזד מאַר" האָט זיך דער פּירשט צוזאַמען מיט שמוגלערס און מעל-זעק אַריינגעשפּאַרט אין „טעפּלושקע" און דאָרט, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, אויסגעשמירט מיט ווייסן מעל — איז ער אָפּגעפאָרן...

צווייטער פראַגמענט: מיט די אויגן פון איוואַן קאָלאָטוראָווס טרויער.

איוואַן קאָלאָטוראָוו — דער פּאָרזיצער — האָט צוואַנציק יאָר באַאַרבעט זיין צוויי-נפשות-נחלה*), פלעגט תמיד אויפשטיין

---

*) די רוסישע דאָרף-עדה פלעגט יעדן איינצלנעם ערד לויט דער צאָל פאַמיליע-נפשות (איב.)

אַ שפּראָץ אויף טאָג און געאַרבעט — געגראָבן, געבראָנעוועט, געדראָשן, געהעבלעוועט, פֿאַרריכט, — געאַרבעט מיט זיינע גרויסע, נישט-בויגזאַמע, מאָזאָלנע הענט. אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי, פֿלעגט ער זיך אונטערפּאַקן מיט קאַרטאָפֿל און ברויט און אַרויסגיין פֿון כאַטע, — כּדי צו טאָן וואָס — ביי האָלץ, שטיין, אייזן, ערד, בהמות. ער איז געווען אַרבעטזאַם, ערלעך, מיושבֿדיק. אין פֿינפֿטן יאָר נאָך (ער איז געפֿאָרן פֿון סטאַציע אַרויסגענומען אויף דער פֿור אַ פֿאַרשוין אין אַן אַרבעטער-קורטקע) האָט מען אים דערציילט, אַז פֿאַר גאָט זענען אַלע גלייך, אַז די ערד געהערט זיי, די פּויערים, אַז די פּריצים האָבן די ערד צוגעגנבֿעט, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען מ'וועט זיך דאַרפֿן נעמען פֿאַר דער אַרבעט. איוואַן קאָלאָטוראָוו האָט שלעכט פֿאַרשטאַנען, וואָס מ'וועט דאַרפֿן טאָן, אָבער ווען די רעוואָלוציע איז אָנגעקומען, זיך דערקייקלט צו דעם סטעפּ — האָט ער זיך אויפֿגעהויבן דער ערשטער, כּדי צו טאָן. און דערשפּירט אַ ·טרויער. ער האָט אַלץ געוואָלט טאָן ערלעך, ער האָט געקענט טאָן בלויז מיט די הענט, גראָבן, אַקערן, פֿאַרריכטן. מ'האָט אים געוויילט אין וואָלאָסטנעם קאָמיטעט — ער איז געווינט געווען אויפֿצושטיין אַ שפּראָץ אויף טאָג און תּיכּף זיך נעמען צו דער אַרבעט, — און איצט האָט ער ביז צען געדאַרפֿט גאָרנישט טאָן, צען אַזייגער איז ער געגאַנגען אין קאָמיטעט, ווו ער פֿלעגט מיט דער גרעסטער מאַטערניש אונטערשרייבן פּאַפּירן, — אָבער דאָס איז נישט געווען קיין אַרבעט: די פּאַפּירן פֿלעגן אָנקומען און אָפּגיין אָן זיין ווילן, ער האָט זיי נישט פֿאַרשטאַנען, ער פֿלעגט זיי בלויז אונטערשרייבן. ער האָט געוואָלט טאָן. פֿרילינגצייט איז ער אַוועק אַהיים — אַקערן. אין האַרבסט האָט מען אים געוויילט אַלס פֿאָרזיצער פֿון אָרימקייט-קאָמיטעט. ער האָט זיך באַזעצט אין פּירשטלעכן גוט, אָנגעטאָן דעם ברודערס זעלנערשן שינעל, זיך פֿאַרגאַרטלט מיט אַ רעוואָלווער.

איינאָוונט פֿלעגט ער אַריינקומען אַהיים, דאָס ווייב פֿלעגט באַגעגענען אַ ברוגזע, געפּאָכעט מיט די עלנבויגנס, צוגעגרייט

אַ מורצאָווקע, *) אויפן אויוון זענען געזעסן די חברה, דאָס קינעלע האָט געטשאַדעט.
— אַ סברה, וועסט שוין גאָרנישט וועלן עסן מיט אונז נאָך די פּריצישע מאכלים. אַ פּריץ געוואָרן.
פאַרשוויגן. געזעסן אויף דער באַנק אין עק שטוב, אונטער די הייליקע בילדער, ווי אַ גאַסט.
— זע, מיט וועמען האָסטו דאָס אַן עסק? הוילע פּיינט זיך צענויפגעקליבן. איינער אין איינעם — דם-שונאם.
— שווייג, שוטה. פאַרשטייסט נישט, טאָ שווייג.
— מיט מיר שעמסטו זיך, באַהאַלסט זיך אויס.
— קום לעבן צוזאַמען.
— כ'על נישט גיין.
— שוטה.
— שוין זידלען זיך אויסגעלערנט... נאַ, פרעס מורצאָווקע, אָדער האָסט זיך שוין אפשר אָפּגעוווינט ביים פּריצישן חזיר-פלייש?
אינדעראמתן, ער איז שוין זאַט געווען, און זי האָט גע-טראָפן — פון חזיר-פלייש. גענומען סאָפּען.
— אַ נאַר און שוין.
ער איז געקומען כדי איבעררײדן וועגן דער ווירטשאַפט, זיך דורכשמועסן. און אַוועק מיט גאָרנישט. דאָס ווייב האָט אָנגעפירט דאָס קראַנקע אָרט — אַלע בכבודע פּויערים האָבן זיך גענומען דערווייטערן, אין קאָמיטעט האָבן זיך צענויפגע-קליבן בלויז אַזעלכע — וואָס האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן. ער איז דורך דעם דאָרף, דעם פּאַרק, אויפן פערד-הויף איז געווען ליכטיק, אַריין אַ קוק טאָן — די יונגען האָבן זיך צע-נויפגעקליבן און געשפּילט אין דריי בלעטלעך, — גערוי-כערט, — איז ער אונטערגעשטאַנען, שטרענג אַ זאָג געטאָן;
— איר טוט נישט רעכט, חברה. איר וועט אונטערצינדן.
— נו, ז'וואָס, אַ היטער געוואָרן פון פרעמדן גוטס.
— נישט קיין פרעמדס, נאָר אונזערס.

*) אַ רוסישער אָרימער מאכל. (איב.)

זיך אויסגעדרייט און אַוועק. פון הינטן האָט מען אים נאָכגעשריגן:

— פעטערל איוואַן! דער שליסל פון בראָנפן-קעלער איז ביי דיר? דאָרט איז, מסתמא, דאָ שפּירט. סט'נישט געבן, וועלן מיר אויפברעכן!

אין שטוב איז געווען פינסטער, שטיל, אין גאַסטצימער האָט נאָך געוווינט דער פירשט. די גרויסע צימערן זענען געווען אַזוי אומגעוווינט, אימהדיק. אַריין אין קאַנצעלאַריע (געוועזענע עסשטוב), אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. די גאַנצע צייט זיך באַמיט וועגן ריינקייט, — אויפן דיל זענען געלעגן קופּקעלעך בלאָטע פון די שטיוול: בשום אופן האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס לאָזן נישט איבער נאָך זיך קיין שפּורן די פּריצישע שטיוול, זיך געשטעלט אויף די קני, און צונויפגענומען פון דיל די בלאָטע, אַרויסגעוואָרפן הינטערן פענסטער, געבראַכט אַ באַרשט, צוגעקערט. וואָס צו טאָן איז נישט געווען. אַרויס אין קיך, זיך געלייגט אין אָנטאָן אויפן באַנק, לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן.

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, אַרומגעגאַנגען איבערן גוט. אויפן פערד-הויף האָבן נאָך די יונגען געשפּילט אין דריי בלעטלעך — „כ'גיי אונטער דיר און כ'דעק".

— וואָס שלאָפסטו נישט?

— שוין אויסגעשלאָפן זיך.

אויפגעוועקט די שטאַל-מוידן. דער שטאַל-יונג סעמיאָן איז אַרויס אינדרויסן, געשטאַנען, זיך געקראַצט, מיט האַרץ אָפּגעלאָזן אַ קללה, אַן אומצופרידענער, וואָס מ'האָט אויפגעוועקט, און געזאָגט:

— שטעק נישט די נאָז נישט אין דיינע עסקים. כ'וויים אַליין ווען צו וועקן.

דער באַגינען איז געווען אַ בלאָער, אַ קלאָרער, אַ פּראָסטיקער. אין גאַסטצימער האָט זיך באַוויזן ליכט, געזען, ווי דער פירשט איז אַרויס דורך דער טעראַסע, אַוועק אין סטעפּ

צען אזייגער האָט ער זיך געזעצט אין קאַנצעלאַריע, זיך פאַרנומען מיט דער פיינלעכסטער — און לויט זיין מיי־נונג, מיט דער אומנוצלעכסטער — אַרבעט, צענויפגעשטעלט אַ רשימה פונם קאָרן און ווייץ, וואָס יעדער פויער פאַרמאָגט, — זינלאָז איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געוווּסט אויף אויסנווייניק, וויפל און וואָס יעדער פויער האָט, אַזוי ווי אַלע אויפן דאָרף האָבן עס געוווּסט, און פיינלעך איז עס געווען דערפאַר, וואָס מ׳האָט געדאַרפט זייער פיל שרייבן. פון שטאָט האָט מען טעלעפאָניש אָנגעקלונגען, געהייסן אַרויסזעצן דעם פירשט. אַ גאַנצע שעה האָט ער געשריבן אויף דער שרייב־מאַשין די פאַראָרדענונג צום פירשט.

אין אָוונט איז דער פירשט אַוועק. מ׳האָט גענומען איבערשלעפּן, איבערשטעלן די זאַכן, מ׳האָט אָפּגעריסן אַ פּאַפּיר־לייסט ביים שרייב־טיש. מ׳האָט געוואָלט איבערשטעלן דעם זייגער אין קאַנצעלאַריע, אָבער עמיץ האָט באַמערקט, אַז ער האָט בלויז איין ווייזער, — קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז די אַלטע קוואַלדינער זייגערס דאַרפן האָבן בלויז איין ווייזער, וועלכער ווייזט יעדע פינף מינוט, דערפאַר מסתמא, ווייל אַמאָל האָט מען נישט געזשאַלעוועט קיין מינוטן, — עמיץ האָט באַ־מערקט, אַז דער זייגער נעמט זיך אַרויס פון פּוטלאַר, און איוואַן קאַלאַטוראָוו האָט פאַראָרדנט:

— נעם אַרויס דעם זייגער פון קעסטל! זאָג דעם סטאָ־לאַר, ער זאָל צומאַכן פּאָליצעס. וועט זיין אַ שאַפע פאַר דער קאַנצעלאַריע... אָבער טאָפּטשעט נישט מיט די פיס, מיט די פיס טאָפּטשעט נישט!

איבאָוונט איז געקומען צולויפן אַ פויערטע. אין דאָרף האָט פּאַסירט אַ געשעעניש: די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט מען פאַרגוואַלדיקט אַ מויד, מ׳ווייס נישט ווער, היימישע זאָלן דאָס זיין, אָדער די מאָסקווער, וועלכע זענען געקומען צופאָרן נאָך אַעל, די פויערטע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די קאָמיטעט־לייט. די פויערטע איז געשטאַנען הינטער די פענסטער און געדעקט אויפן גאַנצן קול. — איוואַן קאַלאַטוראָוו האָט זי דורכגעטריבן,

געגעבן איבערן קאַרג. די פויערטע איז אַוועק מיט אַ יעלה.

ס'איז שוין געווען אינגאַנצן פינסטער, אין הויז איז געשטאַנען אַ שטילקייט, אויפן הויף האָבן די שטאַל-מוידן הויך געזונגען לידער. ער איז אַריין אין קאַבינעט, אונטערגעזעסן אויפן דיוואַן, אויסגעפרווט זיין קוואַליטעט און ווייכקייט, זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פאַרגעסענעם עלעקטרישן לעמפל, זיך געשפילט מיט אים, באַלויכטן די ווענט און דערזען אין גאַסטצימער אויפן דיל דעם זייגער, אַ טראַכט געטאָן — ווו זאָל מען אים אַהינטאָן? — אַוועקגעטראָגן און אַריינגעוואָרפן אין אָפטריט. אין צווייטן עק הויז האָט זיך אַריינגעשאָטן אַ מחנה יונגען, עמיץ האָט גענומען באַנצען אויפן ראָיאַל, איוואַן קאָלאַטוראָוו האָט חשק געהאַט זיי אַרויסצויאָגן, זיי זאָלן נישט מאַכן קיין אומאָרדנונגען, — ער האָט אָבער נישט געוואַגט. פלוצלונג האָט ער דערפילט אַ רחמנות צו זיך און צו דעם ווייב, ס'האָט זיך פאַרוואָלט אַהיים, אויפן אויוון.

דער גלאָק האָט געקלונגען צום אָוונטברויט. שטילערהייד האָט ער זיך פאַרגנבעט אין ספירט-קעלער, אָנגעגאָסן אַ קופעל, אויסגעטרונקען, באַוויזן צו פאַרשליסן דעם קעלער, אָבער ביזן שטוב נישט דערגאַנגען, אַ פאַל געטאָן אין פאַרק, לאַנג געלעגן, זיך אָנגעשטרענגט אויפצוהויבן, און כסדר געוואָלט דערציילן וועגן עפעס און דערקלערן, אָבער ער איז איינגעשלאָפן. די נאַכט איז געקומען אַ פינסטערע, אַ רויע, אַ האַרבסטיקע — זיך געצויגן איבער נאַקעטע פעלדער, קאַלטע און טויטע.

סיי די פריצישע פאָרעטשיע, סיי די אַנאַרכיסטישע פאָרעטשיע, סיי די פאָרעטשיע פון איוואַן קאָלאָטוראָוו זענען אומגעקומען דערפאַר, ווייל פ א ר ע ט ש י ע איז געווען ט ו י ט. דערפאַר, ווייל סיי די ערשטע סיי די צווייטע סיי די דריטע (צי דען האָט איוואַן קאָלאָטוראָוו נישט געהאַט אַלע מעגלעכע רעכט?!... ער האָט זיי געהאַט, פאַרשטייט זיך, ווייל דאָס אַ׳ן איז זיינס) — ווייל סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער סיי דער דריטער האָט געפעלט דאָס סאַמע ערשטע: אַ ווילן צו ה אַ נ ד ל ע ן, צו ש אַ פ ן, ווייל דאָס שאַפן צעשטערט ת מ י ד.

און —

די דריטע טייל פון טריפטיך.

די טונקלסטע.

אַ קאַלטער בין־השמשות נעמט אַרום די ערד, — יענער האַרבסטיקער בין־השמשות, ווען דער הימל איז שנייאיק און ווינטערדיק, און דער חושך דאַרף זיך אַרום באַגינען־צו צע־פּאַלן אין אַ שניי. די ערד איז שטום און שוואַרץ. סטעפּ. שוואַרץ־ערד. — וואָס טיפער אין סטעפּ, אַלץ העכער די תבואה־סטויגן, אַלץ נידעריקער די הייזער, אַלץ זעלטענער ישובים. פון סטעפּ – איבער אַ צערויבטן מדבר.

פון שוואַרצן שפּאַלט צווישן הימל און סטעפּ — בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. נאָך די אָפּגעקאָשעטע גראָזן, קאָרן און ווייץ שאָרשען אין סטעפּ קוים צו הערן די קרייטעכצער. באַלד הויבט זיך אויף אַ גלעזערנע לבנה. אויב וואָלקנס וועלן זיך נעמען שלעפּן, וועט זיין שניי: און נישט קיין פּרעסטל. — תבואה.

ביי דער סטאַציע שטייען לאַנג די אָקסן. די אָקסענע העלזער זענען אַראָפּגעלאָזט, די אָקסן שטייען תכנהעדיק, קוקן הכנעהדיק אין סטעפּ אַריין, סטעפּ־איינוווינער. דער צוג שלעפּט זיך פאַרביי, ווייטער. אין ישוב איז נישטאָ קיין צערקווע, עס שטאַרצט צום הימל אַן אָרעמער מעטשעט. סטעפּ. דער צוג שלעפּט זיך לאַנגזאַם — שוואַרץ־ברוינע „טעפּלושקעס”, באַשאָ־טענע מיט מענטשן, ווי דידאָזיקע מענטשן — מיט לייז. דער צוג איז שטום, מענטשן הענגען אויף די דעכער, אויף די טרעפּלעך, אויף די בופאָרן — און ביי דער קליינער סטאַציע „ראַזיעיד מאַר”, ווו צוגן שטעלן זיך קיינמאָל נישט אָפּ און מ׳בייט אַפילו נישט די שטאַנגען, הודיעט דער צוג — מיט אַ מענטשלעכן הודיען: פון דאָך צו דאָך שרייען די מענטשן צום לאָקאָמאָטיוו עפּעס שרעקלעכעס וועגן עפּעס אין דאָ־זיקן קאַלטן בין־השמשות. און „גאַווריִלאַ” שטעלט אָפּ דעם צוג. דער יונגער דעזשורנער אין אַ היטל מיט אַ רויטן ראַנד —

באַגעגנט פון אומעט דעם צוג אויף דער פּלאַטפאָרם. די מענטשן פון צוג לויפן הענדום-פּענדום צו די לוזשעס נאָך וואַסער. דער צוג הוזשעט ווי אַ בינשטאָק, הודיעט, צאַפּלט אויף, סקריפּעט ווי אַ בוידוואַנג, און אויף די שפּאַלעס בלייבט אַ פּויערטע מיט אויגן ווילד פון וויטאָק. די פּויערטע לויפט נאָכן צוג און שרייט ווילד:

— מיטיאַ, טיי-בעלע! שפּייז מיינע קינדער!

דערנאָך, פּאָכענדיק מיט איר קלומעקל, לויפט די פּויערטע ערגיץ-ווו הינטער די שפּאַלעס, וואָיענדיק און יאָמערנדיק ווי אַ צויג. פּאָראויס איז אַ פּוסטע סטעפּ-וויטקייט — די פּויערטע פּאַרקערעוועט און לויפט צו דער סטאַציע, צום דעזשורנעם, וואָס שטייט נאָך אַלץ אויף דער פּלאַטפאָרם פון אומעט און אין אומעט. די פּויערטע קוקט אויפן דעזשורנעם ווי אַ פּאַר-פּאָלגטע חיה, אירע ליפּן ציטערן-אויף, און די אויגן זענען פול מיט וויטאָק.

— וואָס איז דיר? פרעגט דער דעזשורנער.

די פּויערטע שווייגט, שרייט אויף אין קרעמפּן און, וואָיענדיק, לויפט זי ווידער ערגיץ-ווו אין אַ זייט, באָמבלענדיק מיט איר קלומעקל. דער סטרוזש, אַן אַלטער טאַטער, זאָגט אָנגעכמורעט:

— די באַבע דאַרף געלעגן ווערן. די באבע אַ קינד גייט האָבן — העי, באַבע, אַהער קום... אַ רוסיש באַבע איז ווי אַ קאַץ, — און דער אַלטער פירט די פּויערטע אין דער סטאַציע-הויז, אין זיין אַלקעקל, ווו עס וואַלגערן זיך אויף אַ טאַפּטשאַן אַ דורכגעפוילטער שעניק און אַ שעפּסן-פוטער. די פּויערטע וואַרפט זיך אויפן טאַפּשאַן באמת, ווי אַ קאַץ און שעפּטשעט ביין:

— אַוועק, דו מנוול — אַוועק. אַ פרוי רוף...

אָבער אויף דער סטאַציע איז נישטאָ קיין פרוי...

דער דעזשורנער גייט איבער דער פּלאַטפאָרם פון איין עק צום צווייטן, קוקט אין פינסטערן סטעפּ אַריין און טראַכט ביין: — אַזיע.

דער סטעפּ איז פּוסט און שטום. אין הימל שווימט אַ בּלעזערנע, קליינע לבנה. דער ווינט רוישט האַרט און קאַלט. דער דעשזורנער בּלאָנקעט זיך לאַנג אַרום איבּער דער פּלאַטפאָרם, דערנאָך גייט ער אין קאַנטאָר אַריין. הינטער דער וואַנט וואָיעט די פּויערטע. דער דעזשורנער קלינגט צו דער שכנותדיקער סטאַציע און זאָגט, ווי ס'זאָגן אַלע רוסישע דעזשורנע:

— אַכמיטאָאָוואַ! נעם אויף דעם אַכט-און-פופציגסטוון! גייט אַ וועלכעער?

אָבּער קיין איינציקער איז נישט געגאַנגען. דער דעזשורנער זיצט אויפן האַרטן מלוכהשן דיוואַן, בּלעטערט „פּראַבּוזשדעניע”, וואָס איז שוין טויזנט מאָל איבּערגעבּלעטערט געוואָרן און לייגט זיך, כּדי נישט צו זיצן. — דער אַלטער בּרענגט אַריין די לאָמפּ. דער דעזשורנער שלאָפט געשמאַק.

נאָך זיין דעזשורען גייט דער דעזשורנער אַהיים אין דאָרף. „ראַזיעזד מאַר”, אויף וועלכן ס'שטעלן זיך קיינמאָל נישט אָפּ קיין צוגן און מ'בּייט אפילו נישט די שטאַנגען, ווערט גלייך פאַרשווונדן אין חושך. אַרום איז פּוסטקייט און סטעפּ, דער דעזשורנער גייט פאַרבּיי דעם מאַר*): דער סטעפּן-קורגאַן**) הויבּט זיך אויף טויט און שטום, — ווער, ווען, וועלכע נאָמאַדן-שבטים האָבּן אים דאָ אָנגעשאָטן און וואָס היט ער אין זיך. — דאָס אָפּגעבּליאַקעטע פעדער-גראָז בּיים קור-גאַן רוישט, ווי אַן אַלטע בּבא-מעשה. די שוואַרץ-ערד אויפן שטעג האָט זיך איינגעטראַמפּעוועט ווי אַספאַלט און הילכט אונטער די פיס.

דער דאָרף איז שטום, די הינט בּילן. דער דעזשורנער גייט דורך דעם טאָטערישן ישוב, לאָזט זיך אַראָפּ אין גראָבּן, וו עס ווינט די מאָרדוואַ, הויבּט זיך אויף אויפן שפּיץ. אין שטוב שטעלט די סאָלדאַטקע אויפן טיש קאַשע, חזיר-פעטס,

---

*) אַ פּיראַמידנאַרטיקער שטיין-בּערגל, וואָס דינט אַלס קבר אין די סטעפּעס.

**) קורגאַן — אַ קבר-בּערגל (איב.)

מילך. דער דעזשורנער עסט אײליק, טוט זיך איבער וואָ־עלעגאַנטער און גײט צו דער לערערין צו גאַסט.

בײ דער לערערין שטעלט דער דעזשורנער אַרײן אין ליכט־האַלטער אײן קינעלע נאָך דער צװײטער און רעדט מיט טרױער:

— אַזיע. נישט קײן לאַנד, נאָר אַזיע. טאָטערן, מאָרדוואַ. דלות. נישט קײן לאַנד, נאָר אַזיע.

און דער דעזשורנער טראַכט װעגן זײן אָרעמקײט.

די לערערין, אַ געעלטערטע שױן, שטײט בײם אױוון, װיקלט זיך אין אַ װאָלענע טיכל. דערנאָך װאַרעמט אָן די לערערין דעם סאַמאָװאַר און מאַכט קאָרן־קאַװע...

שפּעט בײנאַכט גײט דער דעזשורנער שלאָפן צו זיך אין שטוב, בײ דער סאָלדאַטקע. די בעט סקריפּעט, אַ גימאַרע ברענטשעט. דער גריל גרילצט, אין װינקל הינטערן אױוון כרוקעט אַ חזירל. די סאָלדאַטקע נעמט אַראָפּ פון טיש, גײט אַרױס אינדרױסן. הינטער דער דינער לײמענער װאַנט הערט מען װי זי גײט אױף אירע צרכים און יאָגט אָפּ דעם הונט, װאָס אײלט אױפעסן איר צואה. דער דעזשורנער הערט זיך צו און טראַכט װעגן אױסערגעװײנלעכע זאַכן: װעגן רײכקײט, װעגן שײנע אױסגעפּוצטע פרױען, װעגן מאָדישע בגדים, װעגן װײן, פרײד, לוקסוס, װעלכע װאַרטן אױף אים... די סאָלדאַטקע איז לאַנג מתפּלל, מורמלט תפּלות. דאָס ליכט לעשט זיך אױס און מיט באָרװעסע פיס איבער דעם ערדענעם דיל גײט די סאָלדאַטקע, קראַצנדיק זיך, אין דעזשורנעמס בעט.

איבערן סטעפּ ליגט די נאַכט. האַרט רױשן די שטענגלעך פונם אָפּגעקאָשעטן גראָז. בײם מאַר קלינגט דאָס פעדערגראָז. די מיקראָסקאָפּישע סטאַציע „ראַזיעד מאַר” זעט זיך נישט אָן אין סטעפּ.

און דער צוג № 58 — קריכט אַ געמישטער איבערן שװאַרצן סטעפּ.

מענטשן, מענטשישע פיס, הענט, קעפּ, בײכער, פלײצעס, מענטשישע צואה, — מענטשן, באַשאָטענע מיט לײז, װי מיט

רידאָזיקע מענטשן — די „טעפּלושקעס". די מענטשן, — וועלכע האָבן זיך דאָ צענויפגעקליבן און אויסגעקעמפט דאָס רעכט צו פאָרן מיט די גרעסטע פּויסט־אָנשטרענגונגען, ווייל דאָרט, אין די הונגעריקע גובערניעס, האָבן זיך אויף יעדער סטאַציע געוואָרפן צו די טעפּלושקעס צענדליקער הונגעריקע מענטשן און איבער די קעפּ, העלזער, פּלייצעס, פּיס, איבער מענטשן געקראָכן אינעווייניק, — דידאָזיקע מענטשן האָט מען געשלאָגן, זיי האָבן צוריק געשלאָגן, אַראָפּשטויסנדיק, אַראָפּוואַרפנדיק די, וועלכע פאָרן שוין און דאָס געשלעג פלעגט דויערן אַזוי לאַנג, ביז דער צוג פלעגט נישט נעמען פאָרן, אַוועקפירנדיק די, וועלכע זענען געבליבן אין אים, — און דידאָזיקע, די ביי־אַריינגעקראָכענע, האָבן זיך געגרייט צו אַ נייעם געשלעג אויף אַ פרישער סטאַציע. די מענטשן פאָרן בייטאָג, צווישן שמוץ און ריינקייט, און האָבן זיך אויסגעלערנט שלאָפן זיצנדיק, שטייענדיק, הענגנדיק. אין דער לענג און אין דער ברייט פון טעפּלושקע זענען אָנגעלייגט עטלעכע שיכטן טאַפּטשאַנעס, און אויף זיי, אונטער זיי, אויפן דיל, אויף די פּאָליצעס, אין אַלע שפּאַרונעס, זיצן, שטייען, ליגן שטיל־שווייגנדיקע מענטשן, — כדי צו טומלען אויף דער סטאַציע. די לופט אין טעפּלושקע איז פאַרפּעסטעט דורך די מענטשישע מאָגנס און מאַכאָרקע. ביינאַכט איז אין טעפּלושקע פינסטער, די טירן און פענסטערלעך זענען צוגעמאַכט. אין טעפּלושקע איז קאַלט, אין די שפּאַרונעס בלאָזט אַריין דער ווינט. עמיץ כראָפּעט, עמיץ קראַצט זיך, די טעפּלושקע סקריפּעט, ווי אַן אַלטער בויד־וואָגן. זיך אַ ריר־טאָן אין טעפּלושקע איז אוממעגלעך, ווייל אייגעמס פיס ליגן אויף דער ברוסט פון אַ צווייטן, און אַ דריטער איז איינגעשלאָפן איבער זיי און זיינע פיס קומען אויס ביים האַלדז פון ערשטן. און פונדעסטוועגן — מען באַוועגט זיך... אַ מענטש, ביי וועלכן די לונגען זענען, זעט אויס, צעפרעסן, טוליעט זיך אינסטינקטיוו צו דער טיר, און נעבן אים, אָפּרוקנדיט די טיר, טוען זייערע צרכים מענטשן, מענער און פרויען, אַראָפּהענגנדיק איבער די קריכנדיקע שפּאַלעס, אָדער זיך אַראָפּזעצנדיק, —

דער מענטש האָט אויסגעשטודירט אין אַלע איינצלהייטן, ווי מ'טוט דאָס, — אַלץ אויף פאַרשיידענע אופנים.

ביי אַ מענטשן, וואָס ווערט פאַרברענט פון דער לעצטער שווינדזוכט-רויטקייט, זענען מאָדנע און פאַרפלאָנטערט די איינדרוקן. די געדאַנקען וועגן סטאַאיציזם און ערלעכקייט, זיין קליינינקער צימערל, זיינע בראָשורן און ביכער, דער הונגער — אַלץ האָט געכאַפּט דער רוח. נאָך אַ סך שלאָפלאָזע נעכט האָבן זיך די געדאַנקען, ווי ביי אַ פיבער-קראַנקן, דיפערענצירט, און דער מענטש האָט געשפּירט, ווי זיין „איך" טיילט זיך אויף צוויי, אויף דריי, ווי אַזוי די רעכטע האַנט לעבט און טראַכט אויף איר שטייגער, זעלבשטענדיק, און איז זיך מתוכח וועגן עפּעס מיטן צעצווייטן „איך". טעג, נעכט, טעפּלושקעס, סטאַנציע-ישובים, דריטער קלאַס, וואַגאָן-טרעפּלעך, דעכער — אַלץ האָט זיך אויסגעמישט — לאָז מען גיין איבער אים, לאָז מען שפּייען אויף אים, לאָזן פאַלן אויף אים די לייז. סטאַאיציזם — בראָשורן וועגן סאָציאַליזם און שווינדזוכט און ביכער וועגן גאָט, — דער מענטש טראַכט וועגן אַ נייע, אויסערגעוויינלעכע ברודערשאַפט: — אַ פאַל-טאָן, אונטערגעשניטן פון שלאָף, זיך צוטוליען צו אַ מענטשן — ווער איז ער, צוואָס איז ער? אַ סיפיליטיקער? אַ פלעק-טיפוס-קראַנקער? — אים וואַרעמען און וואַרעמען זיך מיט זיין מענטשישער גוף-וואַרעמקייט... עס פייפט. עס הודיעט, עס קלינגט... עס דוכט זיך, אַז דער מאַרך איז אויסגעבעט אין פוך, און דערפאַר, ווייל פוך איז תמיד הייס, זענען די געדאַנקען הייס, אויסערגעוויינלעך, צודרינגלעך און ליידנשאַפטלעך, אויפן גרעניץ פון פיבערהאַפטן גישט-זיין... עס וויגט זיך, עס וויגט זיך אין מאַרך דער באַלקן ביים טיר, די טיר סקריפּעט און פרויען, פרויען, פרויען העננגען זיך אַרויס, זעצן זיך אַרונטער איבער די קריכנדיקע שפּאַלטע דער געשלעכט.

אויף אַ קליינינקער סטאַנציע איז נעכטן צום וואַגאָן צוגעקומען אַ פּויערטע. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ זעלנער.

— האַרציקער, לאָז אַריין קריסטוסן-צוליב. ס'איז נישט

מעגלעך זיך אַריינצוזעצן, ווי דו זעסט, ליבינקער, — האָט געזאָגט די פּויערטע.

— קיין אָרט נישטאָ, מומעלע! אוממעגלעך! קיין ברע־קעלע פּלאַץ! — האָט געענטפערט דער זעלנער.

— אין נאָמען פון קריסטוס...

— און מיט וואָס וועסטו באַצאָלן?

— מ׳עט שוין זען...

— און אַ ליבע וועסטו שפּילן?

— מיר וועלן שוין ווי נישט איז... דורכקומען...

— אהאַ! נו, קריך אַרונטער אונטער די נאַרעס. דאָרט ליגט אונזער שינעל. העי, סעמיאָן, נעם אויף די „באַבע״!

דער זעלנער איז אַרונטערגעקראָכן אונטער די נאַרעס, מענטשן האָבן זיך ארומגעשטעלט, און דעם מענטשנס האַרץ האָט געצופּט מיט אַ גרעניצלאָז זיסן ווייטאָק, מיט חיהשעס,— ס׳האָט זיך געוואָלט שרייען, שלאָגן, זיך אַ וואָרף־טאָן צו דער ערשטער־בעסטער פרוי, זיין אָן אַ גרעניץ שטארק און אכזריות־דיק, און דאָ, פאַר די מענטשן אין די אויגן, פאַרגוואַלדיקן, פאַרגוואַלדיקן, פאַרגוואַלדיקן. דעם געדאַנק, די ריטערלעכקייט, די בושה, סטאַאיציזם — צו אַלדי רוחות! די חיה!

עס וויגט זיך, עס וויקלט זיך אין מאַרך דער באַלקן... פרויען, פרויען, פרויען... ביז ווייטאָק קלאָר צעוויט זיך דער „איך״ און דאָס האַרץ שפּאַרט זיך וועגן עפּעס נודנע מיט דער ברוסט... עס סקריפּעט, ס׳וואַקלט זיך, ס׳קריכט די טעפּלושקע.

דער מענטש שלאָפט איין שטייענדיקערהייד און, אונ־טערגעשניטן פון שלאָף, פאַלט ער עמיצן אונטער די פיס. עמיץ פאַלט אויף אים. דער מענטש שלאָפט זיס, האַרט, ווי אַ שטיין. די טעפּלושקע שלאָפט האַרט... אַ סטאַציע, פייפע־רייען, שטויסן... דער מענטש כאַפּט זיך אויף אויף אַ ווײַלע. דעם מענטשנס קאָפּ — דאָס מענטשלעכע „איך״ איז געשפּאָלטן אויף צוויי, אויף דריי, אויף צען — זיין קאָפּ ליגט אויף אַ ווייבערשן נאַקעטן בויך, עס שמעקט שאַרף מיט טרימיטילאַמין, די געדאַנקען שטופּן זיך, ווי בונטע פּויערטעס אויפן מאַרק,—

די געדאַנקען פליען צו אַלדע רוחות. — די חיה! אינסטינקט און דער מענטש קושט, קושט, קושט דעם נאַקעטן ווייבערשן בויך, קושט ליידנשאַפטלעך, ווייטאָקדיק, — ווער איז זי? פון וואַנעט איז זי? — די פרוי כאַפּט זיך אויף לאַנגזאַם, קראַצט זיך, רעדט פאַרשלאָפן:

— אַ סוף שוין, מנוול... זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס צוגעכאַפּט... — און — און הויבט אָן אָפּגעהאַקט צו אָטעמען...

סטעפּ. וויסטעניש. גרעניצלאָזיקייט. חושך. קעלט.

אויף דער סטאַציע, ווו דער צוג האָט באַגעגנט דעם באַגינען, לויפן מענטשן נאָך וואַסער צו די ליידיקע ברונעמס און לוזשעס, צעלייגן פייערן, כדי זיך אָנצוווארעמען און קאָכן קאַרטאָפל, — און אין דער אויסגעליידיקטער טעפּלושקע האָט מען באַמערקט אַ בר־מינן: נעכטן האָט זיך אַ זקן געמאַטערט אין פלעק־טיפוס, איצט איז דער זקן טויט. אַ גראָע באַגינענ־דיקע טריבקייט. פון שוואַרצע שפּאַרונעס, פון די סטעפּישע האָריזאָנטן בלאָזט אַ ווינט, אַ קאַלטער און בייזער. די וואָלקנס זענען נידעריק, — אַ שניי וועט שיטן. שפּאַלעס, טעפּלושקעס, מענטשן. די שייטערהויפנס ברענען מיט רויטע פייערן, עס שמעקט מיט רויך. ביי די שייטערהויפנס, ווו ס'קאָכט זיך די קאַרטאָפל — נעמען מענטשן אַראָפּ פון זיך העמדער, יאַקלעך, הויזלעך, קליידלעך, שאָקלען אויס אין פייער די לייז און צע־קוועטשן די גנידעס. מענטשן פאָרן וואָכנווייז — אין סטעפּ נאָך ברויט. — נישטאָ קיין ברויט, נישטאָ קיין זאַלץ. מענטשן עסן גיריק קאַרטאָפל. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער וועט שטיין אַ מעת־לעת, צוויי מעת־לעת... הונדערטער מענטשן צע־שיטן זיך מיטן באַגינען איבער די אַרומיקע דערפלעך (וואָס ווייטער אין סטעפּ, אַלץ נידעריקער די כאַטקעס, אַלץ העכער די תבואה־סטויגן), זיי פאַרטיילן זיך אין קליינע גרופּעס, בעטן רחמים קריסטוסן־צוליב. די ווייבער שטייען אונטער די פענסטער בייגן זיך און זינגען:

— גיט אַ נד—ד—דבהלע קריסטוסן־צוליב!...

דער צוג וועט שטיין אַ מעת־לעת, צוויי מעת־לעת. די סטאַראָסטעס פון די טעפּלושקעס גייען צום דעזשורנעם, פון דעזשורנעם אין טשרעזוויטשייקע. דאָ זענען געווען די ווייסע, — אין די סטאַציע: — אַ טעפּלושקע, אַראָפּגענומען פון די רעדער, טעפּלושקעס, אויסגעשטעלט אין אַ שורה, מיט דורכגעבראָכענע שפּאַלטן אָנשטאָט טירן. אין קאַנטאָר — אַ פינסטערע טעפּלושקע — רויכערט זיך אַן אייזערן אויוועלע. ס'שמעקט מיט טריוואַקס, עס הוזשען די דראָטן אַנן מענטשן.

אַ מענטש שעפּטשעט צום דעזשורנעם.

— כ'קען נישט! — רעדט דער דערשורנער מיט אַ צופרידענעם באַס. — אַ פולער קאָמפּלעט. הונדערט פופציק אַקסן, פינף־און־זיבעציק וואַגאָנעס. כ'קען נישט!...

דער מענטש גלעט מיט זיין מאַנזשעט דעם מאַנזשעט פון דעזשורנעם און רוקט אַ פּעקל!

— חברים, — כ'קען נישט! כ'נעם נאָר אין די פּאַלן, ווען כ'קען העלפן, אָבער היינטיקס מאָל — פינף־און־זיבעציק וואַגאָנעס, הונדערט פופציק אַקסן. כ'קען נישט...

עס גלעט אַ מאַנזשעט אַ מאַנזשעט, — הייסט עס, פאַרלייגן „אונטערשמירן"...

ס'שטעלט זיך אָבער אַרויס — דער דעזשורנער האָט געקענט. אָוונטצייט קומט אָן אַ נייער צוג, נייע הונדערטער מענטשן ברענגען שייטערהויפנס און קוועטשן לייז, — און דערדאָזיקער צוג איז ביינאַכט אַוועק דער ערשטער. מענטשן לויפן צום דעזשורנעם, — נישטאָ אים, א נייער דעזשורנער (שוין געשען אַזעלכעס, האָבן די סטרוזשעס באַרואיקט: —, נישטאָ אים, ווי איר זעט... נישטאָ אים, היינטיקע וואָך האָט מען אים זיבן מאָל געשלאָגן)... ...מענטשן לויפן אין טשרעזוויטשייקע, — אָבער ביינאַכט איז געקומען אַן אָפּטיילונג פּראָדאַרמייער*) און איבער די וואַגאָנעס קומט פאָר אַ רעוויזיע.

אין אַ שטיל־געוואָרענער טעפּלושקע קריכט אַריין אַ פּראָדאַרמייעץ.

---

*) זעלנער וואָס פלעגן אויפנעמען תבואה. (איב.) •]

— נו װעלכע? װאָס?

אַן אַלטער, אויף די נאַרעס, נעמט אַראָפּ דאָס היטל און עס גייט איבער די הענט.

— לייגט זיך צענויף, ברידער, צו צוויי־אַ־האַלב...

מיטן נייעם באַגינען גייט דער צוג אַוועק.

אויף דער פּלאַטפאָרם באַווייזט זיך דער דעזשורנער, און דער צוג זעגנט זיך מיט טויזנטער קולות

— מנוװוּול! כאַאַאַבאַאָאָרנייק!

דער צוג גייט אַזוי, אַז מ'קען אַראָפּקריכן און מיטגיין בײַ דער זייט. סטעפּ. וויסטעניש. קעלט. הונגער. בײַטאָג הויבט זיך אויף איבערן סטעפּ אַ פאַרשלאָפענע זון. אין האַרבסטי־קער שטילקייט פליען אַרום איבער די בראַנבעוועטע פעלדער מתנות קראען — אומעטיקע מחנות. ס'דרייען זיך די כאַטקעס פון די זעלטענע ישובים מיט אַ בלאָען שטרויענעם רויכל, — אומעטיקע כאַטקעס.

בייַנאַכט פאַלט אויס אַ שניי, די ערד באַגעגנט דעם פרימאָרגן מיט ווינטער, אָבער צוזאַמען מיטן שניי קומט װאַ־רעמקייט און ס'איז ווידער האַרבסט. עס גייט אַ רעגן, עס ווייגט די ערד. אַרומגעבלאָזן פון אַ קאַלטן ווינט, אַרומגע־וויקלט מיט אַ נאַסן הימל. ווי גראָע שמאַטעס ליגט דער שניי, מיט אַ גראָען שלייער האָט אַלץ באַצויגן דער פרעסטל.

אין דאָרף „סטאַרי קורדיום", וואָס האָט זיך פאַנאַנדער־געלייגט איבער די גראָבנס ביים סטעפּ־טייכל ריכטיק ווי פליגן־פלעקן, און קיינער ווייס נישט, אַז אָט דאָרט, ביים האָ־ריזאָנט — ליגט אַזיע.

אין דאָרף „סטאַרי קורדיום", אין דער רוסישער העלפט, אין דער טאָטערישער און מאָרדוויניש̈ער — פאַר די כאַטקעס אין די שפּייכלערלעך און הינטער די כאַטקעס אין די סטויגן, אין די שייערס — ליגט ווייץ, קאָרן, האָבער, גערשטן — ברויט. — צענויפגענומען די תבואה, און איצט איז אַפּרו מנוחה.

אין באַגינען פון דאָזיקן טאָג הייצט מען אין דער רוסי־שער זייט פון דאָרף „סטאַרי קורדיום" די בעדער. די בעדער — ערד־כאַטקעס — שטייען ביים טייך. באָרוויסע מוידן שלעפן וואַסער, אין שטוב צעגעמט אין וואַסער דער באַלעבאָס דעם אַש, נעמט צעגויף דאָס ביסל אַלטוואַרג און אַלע גייען זיך פּאַרען — דער אַלטער, די פויערים, די שוואָגערס, זין, דאָס ביסל קינדוואַרג, די מוטערס, ווייבער, שניר, מוידן, אַלע צו־זאַמען. אין באָד זענען נישטאָ קיין רערן, — אין קוילן־זויער, אין פּאַרע, אין רויטע אָפּשיינען, אין ענגשאַפט שטויסן זיך אַרום ווייסע מענטשישע קערפּערס, וואַשן זיך אַלע מיט איין און דעמזעלבן לייק, די פּלייצעס רייבט אַלעמען דער באַלעבאָס און אַלע לויפן צום טייך זיך אָפּשווענקען, אין גראָען באַגי־נענדיקן פרעסטל. איבער די טאָלן ביים טייך ליגט שניי.

און אין דער טאָטערישער טייל, הינטערן טייכל, ווו דער מעטשעט געפינט זיך, האָבן די טאָטערס אין דערדאָזיקער שעה, נאָך פרייטיק, אויסגעשפּרייט זייערע טעפּיכלעך און זענען מתפּלל צו דער מזרח־זייט, צו דער אומגעזעענער זון, דער־נאָך, אָפּוואַשנדיק די הענט מיט די פיס גייען זיי אין זאָקן און יאַרמולקעס, אין דער קיילעכדיקער שטוב, וואָס איז אויס־געבעט מיט טעפּיכער און קישנס, זעצן זיך אײנמיטן שטוב אויפן דיל און עסן, טשמאָקענדיק מיט הענט, איבער וועלכע עס רינט דאָס פעטס, אַ באַראַן. די אויגן פון באַראַן עסט אויף דער אַלטער. די פרויען, וועלכע טאָרן נישט, דוכט זיך, עסן און תּפלה־טאָן, שטייען הינטער די מענער מיט קריג וואַסער.

און אין דערדאָזיקער שעה קומט אָן אין דאָרף „סטאַרי קורדיום" אַ פּאַרטיע פון די, וועלכע זענען געקומען צופאָרן נאָך ברויט.

ביים עק־דאָרף, ווו דער לאַנגער ברונעם־דראָנג, שטייט צעגויפגעדריקט אַ הייפל מאָרדווא, פרויען אין הייבלעך, מיט פיס ווי די קלעצער, און קליינינקע פויערימלעך, מיט קלאָטשע בערדעלעך, אין היט ווי די ליימענע שיסלען, און אין העמד־

לעך איבער די קני, אונטערגעגאַרטלט אויף דער ברוסט: — דער ווילדער שבט איז נאָך שווייגנדיקער פאַר די אַלטע ספינקסן. אַ פויערל מאַכט העויות, פאַרנייגט זיך, לויפט צו די געקומענע, נעמט אַראָפּ דעם הוט, שמייכלט בלייך, זשמורעט די אויגן, מורמלט:

— סילבערנע געלט גיב... געלט... ווייס ווען איך געבן, קאָרן געבן... סילבערנע געלט. — און לויפט ווידער צו זיינע.

עס פאַרבייט אים אַ פויערטע אין אַ הייבל און מיט פּיס, ווי די קלעצער.

— סילבערנע געלט גיב. ווייס ווען איך געבן, קאָרן געבן. — די פויערטע רעדט, שמייכלט און לויפט צוריק, זשמורענדיק די אויגן, ענלעכע אויף די קערעלעך פון זון-רויז און מאַטע, ווי אַן אָפּגעריבענער זעלנערשער קנעפּל (קי-טאַי-גאָראָד !?).

אין גראָבן שפּרינגט אַרויס פון דער נאָנטסטער באָד אַ באָקעטע מויד מיט צעלאָזטע האָר, לויפט ווי אַ פאַרסמטע-צום טייך, פון דאָרט אין שטוב און ווידער אין באָד. פון יע-נער זייט הינטערן טייך טראָגן זיך, רייטנדיק, טאָטערן, באָמ בלען מיט די פּיס, באַגלייט פון טאָטערלעך און הינטישן גע-ביל. די טאָטערן ריגלען אַרום די אָנגעקומענע, באָמבלען מיט די פּיס, איינהאַלטנדיק די פערד, ציען אויס די הענט צו באַג-ריסונג. איינער שרייט מיט אַ שעלמישן שמייכל:

— קויף מיר! — איך — דער סאָוועט, קאָמיטעט, קאָ-מיסאַר! קויף מיר! הונדערט רובל! הונגעריק, סחורות בייט איך! — און שמייכלט כיטרע. — קום מיר! אַ באַראַן בראָטן מיר! איך בין — סאָוועט! הייס איך — וועל איך פאַרקויפן, וועל איך נישט הייסן — וועל איך נישט פאַרקויפן!... גיי נישט אין שכנים.

ווי גראָע שמאַטעס ליגט דער שניי, ווי אַ גראָער שלייער האָט זיך פאַרשפּרייט דאָס פּרעסטל, און — נישט צו זען די גרעניצלאָזע סטעפּ-גרעניצן. אין דאָרף „סטאַרי קורדיום" ווייס קיינער נישט, אַז דאָרט, הינטערן הימל-האָריזאָנט איז — אַזיע.

די פויערטע, אָט יענע, וועלכע איז געקומען צופאָרן מיט די הונגעריקע, טראַכט: „דער קאָרן, אויב פאַר מעלעסטין, קען זיין, אז ס'זאָל קאָסטן צו צען רובל, אָבער אויף געלט — הונדערט... נו-זשע, ציק, סאַרפּינקע — מיט שוואַרצע שטרייפן, פאַר זקנות — באַרכן"...

צוויי גייען איבערן גאַס מיט פעקלעך אונטער די אָרימס. ביים ברונים שטייט אַ פויערטע. איינער פון די צוויי גייט צו געהיימנישפול צו דער פויערטע, זאָגט מיט אַ געהיימנישפול קול:

— באַלעבאָסטינקע, בייסטס אפשר מעל אויף סחורה?

— און וואָס פאַרא סחורה?

— מאַנופאַקטור, פונדעסטוועגן, מעלעסטין, סאַרפּינקע... פאַרשיידענע סחורה.

— נו, וואַרט צו... אין וועלכער שטוב כ'וועל אַ ווינק טאָן, גיי אַריין.

גיט אַ ווונק. זיי גייען... קלאַפּן זיך אָן מיט די שטערנס אין אושאַק — קומען אַריין אין דער כאַטע. אין כאַטע שטייט אַן אויוון, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבע שטוב, אויפן אויוון אַן אַלטינקע זקנה און אַ האַלב טוץ קאָרענע יאַטן. אין ווינקל אַ חזיר, אין רעכטן ווינקל — דער באַלעבאָס, די הייליקן-בילדער, אַ גענעראַל און די קייזערלעכע משפחה.

מען צלמט זיך. מען פאַרנייגט זיך. מ'דריקט, לויט דער ריי נאָך, די האַנט פון באַלעבאָס און פון אַלע שטוביקע. און מ'בעט עסן, — און מ'עסט, שטילשווייגנדיק, גיריק, איילִיק — חזיר-פעטס, סכאַב, שעפּסן-פליש, קאַשע, געקעכטס, ברויט, ווי-דעראַמאָל חזיר-פעטס, ווידער שעפּסן-פלייש. דער באַלעבאָס זיצט שטילשווייגנדיק אין זיין בכבודן ווינקל און קוקט זיך צו שווייגנדיק, — דעם באַלעבאָס' אויגן זענען ווי אַריינגעוואָקסן אין באָרד.

דער באַלעבאָס זאָגט דער שנור

— דונקאַ, גרייט צו די באָד.

מ׳גייט זיך באָדן, און בעתן פאַרען זיך, שלעפּט דונקאַ וואַסער פאַר זיי.

ווען די געסט קערן זיך אום, זאָגט דער באַלעבאָס צו דונקאַן:

— דונקאַ, שטעל אָן דעם טשימאָוואַר.

און צו די געסט:

— נו, וואָס הערט זיך מיט אייער סחורה? לייג אַרויס.

די געסט צעלייגן זיך מיט זייער סחורה. דער באַלעבאָס קוקט מיט אַ באַלעבאַטיש אויג, שווייגט. די פּויערטעס, סיי אייגענע, סיי אָנגעלאָפענע אין שטוב, האָבן זיך צוגעקלעפּט צו דער סחורה, ווי צו האָניק. דער גאַסט פּאַסט אָן דער באַ-לעבאָסטע עפּעס אַ רויטע שמאַטקע, שטויסט די באַלעבאָסטע אין זייט און זאָגט שטיפעריש:

— גיב נאָר אַ קוק, באַלעבאָס. אויף צוואַנציק יאָר יינגער געוואָרן, — יינגער ווי אַ ערשטלינג.

— באַלעבאָסטע, קריך שנעל אויפן אויוון, באַהאַלט זיך אויס פון באַלעבאָס!

— טשע—פּע זיך אָפּ! פּאַסקודניק! — און די פּויערטע צעגיסט זיך אין אַ שמייכל.

און דער גאַסט מאַכט העזות, וויקלט אַרום עפּעס אַ שטיקל הויזן-שעוויאָט אַרום אַ פוס, שטופּט אַלעמען אין פּנים זיין קני און לויבט אויף וואָס די וועלט שטייט. די פּויערטעס קלייבן אָפּ וואָס נויטיק און וואָס נישט. דער צווייטער גאַסט רעדט מיטן באַלעבאָס — וועגן גערעטעניש, וועגן מלחמה, וועגן הונגער, וועגן דעם, אז אין מאָסקווע, ביי די מאָסקווער, האָט יעדער וויפל ער וויל נאָר מעלעסטין, מאַדעפּאַליאַן, מאַשינעס און ציץ, און ווי אַזוי מ׳פאַלט אין מאָסקווע אויף די גאַסן טויט פון הונגער.

מ׳דערלאַנגט טיי. אַלע טרינקען, בלאָזן, שווייגן. ווער ס׳נאַרט נישט אָפּ — פאַרקויפט נישט. ווען מ׳האָט שוין אויס-געטרונקען צו האַלבע טוץ גלעזער, פרעגט דער באַלעבאָס ביי-זיך נעמענדיק פאַר די באָקעס:

— נו, און מיטן פרייז וואָס הערט זיך?

די פויערטעס רוקן זיך צו דער טיר, מיט נאַאיוו-גלייכגיל-טיקע און פאַרבאָרגן-דערשראָקענע פנימער, — אין עסק האָט זיך אַריינגעמישט דער הערשער.

— אייער סחורה — אונזער געלט, — רופט זיך איילי־קאָן דער גאַסט. — מיר בייטן אויף מעל.

— פאַרשטייט זיך אויף מעל. מעל קאָסט היינט ביי אונז צוויי-און-זעכציק דער פוד.

דעם גאַסטס פנים ווערט צעקרימט פון ווייטאָק און ער-גערניש, דער גאַסט קלאָגט זיך ווי אַ פרוי:

— אַ—אַ!.. אייער סחורה שאַצט איר אָפּ, און אונזערע נישט... אַ—אַ?.. און ווער האָט געהויבן דעם פרייז? — אַלץ מיר?.. מיר פּגרן אויף די גאַסן פון הונגער, און איר ווילט פון אונז אַראָפּשינדן די לעצטע הויט... אַ—אַ?.. ווער האָט געהויבן דעם פרייז?... ווער האָט געהויבן דעם פרייז? — אַלץ מיר!...

— באַלעבאָסטע, גיס אָן נאָך טיי, — זאָגט שטרענג דער באַלעבאָס.

מ׳טרינקט ווידער, ווידער דינגט מען זיך. מ׳טרינקט ווי-דער טיי און ווידער דינגט מען זיך. די פויערטעס שטייען ביי די טירן, שווייגן הכנעהדיק. די אַלטע פרעגט אַראָפּ פון אויוון שוין דאָס צענטע מאָל: — ווער איז געקומען?.. צו די מוידן אין פאָרהויז האָבן זיך שוין צוגעקלעפּט די יונגען וועלכע זענען אויסגעלאָפן דאָס גאַנצע דאָרף. דער חזירל כרוקעט, הינטערן אויוון קוואָקען יונגע הינער.

ענדלעך, דער באַלעבאָס און די געסט קלאַפּן זיך אין די הענט: די גאַנצע סחורה — אין ראַמש — דריי אַרשין — אַ פוד. דער באַלעבאָס איז צופרידן, ווייל ער האָט אָפּגענאַרט די געסט. די געסט זענען צופרידן מיט דעם, וואָס זיי האָבן אָנגעפּייפּט דעם באַלעבאָס. דער באַלעבאָס שטאָפּט נאָכאַמאָל אָן די געסט — מיט באָרשטש און חזיר-פלייש, מיט ווייצענע בלינצעס, מיט סמעטענע און פוטער, מיט קאַשע אויף שעפּסן-

פעטס, — און פירט אין שענק אַ טרונק טאָן סאַמאָגאָנ־קע *). וואַריאַגישע צייטן.

ביים שענק באַמבלט זיך פאַריתומט אויף אַ פלאָקן אין גראָעס ווינט אַ הויפן היי. איבערן דאָרף בילן די הינט. אויף דער טאָטערישער זייט, ווו מ'האָט די געסט געוואַשן די פיס און זיי געקעכלט אויפן דיל, שלעפט זיך נאָך די קונים פון שטוב צו שטוב אַן עולם. ווי אַ וואַלד־עדה אָן קינדער שטייט די טויטע מאַרדווא. הינטער די פענסטערלעך ציט זיך דער סטעפ — אָן אַ סוף, אָן אַ גרעניץ. פון סטעפ בלאָזט אַ קאַלטער ווינט, עס גיסט אַ רעגן און עס ווייקט די ערד. אין שענק טרינקען די פויערים „סאַמאָגאָן", רייסן זיך די העל־זער, און, בגלופינדיקע, גייט מען צום טאָטער־קאָמיסאַר אים באַצאָלן, כדי בעסער אָפּצופירן דעם אָנגעגעבענעם קאָרן אויף דער האַלב־סטאַציע: דעם קאָרן וועט מען אַוועקפירן ביינאַכט, מיט אַ לאָדונג דרענגענער.

אין דאָרף „סטאַרי קורדיום" זענען צו עטלעכע מאָל גע־ווען די רויטע און ווייסע, גאַנצע קוואַרטאַלן ליגן פאַרברענטע און צערויבטע. אין דאָרף „סטאַרי קורדיום" וווינען אויך מענטשן, וואָס זענען פאַרשאָטן מיט ברויט, מיט חזירים און קעלבלעך, וועלכע מ'פּאַשעט אויך מיט ברויט: מ'לעבט מיט קינעלעך, און דאָס קינעלע צינדט מען אָן מיט אַ קיזל־שטיין; מ'לעבט האַלב־נאַקעטע... מיט ברייטע כוואַליעס צעגיסט זיך איבערן סטעפּ גזילה און קאָנטער־רעוואָלוציע, פלאַקערנדיק מיט ווייטע נאַכט־שרפות, הודיענדיק מיט אַלאַרם־גלאָקן... אין דאָרף „סטאַרי קורדיום" זענען נישטאָ קיין יונגע מענער: איינע זע־נען אַוועק צו דער רעוואָלוציע, די אַנדערע — מיט די ווייסע.

בין־השמשות. אַ סאָלדאַטקע אַ דרייסיק־יאָריקע (ס'איז זיס צו קושן דורך די נעכט אַזאַ סאָלדאַטקע!) שטעלט אָפּ אין גראָעם בין־השמשות אַ מענטשן, וואָס הערט פאַרצערט

---

*) היימיש־געטריבענער בראַנפן. (איב.)

אין לעצטן פלאַקער פון שווינדזוכט, ווינקט אים צו און שעפּטשעט:

— קום צו מיר, בחור. קיינער איז נישטאָ צוריק. ברויט וועל איך געבן. די באָד איז אויסגעהייצט.

און אין באָד, אין רויטן אָפּשיין, זעט דער מענטש: אויפן בויך פון דער פרוי און אין די פּאַכווען איז אויסגעשאָטן אַ גלייכע, מירמלאַרטיקע קאַלטע — סיפיליטישע — קרעץ...

אין בין־השמשות שרייט אויפן מעטשעט עפּעס נודנעס דער מועדזין, אַ פּשוטער פויער. אין בין־השמשות טוען די טאָטערן תּפילה, אויסשפּרייטנדיק זייערע טעפּיכלעך, ווענדנדיק די בליקן צו מזרח־זייט, צו דער אומזעבאַרער אַזיע.

עס פליט פאַרביי דער לעצטער שוואַרצער קראַנץ פון דער קעאָעשער חתונה — פון אַ אומעטיקער חתונה.

און איבער דעם וויסטן סטעפּ שלעפּט זיך צוריק דער צוג נומער זיבן־און־פופציק — אַ געמישטער, באַלאָדן מיט מענטשן און תּבואה.

און „ראַזיעזד מאַר", ווו מ'פלעגט פריער אפילו די שטאַנגען נישט בייטן, מאַכט אַ צוליבערהאַפּטע קאַריערע. עס ווערן דערפילט די טרוימען פון יונגן באַאַמטן. אויפן „ראַזיעזד־מאַר" איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרצוימונגס־אָפּטיילונג, אַן איבערלעבע צאָל. איצט שטייען דאָ אָפּ צוגן גאַנצע מעת־לעתן. — בייטאָג און ביינאַכט ברענען שייטערהויפנס און אַרום סטאַציע געפינען זיך מחנות מענטשן, אין ברוגים און אין די לוזשעס איז שוין נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער. און נאָך וואַסער לויפט מען פאַר צוויי ווי־אָרסט, צום טייכל. וועסט נישט אָפּגיין קיין צוויי טריט, נישט אָנטרעטנדיק אין מענטשלעכער צואה. די סאַניטאַרע טעפּלושקעס זענען אָנגעפּראָפּט מיט קראַנקע. פון

פראָדוקטן־צוג, ווו עס שטאַרצן אַרויס שטרענג פּולעמיאָטן, טראָגן זיך פרייליכע לידער, הילכן אַ צענדליק האַרמאָניקעס. אַרום און אַרום—קרעכצן, יללות, געוויינען, תחנונים, קללות, — דער דעזשורנער רעדט מיטן הויפּט פון דער אָפּטיילונג קורץ, מיט געציילטע ווערטער — דער דעזשורנער ווייס זייער גוט, וואָס דאָס מיינט „איך דיר, דו מיר," — דער דעזשורנער קען אָפּשיקן דעם צוג אין צען מינוט און קען אים פאַרהאַלטן אויף אַ מעת-לעת. — דער דעזשורנער קען אויפנעמען און אָפּשיקן דעם צוג ביינאַכט, ווען די פאַרצוימונגס־אָפּטיילונג „אַרבעט נישט צוליב פינסטערניש," — און דער דעזשורנער האָט — פּרויען, ווײַן, געלט, נײַע קליידער, גוטן טאַבאַק, איי־נעמס און סיאוס׳ צוקערלעך, — דער דעזשורנער רעדט, ווי אַן אַרמיי-פירער מיט געציילטע ווערטער און ער האָט שוין קיין צייט נישט צו שלעפן זיך פאַרשמאַכט איבער דער פּלאַטפאָרם.

דורך דעם באַרויבטן שוואַרצן סטעפּ שלעפּט זיך דער צוג נומער זיבן-און־פופציק — אַ געמישטער, אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, מעל און שמוץ... אין דער וויסטעניש פון דער נאַכט פאַלט און פאַלט אַ נאַסער שניי, דער ווינט דרייט, די טעפּ־לושקעס ציטערן. נאַכט. חושך. קעלט. און שוין לאַנג פלאַקערן אויף אין שוואַרצן אָפּגרונט די רויטע פייערן פון די שייטער־הויפנס אויף דעם „ראַזיעזד מאר", — שרעקלעכע ווי פיבער־קאָשמאַרן. אין די טעפּלושקעס, ווו מענטשן זיצן און שטייען אויף מענטשן, שלאָפט נישט קיינער, טויב שווייגן די טעפּלוש־קעס. דער צוג בלייבט שטיין פאַמעמעך, שטיל, די רעדער סקריפּען. עס ברענען די שייטערהויפנס, ביי די פייערן אין שניי טוליען זיך מענטשן און ס'וואַלגערן זיך זעק. דאָס סטאַ־ציע־שטיבעלע ליגט שטילשווייגנדיק. אין חושך קלייבן זיך צע־נויף אין אַ הויפן מיט זייער „צוואַנציקער" די טעפּלושקע־סטאַראָסטעס פון צוג. דער נומער זיבן-און-פופציק איז אַ גע־מישטער. אַ שניי. אַ ווינט. צווי גייען אַוועק, קומען צוריק. ביי דעם סטאַציע־שטיבעלע באַווייזט זיך אויף אַ מינוט דער דעזשורנער, רעדט ווי אַן אַרמיי-פירער.

אַ שטילשווייגן.

אַ שעפּטשעריי.

און איבער די טעפּלושקעס לויפן אייליק די סטאַראָסטעס.

אין טעפּלושקע איז אַ חושך. דער סטאַראָסטע פּאַר־שפּאַרט הינטער זיך די טיר. אין טעפּלושקע הערשט אַ שטיל־שווייגן.

— וואָס? — פרעגט עמיץ הייזעריק.

דער סטאַראָסטע אָטעמט אייליק און, זעט אויס, פריידיק.

— ווייבעלעך, מיידעלעך, — צו אייך, — רעדט דער סטאַראָסטע מיט אַן אייליקן געמורמל. — ער האָט באַפוילן שיקן צו זיי, צו די רויט־אַרמייער, מוידן און ווייבער, פון די בעסערע, — אַליין, זאָגט ער, קען איך גאָרנישט...

און אין טעפּלושקע הערשט אַ שטילשווייגן, בלויז דער סטאַראָסטע אָטעמט.

— מיידעלעך, ווייבעלעך, — וואָס?

אַ שטילקייט.

— די ווייבער מוזן גיין. ווערסט זיך נישט העלפן, — זאָגט עמיץ פאַרשטיקט. — תבואה, תבואה פירן מיר!

און ווידער שטיל.

— איז וואָס־זשע, מאַניוש, — גייען מיר?.. — דער קול קלינגט ווי אַ געפּלאַצטע סטרונע.

אין חושך, אין שנײ קריכן פאַרזיכטיק אַרויס פון די טעפּלושקעס פרויען, און שנעל פאַרהאַקט מען הינטער זיי די טירן. שטילשווייגנדיק, אָן ווערטער קלייבן זיך די פרויען צו־נויף אין אַ הויפן. זיי וואַרטן. ערגעץ־ווו נאָגט הודיען דראָטן. עמיץ קומט צו, קוקט זיך איין, רעדט שטיל:

— זיך צענויפגעקליבן, — אַלע?.. קומט־זשע... מ׳קען זיך נישט העלפן... תבואה. העלפט אַרויס, ווייבעלעך־מיידעלעך.. זענען דאָ מיידעלעך גאַנצע — גייט נישט, אפשר... וואָס איז דאָ צו ריידן!..

דערנאָך שטייען די פרויען לאַנג ביי דער הינטערשטער

טעפּלושקע פון פּראָדוקטן-צוג, – ביז עס קומט צולויפן אַ בחורל אין אַ צעשפּילטער גימנאַסטיאָרקע:

— אַ, ווייבעלעך! זיך אויסגעפּייניקט?! ווייבער דאַרפן מיר — אַ שרעק! — רעדט ער פריילעך. אַ גאַנצע סטאַדע זענט איר געקומען? ביסט אַ מבין, — אַזוי פיל דאַרף מען נישט, – ביסט אַ מבין, ווי ס'ווילט זיך זיי! קלייבט אויס, ווייבער, אַ אַנדערטהאַלבן צענדליק, אָבער פון די שענערע. אָבער — זע! — געזונטע...

נאַכט. דער שניי פאַלט און פאַלט. די דראָטן הודיען, עס הודיעט דער ווינט. עס ציטערן די פייערן פון די שיי-טערהויפנס.

אין קאַנטאָר שטופּן זיך די סטאַראָסטעס אַרום דעזשור-נעם און ענדערנדיק די שטימעס אויף זינלאָז-זיסינקע, און עקלדיק-פישטשנדיקע, זענען זיי מכבד דעם דעזשורנעם, ווי אויף אַ פאַרמעסטונג — מיט מעלאָנטשיקעס, אַ ביסינקע שפּירט, אַ קאַפּעטשקע קאָניאַק, פּאַפּיראָסעלאַך, אַ האָריטשקע טאַבאַק, אַ שטיקעלע ציק, שעוויאָט, אַ ביסעלע טיי... כּדי וואָס גיכער דורכצושטופּן די נאַכט, דערציילט דער דעזשורנער, ווי אַ פעלד-מאַרשאַל, פּעטע אַנעקדאָטן און די סטאַראָסטעס לאַכן עקלהאַפט-זיסלעך, פאַרשעמט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן...

דער געמישטער צוג נומער זיבן-און-פופציק גיט מיטן באַגינען אַ פייף, ציטערט אויף, ווי ס'וואָלטן זיך אַראָפּגעריסן פון חוט-השדרה קנאָפּביינדלעך און — פאַרלאָזט „ראזיעזד מאר״ ברויט!..

הינטער דער סטאַציע אין סטעפּ געפינט זיך אַ קורגאַן, באָך וועלכן ס'טראָגט טאַקע אַ נאָמען די סטאַציע. אַמאָל האָט מען לעבן „מאר״ דערהרגעט אַ מענטשן און עמיץ האָט אויס-געקריצט אויף דער מצבה מיט אומבאַהאָלפענע אותיות:

— „איך בין געווען דאָס, וואָס דו ביסט, —
אָבער אויך דו וועסט זיין דאָס, וואָס איך בין״. —

דעם גרעניצלאָזן סטעפּ, דעם קורגאַן, אַלץ האָט פאַרשאָטן דער שניי און פון דער אויפשריפט אויף דער מצבה זענען געבליבן צוויי ווערטער:

— „איך בין געווען...״

האַרבסט. אינאָוונט וועלן אונטערן בערגל אין דער שטאָט אַרדינין אויפפלאַקערן די שייטערהויפנס: דאָס וועלן די הונגעריקע קאָבן געקעכטס, יענע, וואָס ציען זיך אין די טויזנטער אין סטעפּ נאָך תבואה, און פון אונטערן בערגל וועלן זיך טראָגן אומעטיקע לידער. אויף דער נאַכט, צנדרעי וואָלקאָוויטש: — ס׳האָבן זיך אָפּגעריסן פון פלאַנט — שטיינער, צוזאַמען מיט אים געגומען פליען אונטערן באַרג. (דער ווינט פון פאַלן האָט אַ שעפּטשע געטאָן — „גוויאַיאוּאוּ״!) און אַלץ איז צעשאָטן געוואָרן פון פאַלן אין פונקען פאַר די אויגן, — און דאַן איז פאַרבליבן בלויז דאָס האַרץ. אינדערהויך האָט עפּעס אַ געשריי געטאָן דער וואַך-זעלנער און דערנאָך די שייטערהויפנס פון די הונגעריקע, שפּאַלן, אָפּגעריסענע לידערשטיקלעך פון די הונגעריקע...

נו, איז אָט וואָס. איין פראַגע, — אויף דאָסטאָיעווסקיס שטייגער, — אַ פּ ר אַ ג ע ל ע: — יענער דעזשורנער פון „ראַזיעזד מאַר״ איז ער נישט אַמאָל געווען אַנדרעי וואָלקאָוויטש, אָדער גלעב אַרדינין? — און פאַרקערט: — גלעב אַרדינין און אַנדרעי וואָלקאָוויטש — זענען זיי דען נישט געווען יענער מענטש, וואָס איז פאַרצערט געוואָרן מיטן לעצטן פלאַקער פון שווינדזוכט? — אַזעלכענע, נו, אַ שטייגער ווי אונזערע רוסישע איוואַנעלעך-נאַרעלעך, איוואַנעלעך-פּרינצן?

ס׳איז געפּלהאַפּט דערדאָזיקער דריטער פראַגמענט פון טריפּטיך.

אין סעמיאָן מאַטוועעוו זילאָטאָווס בוך — „די שכלדיקע עקזיסטענץ, אָדער די עטישע אָנשויאונג אויפן ווערט פון לעבן״ געפינט זיך אַ פראַזע:

„איז דען דאָ עפּעס שרעקלעכערס, ווי צוצווזען דעם

אומגלויבן, וואָס פאַרשטאַרקט זיך גראָד אין דעם מאָמענט, ווען די נאַטור-כּחות גייען אויס פון אויסשעפּונג, כּדי מיט פאַר-אַכטונג קוקן אויף די שרעקן, וואָס רינגלען אַרום די בעטן פון די גוססע, און מיט שטאָלץ לאָזן בצוואה דער וועלט אַ ביישפּיל פון העזה און כּפירה?״

קאַפּ. VI

באָלשעװיקעס.

דאָס פאַרלעצטע, צװײטער טריפּטיך.

װײל די לעצטע װעלן
זײן די ערשטע

לעדערנע קורטקעס

אין הױז פון די אָרדינינס, אין איספּאָלקאָם *) (אױף די פענסטערלעך איז דאָ נישט געװען קײן גערעניעס — פלעגן זיך צונױפקלײבן אײנדערהױך מענטשן אין לעדערנע קורטקעס, באָלשעװיקעס. אָט דידאָזיקע, אין די לעדערנע קורטקעס, יעדער אײנער געשטאַלטיק, אַ לעדערנער פאַרשױן, יעדער אײנער פעסט-געבױט און די לאָקן מיט אַ רינג אונטער דעם היטל אױפן נאַקן, בײ יעדן אײגעם זענען שטײף אָנגעצױגן די באַקן-בײנער, קנײטשן בײ די ליפּן, יעדנס באַװעגונגען זענען געפּרעסט. אַן אָפּקלײב פון רוסישן צעקראָכענעם, פאַרקריפּלטן פאָלק. אין לעדערנע קורטקעס — װעסטו נישט אונטערנעצן. אָט אַזױ װײסן מיר, אָט אַזױ װילן מיר, אָט אַזױ האָבן מיר באַשלאָסן — און באַסטאַ. פּיאָטר אָרעשין דער פּאָעט, האָט ריכטיק געזאָגט: — „די קבצנים פרײהײט ברענגען, אָדער

*) אויספירקאָמיטעט. (איבּ.)

אויף דער תליה הענגען...״ ארכיפ ארכיפּאָוו איז בייטאָג געזעסן אין איספּאָלקאָם, געשריבן פּאַפּירן, דערנאָך אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט און פאַבריק — אויף קאָנפערענצן, פאַרזאַמלונגען, מיטינגען. געשריבן פּאַפּירן, צונויפציענדיק די ברעמען (און די באָרד איז קוים-קוים געווען צעשויבערט), די פעדער געהאַלטן ווי אַ האַק. אויף פאַרזאַמלונגען אַרויסגעטראָטן, אויסלענדישע ווערטער אַרויסגערעדט אַזוי: — קאָנסטאַנטירן, ענעגריש, ליטעפּאָנאָגראַממע, פּוקצירן, בודזשעט — דאָס רוסישע וואָרט מ אָ ג ו ט — פלעגט ער אויסרעדן — מ אַ ג ו ט׳! אין אַ לעדערנער קורטקע, מיט אַ באָרד ווי ביי פּוגאטשאָוון. — לעכערלעך? און נאָך לעכערלעכער: — אויפכאַפּן זיך פלעגט ארכיפ ארכיפּאוו מיטן באַגינען און באַהאַלטענערהייט פון אַלעמען: — ביכער זופן, קיסעלעווס אַלגעברע, קיסטיאַקאָווסקיס עקאָנאָמישע געאָגראַפיע, די געשיכטע פון רוסלאַנד אין XIX-טן יאָרהונדערט (אויסגאַבע „גראַנאַט״) מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״, אָזעראָווס פינאַנס-וויסנשאַפט, ווייצמאַנס בוכפירונג, אַ אַליין-לערער פון דער דייטשער שפּראַך און — און נאָך איינגעחזרט פון אַ קליינטשיקן ווערטערביכל אויסלענדישע ווערטער, וואָס זענען אַריינגענומען געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך, צעבויפגעשטעלט דורך גאַווקינען.

לעדערנע קורטקעס.

באָלשעוויקעס. באָלשעוויקעס? יאָ, אַזוי. — אָט וואָס באָלשעוויקעס זענען. —

די ווייסע זענען אַוועק אין מערץ. און גלייך אין די ערשטע טעג פון מערץ איז געקומען צופאָרן פון מאָסקווע אַן עקספּעדיציע, כדי זיך צו באַקענען מיט דעם, וואָס איז איבערגעבליבן פון די פאַבריקן נאָך די ווייסע און די שטורעמווינטן. אין דער עקספּעדיציע זענען געווען פאָרשטייער אי פון אָ ט ק, כ מ א ו, פון דער מ ע ט אַ ל - אָ פּ ט יי ל ו נ ג, אי פון ג א מ ז א, אי פון צ ע פּ ט אַ, אי פון צ ע פּ ע ק אַ פּ ע, אי פון פּ ר אָ מ ב י ו ר א, אי פון ר ק פּ, אי פון וו צ ק און אַז. ח. און אַז. וו. — אַלע ספּעצן, — אויף אַ פאַרזאַמלונג אין דער

ראיאָן-שטאט איז קלאָר געוואָרן, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז די לאַגע פון די פאַבריקן איז מער ווי קאַטאַסטראָפאַל, אַז ס'איז נישטאָ נישט קיין רוישטאָפן, נישט קיין אינסטרומענטן, נישט קיין אַרבעטס-הענט, נישט קיין ברען-מאַטעריאַלן, און לאָזן די פאַבריקן אין גאַנג איז נישט מעגלעך. נ י ש ט מ ע ג ל ע ך! איך, דער מחבר, האָב אָנטייל גענומען אין דערדאָזיקער עקספעדיציע, דער אָנפירער פון דער עקספעדיציע איז געווען ק., לויטן פּאַטערס נאָמען לוקיטש. ווען דעם צוג איז געגעבן געוואָרן א באַפעל זיך גרייטן צום אָפּפאָר (און אין צוג זענען מיר געווען אַן — אָפּטיילונג מיט ביקסן), האָב איך, דער מחבר, געמיינט, אַז מיר וועלן פאָרן צוריק קיין מאָסקווע, אויב ס'לאָזט זיך גאָרנישט מאַכן. מיר זענען אָבער געפאָרן — צו די פאַבריקן, ווייל נ י ש ט אָ אַ ז אַ ך, וואָס מ'זאָל נישט קאָנען מאַכן — ווייל מ'קען נישט נישט מאַכן. מען איז געפאָרן צוליב דעם, ווייל דער נישט-ספּעץ, דער באָלשעוויק ק. לוקיטש האָט גאַנץ פּשוט זיך באַרעכנט, אַז ווען עס וואָלט שוין געווען אָפּגעטאָן, דעמאָלט וואָלט מען נישט געדאַרפט טאָן, און הענט וועלן אַלץ מאַכן.

באָלשעוויקעס.

לעדערנע קורטקעס.

„ענערגיש פוקצירן״! — אָט וואָס אַזוינס באָלשעוויקעס זענען. און דער טייוול זאָל אייך אַלעמען כאַפּן, — איר הערט זיס-זויערער לימאָנאַד.

שאַכט № 3 אויף דער טאַיעזשעווער פאַבריק. אין דער טיף פון 320, ד. ה. דריי פערטל ווערסט אונטער דער ערד, האָט מען אויפגעריסן קוילן-שיכטן: די בויערער האָבן געבויערט, איבערן גאַרטל אין וואַסער, הייס ווי אוקראָפּ, אין דער שיכט געבויערט לעכער; די אָנצינדער האָבן אָנגעלאָדן די לעכער מיט דינאַמיט און אונטערגעצונדן זיי אין דער טיף פון 320, אין וואַסער, ווי אוקראָפּ — איבער דער ברוסט. די אָנצינדער האָבן געמוזט אָנטאַפּן אין וואַסער דעם שנור, אָנטאַפּן דאָס לאָך, פּאַטראָנעס אונטערלייגן, אונטערטויכנדיק, אונטערן פּאַטראָן

פיסטאָן מיט אויפרייס-קחעקזילבער און מיט אַ גומענעם קנויט אָנצינדן דידאָזיקע פּאַטראָנען, פּופּצן, צוואַנציק. אַ סיגנאַל אינ־דערהויך:

— זענט איר גרייט

אַ סיגנאַל אונטן:

— גרייט!

אַ סיגנאַל אינדערהויך:

— איך צינד אונטער!

אַ סיגנאַל אונטן:

— צינד מיט הצלחה!

איינער נאָכן צווייטן פלאַקערן אויף די קנויטן, איינער נאָכן צווייטן שיסן און פייפן בלויע פייערלעך איבערן וואַסער און טויכן אונטער אין גומענעם רערל אונטערן וואַסער. דאָס לעצטע בלוי פייערל האָט אַ פייף-געטאָן און אונטערגע־טויכט. אַ שפרונג אין קויש. אַ סיגנאַל אינדערהויך

— הויב אויף!

— גוט — — און דער קויש, אין רעגן, אין חושך, אין געראַיש, זיבן סאַזשען אין אַ רגע, (דער מינימום, כדי נישט צו שטאַרבן) פליט אינדערהויך פון טויט צום ליכט.

די שאַכט № 3, די טיף 320, דעם דינאַמיט האָבן אָנ־געצונדן צוויי.

— איר זענט גרייט!

— גרייט.

— איך צינד אָן!

— צינד מיט הצלחה!

איינער האָט פריער געענדיקט אָנצינדן, אַרייַנגעקראָכן אין קויש. דער צווייטער האָט אָנגעצונדן דעם לעצטן קנויט (עס האָבן געגומען שיסן, אונטערטויכן די בלויע פייערלעך) זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאַנאַט.

— הויב אויף פרייליכער!

אין חושך, אין געפייפעריי איז אַרויסגעפלויגן אַ ...

קויש. — דער צווייטער איז געבליבן אונטן, און דאס לעבעדע פייערל האָט אונטערגעטויכט אין וואַסער.

און דער ערשטער האָט אויסגעקלאַפּט אַ סיגנאַל אין־דערהויך:

— סטאָפּ! לאָז אַראָפּ!

דער קויש האָט זיך גענומען וואַרפן אין חושך, געבליבן הענגען אין רעגן.

— לאָז אַרונטער!

און דאַן האָט דער צווייטער אויסגעקלאַפּט אַ סיגנאַל:

— הויב אויף, — וואָרום צווזאָס נאָך אַ צווייטער טויט?

— לאָז אַרונטער! — דאָס איז דער ערשטער.

— הויב אויף! — דאָס איז דער צווייטער.

און דער קויש האָט זיך גענומען וואַרפן אין חושך. יעדער האָט מקריב געווען דאָס לעבן — פאַרן ברודער, אָט אָ דאָ, אין דער טיף פון 320, ווו דער טויט און די לויה זענען גלייכצייטיק.

דער מאַשיניסט האָט זיכער פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר אין שאַכט, מיט אַ שנעלקייט אין טויט האָט דער מע־כאַניקער אַ וואָרף געטאָן דעם קויש אויף אַראָפּ; און מיט אַ שנעלקייט אין טויט האָט דער מעכאַניקער אַרויסגעטראָגן דעם קויש אין דרויסן, — אונטערן קראַך פון דינאַמיט אונטן, אין טויט. און אינדערהויך האָט זיך אַלע דריי, דעם מעכאַני־קער, און די אָנצינדער — דעם ערשטן און דעם צווייטן: — פאַרוואָלט — מאַכן אַ כּוסה. אָט אַזוי זיך, ווייל דאַן איז נישט געווען קיין שום רעוואָלוציע — טאָ ווי האָט זיך געשיקט — „ענערגיש פּוקצירן.״?

לעדערנע קורטקעס. באָלשעװיקעס.

אין הויז פון די אַרדינינס, אינאָוונט, אין דער קאָמונע, זיך אויסטוענדיק באַרוויס און אָנגענעם אויסגלעטנדיק — נאָך די שטיוול — מיט די הענט די פינגער, האָט יעגאָר סאַבאַטשקין, זיך אַרויסדראַפּענדיק ווי אויף אַלע פיר אויף דער בעט צום לעמ־פּעלע, לאַנג געלייענט אַ בראָשורקע און זיך געװענדט צום

חבר, װעלכער איז אַרײַנגעטאָן געװען אין די „איזװעסטיא“:
— און װי מײנסטו, חבר מאַקאַראָװ, דאָס מענטשלעכע לעבן באַשטימט דער יש, אָדער די אידעע? אַז מ'גיט אַ קלער, איז דאָך אויך אין דער אידעע אַ יש.

קיטאַי-גאָראָד

בײנאַכט אין מאָסקװע, אין קיטאַי-גאָראָד, הינטער אַ כינעזישער װאַנט, אין שטײנערנע געסלעך, אין הויפן, אין גאַז-לאַמטערנס — אַ שטײנערנער מדבר. בײטאָג האָט זיך קיטאַי-גאָראָד הינטער אַ כינעזישער װאַנט געראָיעט מיט אַ מיליאָן מענטשן אַן הארטע היט און מיליאָנען פאַרשײדנסטע זאַכן, קאַפּיטאַלן, בודזשעטן, לײדן, לעבנס — אײנגאַנצן אין אַ האַרטן הוט, דורך און דורך אײראָפּע מיט אַ פּאָרטפעל. און בײנאַכט פלעגן פון די שטײנערנע געסלעך און פון די הויפן פאַרשװינדן די האַרטע היט, ס'פלעגן אָנקומען װיסטקײט און שטילשװײגן, ס'פלעגן אַרומלויפן הינט און מאַט האָבן געברענט די לאַמטערנס צװישן שטײנער, און פון זאַריאַדיע און אין זאַריאַדיע זענען זעלטן, װי די הינט, געגאַנגען מענטשן. און דאַן פלעגט אין דאָזיקן מדבר אַרויסקריכן פון די הויפן, פון די קרעטשמעס — יענער קיטאַי, אָן אַ האַרטן הוט, די הימלישע אימפּעריע, װאָס ליגט ערגיץ-װו אין מזרח הינטער דער גרויסער שטײנערנער װאַנט און קוקט אויף דער װעלט מיט קאָסאָקע אויגן, ענלעכע אויף די קנעפּלעך פון די רוסישע, זעלנערשע שינעלן. — דאָס איז אײן קיטאַי-גאָראָד.

און אַ צװײטער איז דאָ אין ניזשני-נאָװגאָראָד, אין קאַנאַװין, הינטער מאַקאַריע, װו איבער מאַקאַריע האָט זיך מיט דער גרעסטער מחילה צעזעצט דיזעלבע מאָסקװער בײטאָגיקע איליאינקאַ, אין נאָװעמבער, נאָך די סעפּטעמבערשע מיליאָנען פודן, פעסלעך, שטיק, אַרשינען און קאַרצן סחורה, אויסגעביטענע אויף רובלס, פראַנקן, מאַרקען, סטערלינגן און אַז. װ. — נאָך דעם אָקטאָבערשן הוליען הינטער געצעלטן, װאָס האָט

זיך פאַנאַנדערגעגאָסן מיט אַ וואָלגע ווײנען, רייגן, „אייראָפּעאישע״, „טאָטערשע״, „כינעזישע״ ווענעציעס און מיט ליטרעס ספּערמע, — אין נאָוועמבער, אין קאַנאַווין, אין שניי, פון די פאַרהאַקטע האַליעס, פון דער וויסטערניש, האָט געקוקט מיט זעלנערשע קנעפּלעך אָנשטאָט אויגן — יענער נאַכטיקער, מאָסקווער און הינטער דער שטיינערנער וואַנט באַהאַלטענער— קיטאַי. שטילשווייגעניש. אָן אייביק רעטעניש. אָן אַ האַרטן הוט. אָנשטאָט אויגן – זעלנערשע קנעפּלעך.

יענער — דער מאָסקווער — דורך די נעכט, פון אָוונט ביז פאַרטאָג. דערדאָזיקער – דורך די ווינטערס — פון נאָוועמבער ביז מערץ. אין מערץ וועלן די וואָלגאַ־וואַסערן פאַרגיסן קאַנאַווין און אוועקטראָגן קיטאַי אין קאַספּישן ים אַרײַן.

און אַ דריטער קיטאַי גאַראַד.

אָט. אַ טיפער־טאָל, סאָסנעס, שניי, דאָרט ווייטער — שטיינערנע בערג, אַ בלייענער הימל, אַ בלייענער ווינט. דער שניי איז פוכקע און דעם דריטן טאָג שוין בלאָזן ווינטן: — דאָס פאָלק ווייסט: ווינט – באַדייט שניי. מערץ. די קוימענס רויכערן נישט. דער הויך־אויוון שווייגט. עס שווייגן די פאַבריק־קאָרפּוסן, אין די קאָרפּוסן שניי און זשאַווער. אַ שטאָלענע שטילקייט. און פון די דורכגעקאָפּטשעטע קאָרפּוסן, פון די סויטע פאַרזשאַווערטע מאַשינעס — קוקט אַרויס קיטאַי, שמייכלען אונטער (ווי עס קענען אונטערשמייכלען) זעלנערשע קנעפּלעך. עס שווייגן די פרעזערן און איאַקסן. דער הידרוילישער פּרעס קרעכצט נישט מיט זיין נאַטש־עוואַק, נאַטש־עוואַק. אין וואַלץ־צימער ליגט אויף אַ דורכגעזשאַווערטער אייזן־רעלס אַ געלער שניי — אינדערהויך זענען די שויבן צעבראָכן. אין טורבינען־רום ברענט זיך נישט דורך די נעכט, אין קעסל־צימער פייפט דער ווינט און די פינסטערניש. פון דער גיסעריי, ביי וועלכער אַ שראַפּנעל האָט אָפּגעפרעסן אַ עק, פונם מאַרטין־אויוון, פון די קאַלטע אויוון־עפנונגען — קוקן ערנסט אַרויס זעלנערשע קנעפּלעך, מיט גרויסע אויערן, אָן אַ האַרטן הוט.

— דאָרט, פאַר טויזנט וויאָרסט, אין מאָסקווע, האָט דער מוראדיקער מילשטיין פון מלחמה צעמאָלט אילאינקא, און פון אילאינקא איז אַרויסגעקראָכן קיטאַי, געגומען קריכן...

— וווהין?!

— דערקראָכן ביז טאַיעזשעוו?!

— אַ שקר! אַ ש-קר! אַ ש-ש-ש-קר! —

— די ווייסע זענען אַוועק אין מערץ און פאַר דער פאַבריק איז — מערץ. די ווייסע זענען אַוועק מיט אַ אַרטילערישע שלאַכט, אַלע זענען זיך צעלאָפן איבער די וועלדער אויס מורא פאַר דער ווייסער פעסט. בלויז די רויטע אַרמיי, אין צעריסענע שינעלעכלעך, האָט געשפּאַרט און געשפּאַרט פאָראויס אין קליינע הייפעלעך — און אין די טויזנטער. אַ לאַנגע צייט נאָך די ווייסע איז אין דער מעכאַנישער מאַנטיאַר-אָפּטיילונג געהאַנגען אויף אַ קראַן אַ מענטש פאַרטשעפּעט פאַר די ריפּן, און אין די שאַכטעס איז איבערן האַלז געשטאַנען דאָס וואַסער און ס'זענען אַרומגעשוווּמען בלאָ-געוואָרענע בר-מינגנס. דער מערץ-ווינט האָט געגרעוועט מיט זאווערוכעס און געגעסן דעם שניי, איבערן טאָל אַרום פאַבריק און אין די וועלדער פון אַרום האָבן פון מערץ-שניי — פון דורכן ווינט צעגעסענעם שניי — אַרויסגעשטאַרצט מענטשישע הענט, פיס, פּלייצעס — צעפרעסענע שוין נישט פון ווינט, נאָר דורך הינט און וועלף. אין מערץ-ווינט האָבן יתומדיק געטרעשטשעט פּולעמיאָטן און ווי אַ זקן טויט מיט אַ קלאַפּער פליגן אויף די ווענט, האָבן געהוכעט די האַרמאַטן...

— דערקראָכן ביז טאַיעזשעוו?!...

— אַ ליגן! זאָגסט ליגן!! אַ ליגן זאָגסטו!!!..

— אָן דריידלעך. די פאַבריק האָט אויפגעלעבט אויף אַ וווּנדערבאַר פשוטן אופן — אַ דאַנק דער ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר נ ו י ט ו ו ע נ ד י ק י י ט. די ווייסע זענען אַוועק און פון די וועלדער האָבן זיך נאָכן שרעק געגומען צענויפקומען די אַרבעטער, און די אַרבעטער ה אָ ב ן נ י ש ט ג ע ה אַ ט וו אָ ס צ ו ע ס ן. און דאָס איז אַלץ. די מאַכט האָט זיך געביטן

אַכט מאָל, בײַ די אַרבעטער איז געבליבן אײן מוטער — די מאַשין. אויף דער פֿאַבריק איז נישט געװען קײן מאַכט, — האָבן די אַרבעטער זיך אָרגאַניזירט אין אַ קאָאָפּעראַטיװ. דער פֿאַבריק האָט געפֿעלט ברען־מאַטעריאַל, די שאַכטעס זענען געװען פֿאַרטרונקען. הינטער דער פֿאַבריק איז געלעגן די פֿערד־צוכטערײ פֿון די אָרדינינס, אונטערן היפּאָדראָם האָבן זיך געצױגן שיכטן קוילן, — האָט מען דאָ אָן אַ באַפֿולמעכטיקונג גענומען גראָבן קוילן, אויף אַרויסצעציען פֿון די קוילן דעם שװעבל איז קײן צײַט נישט געװען, האָט מען גענומען גיסן אײַזן אויף אַ נ ט ר אַ צ י ט. די מאַשינעס זענען געװען אויסגעלאָשן, די ערשטע האָט מען אָװעקגעלאָזן די אינסטרומענטאַלע. נישט געװען קײן געלט מיט װאָס צו צאָלן די אַרבעטער, — האָט מען באַשלאָסן אַרויסגעבן יעדן אײנעם צו פֿוד אײַזן רעלסן אַ חודש, כּדי אויסצואַרבעטן אַקער־אײַזנס, העק, סערפּן — פֿאַרן סחורות־טויש. די פֿאַבריק האָט פֿון זיך אַלײן אויפֿגעלעבט, זיך באַנײַט, — צי דען איז דאָס נישט קײן פּאָעמע, הונדערט מאָל דערהויבענער פֿון לאַזאַרס תּחית־המתים?!.. — אַרכיפּ אַרכיפּאָװ און אַ אינזשיניערל אַזאַ, אַ צעשױבערטס, אין אַ שעפּסן־בורקע און אַ היטל מיט אויערן, מיט אַ װערטל אַזאַ — טאַ־ראַ־ראַם, (די רעװאָלוציע טאַ־ראַ־ראַם, אַ סקאַנדאַל — טאַ־ראַ־ראַם, די װײַסע זענען געקומען — טאַ־ראַ־ראַם, צײַן־װײטאָק — טאַ־ראַ־ראַם, אַכט מאָל האָט זיך די מאַכט געביטן — אַכט טאַראַראַמען: דער ערשטער טאַראַראַם, דער צװײטער, דער דריטער), — אַרכיפּ אַרכיפּאָװ און דאָס אינזשיניערל דאָסדאָזיקע האָבן זיך אַרומגעטראָגן איבער דער פֿאַבריק, איבער די אָפּטײלונגען, אין די שאַכטעס, און אינאָװנט געשריבן אין קאָנטאָר דעם סאַמע גראַנדיעזן פּראָיעקט. ס'האָט זיך געטראָגן אין װינט דער שװאַרצער רויך פֿון די מאַרטין־אויװנס און בײַנאַכט האָט געפֿלאַקערט דער הויך־אויװן. פֿון די אָפּטײלונגען האָט זיך געטראָגן אַ בראַזג פֿון אײַזן, ס'איז געשטאָרבן די שטאָלענע שטילקײַט. — מ'קען „ענעגריש פּוקצירן!“

אין דער רשימה פון די טעטיקע פאַבריקן, וועלכע די עקספּעדיציע אויף צו באַקענען זיך מיט אונזער שווער-אינדוסטרי האָט געהאַט, איז טאַיעזשעטאָ נישט געווען אָנגעמערקט. די עקספּעדיציע איז קיין טאַיעזשעווּאָ אַריינגעפאָרן צופעליק, פאַרבייגעפאָרן ביינאַכט, זיך נישט געקליבן אָפּצושטעלן, אָבער דערזען די ברענענדיקע הויך-אויוונס און זיך אָפּגעשטעלט, און אַנטדעקט טאַיעזשעווּאָ — איינע פון די איינציקע...

— דאָרט, פאַר טויזנט ווי־אָרסט, אין מאָסקווע׳ האָט דער מוראדיקער מילשטיין פון רעוואָלוציע צעמאָלט איל-אינקאַ, און פון אילאינקאַ איז אַרויסגעקראָכן קיטאַי, גענומען קריכן...

— וווהין?

— דערקראָכן ביז טאַיעזשעווּאַ!

— אַ ליגן! זאָגסט ליגן! ליגן זאָגסטו!!!..

ביי טאָג האָט אין מאָסקווע, אין קיטאַי-גאָראָד, זשאָנגלירט די האַרטע הוט, אין אַ פראַק און מיט אַ פּאָרטפעל — און ביינאַכט פלעגט אים אָפּבייטן קיטאַי, די הימלישע אימפּעריע, וואָס ליגט הינטער דער גרויסער שטיינערנער וואַנט, אָן אַ האַרטן הוט, מיט קנעפּלעך אָנשטאָט אויגן. — נו איז וואָס, — צי דען וועט קיטאַי זיך איצט אויסבייטן אויף אַ האַרטן הוט אין אַ פראַק און מיט אַ פּאָרטפעל?.. אפשר קומט גאָר אים פאַרבייטן אַ דריטער, יענער, וועלכער —

קען ענערגיש פוקצירן!

אַ זאַווערוכע. מערך. — אַך, סאַראַ זאַווערוכע, ווען דער ווינט עסט דעם שניי! שאָאָ—יאַיאַ, שאָ—אָיאַיאַ שאַאָאָיאַיאַ!.. גוויאיאו, גוואַאַאו, גאַאַאו! גוויאיאו, גוויאיאיאיאוּאו!.. גו—ווו—זז! גו—ווו—זז!! גלאַוו—בום! גלאַווּבוממם... שאָאָ—יאַיאַ, גווי—איאוּאו, קאַאַאו... גלאַט-בום! גו—וווז!.. אַך, סאַראַ זאַווערורע, ווי שטורעמדיק!..

ווי גו—ו—

די דריטע טייל. פון טריפטיך,

די ליכטיקסטע.

איבערן באַרג-אַפּריס, איבער דער וואָלאָגאַ שטייט דער קרעמל, מיט זיינע רויטע, צעפּאַלענע, ריזיקע ווענט, פאַרוואַקסענע מיט בוזינע, בערעלעך און קראָפּיווע. די לעצטע הייזער אין קרעמל זענען געבויט געוואָרן אין ניקאָלאַי דעם ן צייטן, שטייבערנע, גרויסע, מיט אַ סך פענסטערס, ווייסע און געלע, פינסטער און מאַיעסטעטיש אין זייער אַלטערטימלעכקייט. די קרעמלער גאַסן זענען אויסברוקירט מיט מוראדיק גרויסע שטיינער. די גאַסן זענען קרום, מיט געסעלעך און טעמפּע ווינק׳ען, און אויף די ווינקלען — צערקוועס. אַ סך היצן האָבן אויסגעצערט דעם קרעמל, און אַ סך יאָרן — נאַקעטע יאָרן — האָבן דורכגעוואַנדערט איבער די שטיינער פון ברוק.

רוסלאַנד. רעוואָלוציע: די סאַוועס שרייען: מענטשלעך-שוידערלעך, חיהש פריידיק. בין-השמשות. האַרבסט. אין קרעמל, אין די גלאָקן-טורעמס זענען דאָ אַ סך סאָוועס. דער בין-השמשות דעקט צו אין האַרבסט די גאָלדענע ערד, ווי דער שיבער דעם קוימען פון אַן אויוון. אין קרעמל הודיעט דער ווינט, אין די געסלעך: הו—או—או—ווינטער!*) און עס רוישט דאָס דאַך-אייזן פון די אַלטע הייזער: — גלאַוו-בום! איבער די נאַקעטע שטיינער אין גרויעם ווינט גייט אַ מענטש אין אַ לעדערנער קורטקע. דער ווינט קערט אויס די געלע בלעטער. דער מענטש גייט דורך זאַריאַדיע ווו עס זענען צעשטערט די האַנדלס-האַליעס, גייט אַרויס אויף יענער זייט קרעמלער וואַל, ווו די אַרטילעריע פון די ווייסע האָט צעשטערט אַ וואַנט, און דאָרט — אויפן צווייטן בערגל — שטייט אַ שפּיטאָל צווישן שלאַנקע, גרינע יעגלינקעס, ווי די הייליקע ביי נעסטעראָוון. דערדאָזיקער מענטש איז — אַרכיפּ איוואַנאָוויטש אַרכיפּאָוו. דער

---

*) אין רוסיש — זימא (ווינטער) קלינגט אַביסל ענלעך אום וואָיען פון ווינט. (איב.)

זינט דער הארבסטיקער — אַלץ צעראַיעט ער, אַלץ צעבלאָזט ער, און עס הוסט זיך פון ווינט דעם הארבסטיקן. און אין שפיטאָל, אין וווינונג פון דאָקטאָר נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ זענען הילצערנע ווענט, עס שמעקט מיט סמאָלע פון זיי, אויף דער פּאָדלאָגע — לינאָלעאום, ברייטע, לויט דער נייער מאָדע גרויסע פענסטערס, און איבערן לינאָלעאום ציט זיך די טריבע ליכט פון טאָג, פון די גרויסע פילאָדענדראָנען, פון טיש, פאַרלייגט מיט פּאַפּירן, פון די ווייסע אויוון-קאכל. דער טאָג איז כמורנע, דער בין-השמשות איז אַ כמורנער, און אין צימער איז ליכטיק, ווי אין אַ צימער, און צום ערשטן מאָל הייצט זיך היינט דער אויוון.

— אַרכיפּאָוו, זעצט זיך אָט דאָ אויף דער קאַנאַפּע.

— ס'מאַכט נישט, אַדאַנק. כ'וועל זיך צוזעצן צום אויוון.

די באָרד איז ביי אַרכיפּאָוון, ווי ביי פּוגאַטשאָוון, אַ שוואַרצע, אַ געדיכטע, אַ צעשויבערטע, און אויך די אויגן זענען שוואַרץ.

— הערט, אַרכיפּאָוו — איר רעדט קיינמאָל נישט וועגן פאָטער, מיר ווילט זיך ריידן מיט אייך — וועגן דעם... איר זענט דאָך אַ זון.

— יאָ. און אויך מיר. שוועד אַרויסצורייסן אַלטע וואָרצלען. און די וואָרצלען דידאָזיקע פאַרשאַפן אַ סך ווייטאָק. אָבער דאָס מוז אַריבערגיין. דער שכל זאָגט: אַזוי האָט געמוזט זיין, שטאַרבן פריצייטיק, — הייסט דאָס, צוואָס זיך נאָך מאַטערן? לעבן דאַרף מען, אַרבעטן.

— איר זענט דאָך אָבער איינער אַליין, תמיד אַליין.

— יאָ. נו איז וואָס? כ'בין תמיד געווען אַליין — איך בין מיט אַלע, מיט די חברים. כ'באַפריי זיך, מסתמא, פון מיין באַרישקייט.

נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט ביים טיש, זיך אַוועקגעשטעלט ביים אויוון זייט ביי זייט מיט אַרכיפּאָוון.

— דעם אמת זאָגט. אייך איז נישט שרעקלעך?

— וואָס שייך נישט שרעקלעך? — ס'איז שרעקלעך.

טרויעריק. אָבער ליידן — דאָס דאַרף מען נישט. דער אַלטער איז געשטאָרבן ווי ס'געהער צו זיין. כ'האָב כסדר געטראַכט אין איין ריכטונג, נו, לייד איך נישט. אַזוי באַדאַרף צו זיין. — אַרכיפּאָוו האָט מיט זיינע ביידע הענט גענומען נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַס האַנט. — איר, נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ, דערציילט בעסער וועגן זיך. אָט וואָס.

— איך האָב נישט וואָס צו דערציילן. ווייס איך וואָס...

— נו, אויב אַזוי, וועל איך דערציילן. די גאַנצע צייט נעמט צו ביי מיר די פאַבריק, דער איספּאָלקאָם, די רעוואָלוציע. אָבער ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך. מ'דאַרף אַרבעטן — נו, האָב איך געאַרבעט. און נאָך עפּעס וויל איך זאָגן. כ'בין געקומען צו אייך מאַכן אַ פאָרשלאָג — די האַנט בעטן. אַלס בחור פלעג איך זיך איינליבן, נו, פאַרשטייט זיך, געזינדיקט מיט פרויען. און דערנאָך איז עס אַריבער. קיין קראַנקהייטן האָב איך נישט קיין איינע, און אויך קיינמאָל נישט געהאַט. כ'מיין, אַז קינדער וועלן מיר האָבן. קיין קאַפּריזן האָב איך נישט. מיר אַרבעטן ביידע צוזאַמען. און די קינדער וועלן מיר אויסהאָדעווען אָן נאַרישקייטן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. מיר וילט זיך האָבן קינדער מיט קעפּ און איר זענט געלערנטער פאַר מיר. נו, און איך לערן זיך אויך צו צוביסלעך. און ביידע זענען מיר יונג, געזונט. — אַרכיפּאָוו האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ האָט נישט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינע.

— יאָ, גוט — האָט זי נישט גלייך געענטפערט. — כ'בין אָבער נישט קיין בתולה. קינדער — יאָ, דאָס איינציקע. כ'האָב אייך נישט ליב אַזוי, — נו איר ווייסט שוין.

אַרכיפּאָוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַריינגעקוקט אין נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַס אויגן, — זיי זענען געווען דורכזיכטיק און רואיק. אַרכיפּאָוו האָט אומגעשיקט צוגעטראָגן נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַס האַנט צו זיינע ליפּן און שטיל אַ קוש געטאָן

— נו, אָט אַזוי. און דאָס וואָס איר זענט נישט קיין

בתולה, — קיין נאַרישקייטן דאַרף איך נישט, — דעם מענטשן דאַרף איך.

— אַרכיפּאָוו, דאָס וועט אַלץ זיין קאַלט, נישט געמיטלעך.

— וואָס הייסט? נישט געמיטלעך?

דער הימלישער שיבער האָט צוגעדעקט די ערד, די פענסטער האָבן זיך צעגויפּגעגאָסן מיט די ווענט, אין אויוון האָבן זיך די קוילן פאַרצויגן מיט אַש, — מ'דאַרף צומאַכן דעם אויוון. אין עסצימער, וווּ די ווענט זענען אויך הילצערנע, בלאַנקען ניקעלן קאַלט אויפן טיש מיטן ווייסן טישטוך אַ קאַווע-טעפּל, אַ טאַץ, גלעזער-האַלטער. אַרכיפּאָוו טרינקט פון שעלכעלע, אונטער דער לעדערנער קורטקע איז אַ וועסטל און אַ העמדל אונטער דער וועסטל. נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ טראָגט אַ רויטן, געשטריקטן יאַקל און אַ שוואַרץ קליידל, און די האָר ווי אַ קראַנץ — אין צעפּ. דער לינאָלעאום בלישטשעט קאַלט — הינטער די פענסטער איז אַ כמורנע לבנה און וואָלקנס, נאַכט, — און מיט אַ כמורנער קעלט שפּיגלען זיך אָפּ אין לינאָלעאום די לבנה, די ווענט, דער טיש מיט די פיס אַרויף, דער חושך פון דער צעעפענטער טיר און דער פינסטערער צימער. אויפן טיש אין עסצימער שטייט דער מיניסטערשער לאָמפּ.

— אַ מענטשן דאַרף מען האָבן, ריינקייט, שכל!

דער קאַבינעט איז פול מיט לבנה-שיין און לבנה-פּאַסן האָבן זיך צעלייגט איבערן לינאָלעאום. אַרכיפּאָוו האָט צופעליק אָנגערירט נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאס אקסל, די לבנה-שיין איז געפאַלן אויף נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַן, די אויגן זענען פאַרשוווּנדן אין חושך — צאַרט, פרויאיש-ווייך האָט זיך נאַטאַליאַ יעווגראַפאָוונאַ צוגעטוליעט צו אַרכיפּאָוון און אַרויסגעשעפּטשעט קוים צום הערן:

— טייערע, איינציקער, מיינער...

אַרכיפּאָוו האָט נישט געפונען וואָס צו ענטפערן.

— איר פאַרשטייט — לעבן, טייערע!

די סאָוועס שרייען: מענטשיש מוראדיק, חיהש פריידיק. — „דער מענטש איז דאָך נישט קיין חיה, ער זאָל ליב

האָבן ווי אַ חיה". דער הימלישער שיבער האָט צוגעדעקט די ערד. נאַכט. קרעמל. די סאָוועס שרייען, דער ווינט שרייט אין די געסלעך: גו—וו—ווינטער!... די ווייסע און געלע הייזער, שטיינערנע, גרויסע, פיל־פענסטערדיקע, זענען אָנגעכמורעט אין דער נאַכט און זענען מאַיעסטעטיש אין זייער אַלטערטימלעכקייט. די גאַסן ציען זיך קרום, מיט טעמפּע ווינקלען און געסלעך, און די גאַסן זענען ברוקירט, און אויף די ראָגעס — צערקװעס. נאַקעטע יאָרן. חושך. נאַכט. האַרבסט. פאַמעלעך קריכט די לבנה, אַ גרינע.

— טייערער, איינציקער, מיינער.

נאַטאַליאַ שטייט אין קאַבינעט לעבן פענסטער, קאַלט בלאַנקט דער לינאָלעאום, די פילאָדענדראָנען זענען זיך צעוואַקסן אין חושך. אויפן פענסטער פאַלט לבנה־ליכט. צום ערשטן מאָל האָט מען היינט געהייצט דעם אויוון — שוויצן די פענסטער. די געשפענסטיקע לבנה־שיין ברעקלט זיך און שפיגלט זיך אָפּ — אין טרערעלעך אויפן גלאָז און אין טרערעלעך אויף די אויגן.

— נישט ליב האָבן — און ליב האָבן. אַך, און געמיטלעך וועט זיין, און קינדער וועלן זיין און — אַרבעט, אַרבעט!... טייערער, איינציקער, מיינער! ס'וועט נישט זיין קיין ליגן און קיין ווייטאָק.

אין הויז פון די אָרדינינס, אין דער קאָמונע. יעגאָר סאַבאַטשקין האָט אַראָפּגעצויגן די שטיוול און מיט פאַרגעניגן אויסגעגלייכט די פינגער נאָך די שטיוול, זיך פאַרקליבן אויפן בעט צום לעמפּל, אויף אַלע פיר, און לאַנג געלייענט אַ בראָשור. געענדיקט, האָט ער מיושבדיק געזאָגט:

— דער אמת און די פרייד וועלן פאָרט אַרויס אַלס זיגער! אַנדערש קען נישט זיין.

אַרכיפּאָוו איז שטיל אַרייַנגעקומען און דורכגעגאַנגען צו זיך אין צימער אַריין, — אין גאַווקינס ווערטערבוך פון די

אויסלענדישע ווערטער, וועלכע זענען אריינגענומען געווארן אין דער רוסישער שפראך, האט דאס ווארט געמיטלעכ-קייט געפעלט.

— טייערער, איינציקער, מייגער.

קאפ VII.

דאס לעצטע, און א נאמען.

רוסלאנד.
רעוואלוציע.
זאווערוכע.

עפּילאָג.

דריטער טריפּטיך, איוואַן-דאַ-מאַריאַ.*)

(מאַטעריאַל, אייגנטלעך)

כשוף-שפּרוכן.

אָקטאָבער-צייט זענען די וועלפישע קליינע נישט קלע-נער פאַר אַ גוטן הונט. — שטילקייט. אַ צווייג האָט מיט אַ קנאַק זיך איבערגעבראָכן. צום אָרט ווו מ'האַקט וואַלד, דאָרט, ווו יונגען פון טשאָרניע רעטשקי האָבן בייטאָג געזעגט זייער אַרבעטס-ציינג, האָט אַ צי געטאָן פון גראָבן מיט פויל-געריך, מיט שוואָמען, מיט האַרבסטיקן שפּירט. און דערדאָזיקער האַרב-סטיקער שפּירט האָט אויף זיכער אָנגעזאָגט, — אַז ס'נעמט אַ סוף צו די רעגנס. דער האַרבסט וועט אַ וואָך צייט אויס-גיסן גאָלד, און דערנאָך, אין פרעכטלעך, וועט פאַלן שניי. אין שפּעטזומער, ווען די פאַרהאַרטעוועטע ערד האָט אַ גע-רוך פון שפּירט, פאָרט אַרום איבער די פעלדער דאָבריניאַ-זלאַטאָפּאָיאַס-ניקיטיטש **), — בייטאָג בלאַנקט זיין פאַנצער מיט צינאָבער פון די עספּעס, מיטן גאָלד פון בעריאָזעס, מיט דער הימל-בלאָקייט (מיט בלאָקייט, וואָס איז שטאַרק ווי שפּירט),

---

*) אזא בלום. (איב.)

**) א געשטאַלט פון רוסישן פאָלקס-עפּאָס. (איב.)

און בייגאכט, מאַט־ווערנדיק, איז זיין פּאַנצער ווי ברוינער־
שטאָל, פאַרשאַוערט מיט וועלדער, פייכט פון נעפּלען, און
פונדעסטוועגן א פאַרהאַרטעוועטער, א בולטער, אַ הילכיקער,
מיט ערשטע אייז־הייטלעך, בלישטשנדיק מיט די שטערן פון
די צוזאַמענגעשמידטע נעט. — אַ פּרעסטל, און פונדעסט־
וועגן ציט פון גראָבן, צום אָרט ווו מ׳האַקט דעם וואַלד, מיט
דער לעצטער פייכטקייט און לעצטער וואַרימקייט. אָקטאָבער־
צייט גייען די וועלפישע קליינע אַוועק פון די גרויסע און
גייען אַרום אַליין. אַ וואָלף איז אַרויס אויף אַ וואַלד־לאָנקע,
וויט אַרומגעגאַנגען דעם רויך פון טליענדיקן שייטערהויפן,
אונטערגעשטאַנען צווישן די אומגעוואָרפענע בעריאָזעס און זיך
אַוועקגעלאָזן איבערן אָפּהאַנג צו די פעלדער, ווו די האָזן
האָבן געטראָטן די ווינטער־תבואה. אין דער שוואַרצער נאַכט
און אין דער שוואַרצער שטילקייט האָט מען הינטער די טרו־
קענע טאָלן נישט געזען די טשאָרניע רעטשקי. אין טשאָרניע
רעטשקי, אין די שייערס, האָבן די מוידן אַרויסגעפּלאַצט מיט
אַ כאָר־ליד און זענען גלייך אַנטשוויגן געוואָרן, שיקנדיק די האַרב־
סטיקע פעלדער און דעם וואַלד אַ קוויטשנדיק־אומעטיקס. פון
וואַלד, מיטן גראָבן, איז אַרינאַ געגאַנגען צו ניקאָלאַן, צו
יעגאָרקען. דער וואָלף האָט זי אָנגעטראָפן ביים וואלד־ראַנד
און זיך אַוועקגעדרייט אין די קוסטעס. אַרינאַ, זעט אויס,
האָט דערזען דעם וואָלף, — ס׳האָבן אויפגעבליצט אין די קוס־
טעס אַ פּאָר גרינע פייערן, — ארינאַ האָט נישט פאַרלאָזן
דעם וועג, נישט צוגעאיילט די טריט... אין יעגאָרקעס שטוב,
איבער טשאָרנאַיאַ, האָט האַרבסטיק געשמעקט מיט הייל־
גראָזן. אַרינאַ האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן דעם פייער אין אייזער־
נעם אויוועלע, אָנגעצונדן אַ ליכט, געגאָסן פון וואַקס פון יע־
גאָרס אייגענעם בינשטאָק, — און ס׳איז באַלויכטן געוואָרן די
שטוב, אַ שיינע, אַ גרויסע, מיט בענק אַרום אַלע ווענט, מיט
אַ געמאָלטן אויוון, פון וועלכן ס׳האָבן אַראָפּגעשטאַרצט די
פּיענטעס פון איין־אויגיקן יעגאָרקע — דעם „זנאכאר”. — אַ
האָן האָט אויסגעשריגן האַלבע נאַכט. ...קעץ זענען אַראָפּגע־

OF SASKATOON

שפרונגען אויפן דיל. יעגאָרקאַ האָט זיך איבערגעדרייט, אַראָפּ־געלאָזן פון אויוון זיין ווייסן, צעשויבערטן קאָפּ און פאַר־שלאָפן, אויסגעשריגן מיט אַ הייזעריק קול:

— שוין געקומען? — אַאַ, געקומען, מכשפה! וועסט זיך נישט אויסדרייען, וועסט זיך נישט אָפּוועגדן, מיינע וועסטו זיין, כ׳וועל פאַרכשופן, מכשפה!

— נו, איז וואָס, בין איך געקומען. און וועל קיינמאָל נישט אָפּטרעטן פון דיר, פון בלינדן שד. און כ׳וועל דיך פאַר־פייניקן, און דיין בלוט, דאָס שדישע, וועל איך אויסטרינקען. כ׳וועל דיך, שד דו בלינדער, אין טויט אַריינטרייבן.

אין פאָרהויז האָבן באַאומרואיקט געהוזשעט די בינען, די נאָך נישט איינגעאָרדנטע אויף ווינטער. די שאָטנס פון אָנגע־צונדענעם ליכט האָבן גענומען לויפן און זענען פאַרגליווערט גע־וואָרן אין די ווינקלען. ווידער האָט אַ געשריי געטאָן דער האָן, אַרינאַ האָט זיך געזעצט אויפן באַנק, די קעץ האָבן גע־נומען גיין איבערן דיל, אויסבויגנדיק די רוקנס, און אַרויס־געשפרונגען אויף אַרינאַס קני. יעגאָרקאַ איז אַראָפּגעשפרונגען פון אויוון — ס׳האָבן אַ בלאַנק געטאָן די באָרוועסע פוסטריט, מיט פינגער, ווי די קאָרע פון דער נאָדל־יאַגדע.

— געקומען? — אַ—אַ, געקומען, מכשפה, דאָס בלוט וועל איך אויסזויגן...

— נו, איז וואָס, בין איך געקומען, איין־אויגיקער שד. פאַרפלאָנטערט, פאַרנאַרט, אַ געטראַנק איינגעגעבן.

— די שטיוול צי אַראָפּ, אויפן אויוון קריך אַרויף!.. טו זיך אויס!..

יעגאָרקאַ האָט זיך איינגעבויגן צו אַרינאַס פיס, די שטיוול אַראָפּגעצויגן, די קליידלעך אויפגעהויבן, און אַרינאַ, נישט ווויסנדיק פון קיין בושה, האָט נישט פאַרריכט אירע קליידלעך.

— אַ געטראַנק איינגעגעבן, דער שד, דער איינאויגיקער. און אַליין אויך עפּעס אויסגעטרונקען. גראָזן מיסגעבראַכט, אין פאָרהויז אַוועקגעלייגט.

— אַ געטראַנק איינגענומען, אַ געטראַנק איינגענומען!..

וועסט אין ערגיץ נישט אַוועק, מיינע וועסטו זיין, וועסט אין ערגיץ נישט אַוועק, מויד!..

הינטערן הויף-דאַך האָבן גענומען בילן די הינט: — ווייזט אויס, אַ וואָלף איז פֿאַרבייגעגאַנגען. און ווידער האָט געשריגן דער האָן, דאָס דריטע מאָל. די נאַכט האָט זיך דערנענטערט צו האַלבער נאַכט. צו די פּרעסטלעך האָט מען זיך אין די טשאָרניע רעטשקי אָפּגעפּאַרטיקט מיט די פֿעלדער, זיך אויסבאַהאַלטן אין די שטיבער, — דאָס פֿויערשע לעבן שטאַרבט אָפּ צוזאַמען מיט דער ערד. די פֿויערטעס האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין די דרעשערייען און די מוידן האָבן זיך נאָך דער זומערפּראַצע און פֿאַר די חתונות אָפּגעפּאַשעט, פֿלעגן נישט אַוועקגיין אין די אָוונטן פֿון די דרעשערייען, האָבן גענעכטיקט גרופּעסווייז אין די שייערן, האָבן געהייצט די רויכערדיקע, ערדענע שייער-אויוונס, געיעלהט ביז האַלבער נאַכט זייערע קערנדיקע כאָר-לידער, — הייסט עס, אַז אויך די יונגען, וואָס זענען בייטאָג געגאַנגען זעגן האָלץ, האָבן אין די אָוונטן זיך געשטופּט ביי די שייערן. איבער די פֿעלדער איז אַרומגעגאַנגען דאָבריניאַ, הויפֿנווייז געשאָטן איבער דעם אייזיקן, האַרבסטיקן הימל ווייסע שטערנס (אַנדערע פֿון זיי זענען געפֿאַלן אויף דער שוואַרצער ערד). די ערד איז געלעגן אַ מידע, אַ שווייגנדיקע, — ווי געברוינטער שטאָל פֿון דאָבריניאַס פּאַנצער, דער שטאָל איז פֿאַרזשאַווערט מיט וועלדער, קלינגט מיט ספּראָנזשקעס פֿון אייז, ווייסט זיך מיטן שימל פֿון די לעצטע נעפּלען, — אָוונטצייט האָבן די מוידן אין שייער געיעלהט כאָר-לידער, די יונגען זענען געקומען מיט אַ האַרמאָניקע, די מוידן האָבן פֿאַרמאַכט דעם שייער, די יונגען האָבן זיך אַריינגעריסן אין שייער, די מוידן האָבן גענומען קוויטשען, זיך געוואָרפֿן אין די ווינקלען, זיך פֿאַרגראָבן אין שטרוי, די יונגען האָבן דעריאָגט, געכאַפּט, געקנאָטן, געקושט, אַרומגענומען, פֿון שייערישן אויוון-גרוב האָט שוואַרץ-ברוין געבלישטשעט דאָס אַש, דער רויך האָט געבלענדט, דאָס שטרוי האָט גערוישט ווינטערדיק.

— טשי-חי-לי, ווי-לי, בעם. —

ווען מען דו ווילסט נעם!

האָט אַ מויד געגומען זינגען אין ווינקל, זיך אונטער-געבנדיק. האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו לידער, זיך ערנסט אויסגעשטעלט אין אַ קרייז. אַ האַרמאָניקע האָט אַ סקריפּע געטאָן. די מוידן האָבן שטרענג געפּאַרסקעט.

— איר, לאַנגפיסיקע באָטשאַנעס,

ט'נישט געפונען קיין וועגן-שטעגן! —

האָבן זיך צעזונגען די מוידן.

אַחוצן רויך האָט גענומען שמעקן מיט אויפגעשלאָגן שטרוי, שווייס, שעפּסן-פעל. — אין דאָרף האָבן זיך צעקריגט די הענער. איבער דער ערד איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטערן.

אַלעקסיי סעמיאָנאָוו קניאַזקאָוו-קאָנאָנאָוו האָט אוליאַנקאַ קאָנאָנאָווען דעריאָגט אין אַ פינסטער ווינקל אויפן שטרוי, ווו ס'האָט געשמעקט מיט שטרוי, קאָרן און מייז. אוליאַנקאַ איז אומגעפאַלן, באַהאַלטן די ליפּן. אַלעקסיי האָט אַרויפגעשטעלט די קני אויף איר בויך, אָפּגעריסן אירע הענט, אומגעפאַלן, זיינע הענט האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אוליאַנקאַס ברוסט. אוליאַנקאַ האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, — די ליפּן זענען גע-ווען פייכט, געזאַלצן, דער אָטעם — הייס, ביטער און זיס און שכור האָט גענומען שמעקן מיט שווייס.

— טשי—ווי—לי! ווי—לי, ווי—לי!..

זלאַטאָפּאָיאַס דאָבריניאַ האָט איבערן הימלישן אייז צע-וואָרפן ווייסע שטערנס, אין שטילשווייגן איז געלעגן די מידע ערד, דער דאָרף איז געשלאָפן, — איבערן טייך מיטן וואַלד פון דער רעכטער האַנט, מיט די פעלדער פון לינקס און פון הינטן, — אַ צו-דער-ערד-צוגעפאַלענע, מיט כאַטקעס, וואָס קוקן אַרונטער מיט זייערע בלינדע, — אין בעלמעס, — פענסטער-לעך, צוגעקעמטע מיט שטרויענע דעכער ווי זקנים. די יונגען האָבן געגעכטיקט אין אַ שייער, אין שכנות מיטן מיידלשן. נאָכן צווייטן קריי איז אַלעקסיי אַרויס פון שייער, ווי אַ צאַנקנדיק ליכטל האָט געשיינט איבערן דאַך די לבנה, די ערד האָט זיך באַזאַלצן מיט פראָסט, אונטער די פיס האָט אַ טרעשטש געטאָן אַן אייז-הייטל, די בוימער זענען געשטאַנען

חי פֿון ביין, און קוים צום מערקן האָט זיך געוויקלט צווישן זיי אַ ווייסער נעפּל. דער מיידלשער שייער איז געשטאַנען דערנעבן, אַ שטילשווייגנדיקער, און דער דרעשערײַ האָט געבלאַנקט דאָס שטרוי. און גלײַך נאָך אַלעקסייען האָט אַ סקריפּ געטאָן אַ טויער ביים מיידלשן שייער און אוליאַנקאַ איז אַרויס אין לבֿנה־שיין. אַלעקסיי איז געשטאַנען אין חושך. אוליאַנקאַ האָט זיך רואיק אומגעקוקט אַרום, צעשטעלט די פֿיס, געגומען משתּין זיין — און דער האַרבסטיקער שטעכיקער שטילקייט האָט זיך בולט געהערט דער גערויש פֿון דער פֿאַלנדיקער פֿליסיקייט, — דורכגעפֿירט די האַנט דורכן קליידל איבערן אותו מקום, געשטעלט אַ טריט מיט צעשטעלטע פֿיס און אריין אין שייער. אויף די הויפֿן האָבן זיך צעקרייט די הענער, איינער, צוויי, אַ סך. אַליאָשקע האָט אין יענעם אָוונט צום ערשטן מאָל דערשפּירט די פֿרוי, נישט אויף אַ שפּילכל. —

און מיט אַ צוויי טעג פֿאַר פּאָקראָוון, ביינאַכט, איז אויסגעפֿאַלן אויף עטלעכע שעה דער ערשטער שניי. די ערד האָט באַגעגנט דעם פֿרימאָרגן מיט ווינטער, מיט אַ פֿייערדיקן באַגינען. אָבער צוזאַמען מיטן שניי איז געקומען וואַרעמקייט און דער טאָג איז גראָ געוואָרן, ווי אַ זקנה, געווען וויבֿטיק, היימלאָז, — ס׳האָט זיך אומגעקערט דער האַרבסט. אין דאָזיקן טאָג פֿאַר פּאָקראָוון האָט מען אין טשאָרניע רעטשקי ביים טייכל געהייצט די בעדער. — באַגינען האָבן מוידן געשלעפּט וואַסער באָרוויסערהייט איבערן שניי, מיט אונטערגעשטעקטע קליידלעך און אַ גאַנצן טאָג געהייצט רויכיקע אויוונס. אין די כאַטעס האָבן די עלטערע צענומען אַש אין וואַסער, צעגויסגעקליבן די העמדער, און פֿאַרנאַכט צו משפּחהווייז אַוועק זיך פּאַרען — אַלטע, פּויערים, איידעמס, זין, קינדער, מוטערס, ווייבער, שניר, מוידן. אין די בעדער זענען נישט געווען קיין קוימענס; אין רויך, אין דאַמף, אין רויטע אָפּשיינען פֿון אויוון, אין ענגשאַפֿט האָבן זיך געשטויסן ווייסע מענטשלעכע קערפּערס, מענערשע און ווייבערשע, זיך געוואַשן מיטן זעלבן לייק, די פּלייצעס האָט אַלעמען געריבן דער

עלטסטער, און אָפּשווענקען זיך זענען אַלע געלאָפֿן צום טײַך, — אין פֿאַרנאַכטיקן פֿײַכטן פֿרעסטל, אין קאַלטן ווינט. —

און אַליאָשקאַ קניאַזקאָוו איז אין יענעם טאָג באַגינען בעגאַנגען צו ניקאָלאַ, צו יעגאָרקען דעם אײנאויגיקן — דעם זנאַכאַר״. דער וואַלד איז באַגינען געווען שווײַגנדיק, נעפּלדיק, מוראדיק, און דער מכשף יעגאָרקאַ האָט אימהדיק געזאָגט כשוף-שפּרוכן: — אין באָד, אין באָד, זאָג איך, אין באָד!..

דער אָוונט איז געקומען אַ פֿײַכטער און קאַלטער, דער ווינט האָט געפּײַפֿט אויף אַלע אופֿנים און טענער. אינאָוונט איז אַליאָשקאַ געשטאַנען אויף דער וואַך בײַ דער פֿאַרפֿוילטער באָד פֿון די קאָנאָנאָווס. — ס׳איז אַרויסגעלאָפֿן אַ באַטויבט, יונג ווײַבל, נאַקעטערהייט, מיט צעלאָזענע צעפּ, געלאָפֿן צום טײַך און פֿון דאָרט גענומען לויפֿן אויפֿן באַרג אַרויף צום שטוב, איר ווײַסער קערפּער איז צעשוומען אין חושך. צוויי מאָל איז אַרויס דער אַלטער, קרעכצנדיק זיך אָפּגעטונקט אין טײַכל און ווידער אַוועק זיך פּאַרען. די מוטער האָט אונטער די אָרעמס געשלעפּט צום טײַך די קלײנע. אוליאַנקאַ האָט זיך אײנע אַלײן פֿאַרהאַלטן אין באָד, זי צוגערוימט. אַלעקסײ האָט זיך פֿאַרקליבן אין פֿאָרהויז און מיט גרויס שרעק גענומען מורמלען יעגאָרס כשוף-שפּרוכן:

— איך, לעקסײ, וועל זיך שטעלן מיטן פּלײצע צום מערב, מיטן פּנים צום מזרח, כ׳וועל אַ בליק טאָן, כ׳וועל אַ קוק טאָן, — פֿון קלאָרן הימל פֿליט אַ פֿײַערדיקע פֿײַל. צו יענער פֿײַל וועל איך תּפֿלה טאָן, יענער פֿײַל וועל איך אונטערטעניק זײַן, כ׳וועל זי פֿרעגן: „וווהין ליגט דײַן וועג, פֿײַערדיקע פֿײַל?״ — „אין וועלדער פֿינסטערע, אין זומפּן שיטערע, אין קאָרע טרוקענע״.

— הײ, דו פֿײַערדיקע פֿײַל, פֿלי אַהין, ווהין כ׳וועל שיקן: פֿלי צו אוליאַנאָן, דער קאָנאָנאָווע, גיב אַ קלאַפּ איר אין פֿײַערדיקן האַרצן, אין דער שוואַרצער לעבער, אין הײסן בלוט, אין רוקן-מאַרך, אין די צוקער-ליפּן, זי זאָ, בענקען,

טרויערן נאָך מיר זוען די זון איז דאָ, ביים פרימאָרגנשטערן, ביי דער יונגער לבנה, אין ווינט און קעלט, אין קורצע טעג און אין לאַנגע טעג, זי זאָל מיר, לעקסיי סעמיאַנאָוון, קושן, ארומנעמען, נאופן מיט מיר. די ווערטער מיינע זענען פול און צויבער-פעאיק, ווי ס׳איז גרויס דער ים-אוקינוס, שטאַרק און קלעפיק, שטארקער און קלעפיקער פאַרן פיש-קליי, האַר-טער און פעסטער פאַר שפיזן און שטיינער, אויף דור-דורות. אמן״.

אוליאַנקאַ האָט געווישט דעם דיל, פלינק געאַרבעט, לייכט האָבן געשפילט די מוסקולן אויף איר קרעפטיקן קרייץ — פלוצלונג האָט אַ שלאָג געטאָן אַ טשאַד צום קאָפּ, — האָט אפשר דער כישוף-שפּרוך פארנעפּלט? — האָט זי ברייטער צעעפנט די טיר, זיך אָנגעשפאַרט צום אושאַק נאָכגיביק און קראַפטלאָז, געאָטעמט מיט קאַלטער לופט, שוואַך אַ שמייכל געטאָן, זיך אַ ציִ געטאָן — אין די אויערן האָט זיס געראַשט, דער קאַלטער ווינט האָט אָפּגעפּאָכעט מיט רו. — פון באַרג האָט אַ געשריי געטאָן די מוטער:

— אוליאַנקאַ—אַ! גיכער שוין! די קי מעלקן!

— גליַאך! — זיך געכאַפּט אײַלן, אַ דריי מאָל אַ שליאָפּ געטאָן מיט דער שמאַטע איבערן דיל, פאַריאָגט דאָס וואַסער אין די ווינקלען, אַרויפגעוואָרפן דאָס העמד און שטייגנדיק אויפן באַרג ווילעריש געזונגען:

— כ׳וועל נישט נעמען קיין מאַן פון אָזיארקי,
כ׳וועל זיך נישט שטעלן בחרפּה!
כ׳וועל נישט בראַנעווען,
כ׳וועל זיך נישט פאַרשטייבן!..

אין פינסטערן שטאַל אונטערן הויף-דעכל האָט וואַרעם געשמעקט מיט מיסט און קו-שווייס. די קו איז געשטאַנען אונטערטעניק. אוליאַנקאַ איז געזעסן אויף די שפּיץ-פינגער, דאָס מילך האָט געקלאַפּט אין מעלק-שעפל, די ציצקעס ביי דער קו זענען געווען ווייך, די קו האָט טיף אָפּגעזיפצט...

און אין פאַרקאָווו-טאָג, ביי דער מיטאָג-תּפילה אין דער

פינסטערער צערקווע, האָט אוליאַנקאַ צווישן דין-פּיסיקע און טאַקל-פּנימדיקע הייליקע געזאָגט איר איינפאַכע מיידלשע תּפלה:

— גאָטסמוטער הייליקע, באַדעק די ערד מיט שניי און מיר מיט אַ חתן.

און אַ שניי איז אין יענעם יאָר געפאַלן פרי, דער ווינטער האָט זיך געשטעלט נאָך פאַר דער „קאַזאַנער". *)

שמועסן.

ווינטן האָבן געקערט מיט ווייסע זאַווערוכעס, פעלדער האָבן זיך באַדעקט מיט ווייסע שנייען, מיט שניי-בערג, קוי-מענס האָבן געראויכערט מיט בלאָלעך-גרויע רויכן. יענער פריי-לינג, ווען די פּויערים זענען מיט אַ גאָטעסדינסט, מיט די פאַמיליעס אויף די וועגענער געפאָרן אויף גאַנצע דריי טעג ראַבירן פּריצישע הויפן איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען — יענעם פרילינג האָבן אָפּגעפלאַקערט די פּריצישע נעסטן מיט רויטע שרפות ביזן פונדאַמענט, אויף אייביק. דערנאָך זענען פאַר-שוונדן: נאַפט, שוועבעלעך, טיי, צוקער, זאַלץ, סחורות, שטאָ-טישע שכוואַרג, קליידונג — אין טויט-קאָנוואָלסיעס האָבן גע-צאַפּלט צוגן; גוססדיק האָט גענומען טאַנצן דאָס בונטע געלט — דער וועג צו דער סטאַציע איז פאַרוואָקסן מיט וועג-בלעטער.

צוויי טעג איז געפאַלן דער שניי, ס'האָט געקנאַקט אַ פרעסטל, דער וואַלד איז גראָ געוואָרן, די פעלדער — ווייס, די סראָקעס האָבן געטרעשטשעט—פון די פרעסט, ווינטן, שנייען איז זלאַטאפּאָיאַס-דאַבריניא פליכיק געוואָרן, — אַ שליטוועגס האָט זיך געשטעלט אַ לייכטער, אַ שיינער. יענעם ווינטער האָט די פעסט-לופט מיט גרויס אייפער געפּאָכעט מיט דער שוואַר-צער טוך איבער די הייזער, געשאָטן מיט טיף, פּאָקן, פאַר-

---

*) אַ יום-טוב פון דער קאַזאַנער גאָטס-מוטער.

קילונגען, — און מיטן שליטוועגס זענען אָנגעפּאָרן קירזשאַקן, *)
מיטגעבראַכט טרומנעס. דער טאָג האָט זיך געניינט צום אונ-
טערגיין, אַ גראָער, די טרומנעס זענען געווען סאָסנאָווע, פון
אַלע מאָסן, געלעגן חמרים גאַנצע אין די ברייטע שליטנס,
איינע אויף דער צווייטער. די קירזשאַקעס האָט מען באַמערקט
אין טשאַרניע רעטשקי נאָך הינטערן דאָרף, די פויערטעס האָבן
זיי דאָרט באַגעגנט. די טרומנעס האָט מען צעכאַפּט אין איין
שעה. אַ קירזשאַק האָט געמאָסטן די פויערטעס מיט אַ סאַ-
זשען, צוגעלאָזן נאָך אַ פערטל. דער ערשטער איז צוגעטראָטן
צום מסחר דער אַלטער קאָנאָנאָוו-קניאַזקאָוו.

— ווי טייער, אַ שטייגער, קאָסט-עס? האָט ער געזאָגט. —
טרומנעס, אַ שטייגער, דאַרף מען קויפן... — מ'דאַרף... —
אין שטאָט פעלט אויס. איך דאַרף, די אַלטע, און אַזוי, אַ
שטייגער... וועמען ס'מאַכט זיך.

דעם אַלטן קאָנאָנאָוו האָט איבערגעריסן ניקאָנאָווס ווייב,
גענומען מאַכן מיט די עלנבויגנס, מיט עלנבויגנס גענומען ריידן:

— נו, ווי טייער, ווי טייער קאָסט עס?

— דער פּרייז — וואָס איז דאָ צו ריידן, — אויף בול-
בעס בייטן מיר, — האָט דער קירזשאַק געענטפערט.

— פאַרשטייט זיך, נישט אויף געלט. דריי טרומנעס
נעם איך. אַ נישט, שטאַרבסטו — איז אַ קלאָפּאָט. אַזוי איז
זיכערער.

— איינס, אַ שטייגער, איז זיכערער, — האָט איבערגע-
ריסן קאָנאָנאָוו. — דו וואַרט צו, ווייבעלע, איך בין עלטער...
אָנו, ליבער, מעסט מיך נאָר אָפּ, — ווי גרויס איך בין אויס-
געוואָקסן, מעסט אָפּ. שטאַרבן, — אַלע זענען ווי ביי גאָט
אין בוזים, — אַ שטייגער, אויב שוין שטאַרבן.

פויערטעס זענען געלאָפן נאָך קאַרטאָפל. דער קירזשאַק
האָט אָפּגעמאָסטן, די יונגען האָבן אַרויפגעוואָליעט די טרומנעס
אויף די קעפּ — פאַנאַנדערגעשלעפּט מיט שטאָלץ איבער די
הייזער, לאַנג האָט מען דאָרט באַטראַכט די טרומנעסדיקע

*) „סטאַראָוועדן“ — אַלטגלויביקע. (איב.)

עשירות, מ'האָט זיך צוגעמאָסטן צו די טרומנעס און דערנאָך זיי אַוועקגעשטעלט אין די פּאָרהויזער אויף אַ אָנזעעוודיקן אָרט, — ביי וועמען צוויי, ביי וועמען דריי. אויפן פּראָסט זענען די שנייען בלאָ געוואָרן מיט דער טויטער ווינטער-בלאָקייט, די הייזער האָבן אויפגעלויכטן מיט קינעלעך, פון הינטן האָבן גענומען סקריפּען טויערן און טריט פון פויערטעס — טריט צו די שטאַלן נאָך היי פאַר די בהמות אויף ביינאַכט. — ניקאָנאָווס ווייב האָט גערופן די קירזשאַקן צו זיך. ערנסט, אָן הלצות, האָבן די קירזשאַקן פאַרקויפט די טרומנעס — אָבער אין שטוב, אויסשפּאַנענדיק די פערד, ביים טיי, אויסטוענדיק די שטיוול, פאַנאַנדערשפּילענדיק זיך — האָבן די קירזשאַקן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פריילעכע געסט, קאַטאָוועס-טרייבער, כל-בוניקעס. דער באַלעבעס ניקאָן באָריסיטש, דער דאָרפישער פאָרזיצער, מיט אַ באָרד פון די אויגן אָן, איז געזעסן ביים שיין, געשפּאָלטן קינעלעך, זיי אַריינגעשטעלט איינע נאָך דער אַנדערער אין האַלטער איבער דער קאָריטע, מכבד געווען די ליבע געסט און געשמועסט.

— איצט, פונדעסטוועגן, זענען מיר אַליין, איינע אַליין... שטאַרבסט, און די טרומנע — אָט-אָ, אויף יאַגד פאַרן, די הינט נישט קאָרמענען... אַ בונט, פונדעסטוועגן, איז אַ צייט אַ שרעקלעכע, אַ מהומהדיקע. די ראַטן-מאַכט — אַ סוף, הייסט עס, צו די שטעט... אונזערע אָט, קלייבן זיך נאָך זאַלץ קיין סאָל-וויטשעגאָדסק...

די ניקאָנאָווע איז געזעסן ביים טיש אין אַ פּליושענער פּיגאַרקע און אין אַ לילאַ קלייד, אין אַ אַרבעסל, מיט אַ הייבל אויפן אַלטן שטייגער, מיט אַרויסשפּאַרנדיקע בריסטן, ווי אייטערס, און מיט אַ פּנים, וואָס איז קוואַיש דיק, און געהעבט. — דאָס קינעלע האָט געברענט מיט אַ טשאַד, באַלויכטן די פויערשע בערדיקע פּנימער, אויסגעשטעלטע אַרום אין האַלב-חושך און רויך (ס'האָבן געבליצט די אויגן מיט רויטע אָפּשיינען פון רויטן קינעלע-ליכט). אויפן אויוון זענען געלעגן איינע אויף דער צווייטער אַ צענדליק פויערטעס. אין

ווינקל הינטערן אויוון, אין קוטשעמענט האָט פויל געמעקעט אַ קעלבל. פרישע זענען געקומען — זען די קירזשאַקן, די פרי־ערדיקע זענען אוועקגעגאַנגען — די טיר האָט זיך געוויקלט אין דאַמף, געטראָגן מיט קעלט.

— די איי—זנ—באַן! — זאָגט מיט דער גרעסטער פאַר־אַכטונג ניקאָן באַריסיטש. די איי—זנ—באַ—אַן, איין קלייניקייט. אַז פגרן זאָל זי!

— אַ קאַטאָרגע אַן אמתע, — האָט געענטפערט קלי־מאַנאָוו.

— מיר, אַ שטייגער, דאַרפן זי נישט האָבן, — האָט דער זיידע קאָנאָנאָוו באַשטעטיקט. — די פריצים, אַ שטייגער, דאַרפן פאָרן צו דער מאַכט, אָדער צו גאַסט. אָבער מיר זענען אַליין פאַר זיך, אַ שטייגער, אָן בורזשויעס, הייסט עס.

— די איי—זנ—באַ—אַן! — האָט געזאָגט ניקאָן באַרי־סיטש. — די איי—זנ—באַ—אַן, איין קלייניקייט... מיר האָבן געלעבט אָן איר און מיר וועלן ווייטער לעבן! אָבער — דאָ... א מאָל אין אַ יאָר בין איך אין שטאָט געפאָרן, זעט איר, אַ טאָג אויף דער סטאַציע אָפּגעשטאַנען, פינף מאָל די טאָרבע אויפגעעפנט: — „וואָס פאַראַ עסנוואַרג פירסטו דאָ, אַנישט מיט דער קאָלבע״!... מיט איין וואָרט, אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך און אַוועקגעפאָרן... סטאָפּ! — „ס׳אַראַ מאַנדאַט האָסטו, ווייז!״

— וואָס בין איך, אַ פרוי צי וואָס? געוויזן דאָס פּאַ־פּירל. אין כעס געוואָרן. אַזוי און אַזוי אין אייער מאַמען, זאָג איך, חברה פיר איך אין דער רויטער אַרמיי, די בורזשו־יעס שלאָגן, איין קלייניקייט! איך, זאָג איר, — מיר זענען פאַר די באָלשעוויקעס, פאַר די ראַטן, און איר זענט מן הסתּם קאָמוניסטן?!... און גענומען דעקן... נאָך אַלעמען אַ פּאַר־דרוס...

באַלד, מאַט טליעט דאָס קינעלע, ס׳טליען די פענסטער־לעך פון ניקאָנאָווס כאַטע, דאָס דאָרף שלאָפט מיט אַ נאַכטיקן שלאָף, עס קערט מיט ווייסע שנייען די ווייסע זאַווערוכע, דער הימל איז כמורנע. אין שטוב, אין האַלב־חושך, אַרום קינעלע,

אין מאַכאָרקע-רויך, זיצן פויערים, מיט בערד פון די אויגן אָן (ס'בליצן די אויגן מיט רויטע אָפשיינען). די מאַכאָרקע רויכערט, אין די ווינקלען טליען רויטע פייערלעך, עס קריכן אַרום אין רויך די בעלקעס פון פולאַפ. ס'איז שטיקעדיק, ס'איז הייס אין די לייבער פון די פויערטעס אויפן אויוון די אויהן-פליי. און ניקאָן באָריסיטש רעדט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט:

— קאָמו—נעסטן!... — און מיט אַ ענערגישן זשעסט (מיט אויגן, וואָס האָבן אַ בליץ געטאָן אין קינעלע): — מיר שטייען פאַר די באָלשעוויקעס, פאַר די ראַטן, ס'זאָל זיין אויף אונזער שטייגער, ראַסייאיש. זיך אויסגעדינט ביי די פריצים — און געבוג, ראַסייאיש, אויף אונזער שטייגער, אַליין!

— איין זאַך, אַ שטייגער, אַרט אונז נישט — דאָס זאָגט דער ריידע קאָנאָנאָוו. — זאָל זיין. און די פאַבריקישע וועלן מיר אויך — ס'מאַכט נישט אויס — צונעמען, זאָלן זיי מיט די מוידן פאַרבריינגען, אַ שטייגער, שטעלן חופות, אָן חרפות, די, וועלכע האָבן אַ פאַך אין האַנט. און די פריצים — אַ סוף מאַכן מיט דעם, אַ שטייגער...

די חתונה.

ווינטער. דעצעמבער. די קריסטוס-וואָך.

אַ וועלדל. די בוימער, פאַרוויקלט אין פראָסט און שניי, בליצן אויף מיט בלאָע דימענטן. אין בין-השמשות שרייט דער לעצטער גימפל, מיט אַ ביינערנעם קלאַפער טרעשטשעט די סראָקע. און ס'איז שטיל. ס'ליגן אומגעוואָרפן ריזיקע סאָס-נעס, און די צווייגן ליגן ווי פאַנטאַסטישע טעפיכער. צווישן די בוימער אין דער בלאָער טריבקייט, ווי צוקער-פאַפיר, קריכט די נאַכט. מיט אַ דראָבנעם נישט געאיילטן לויף שפרינגט אַדורך אַ האָז. דער הימל אינדערהויך — בלאָע פיצלעך צווישן בוימער-שפיצן מיט ווייסע שטערנס. אַרום און אַרום שטייען, באַגאַלטענע פון הימל, נאָדל-יאַגדעס און ערנסטע יעגליבעס, צוגריפגעפלאָכטענע, פאַרפלאָנטערטע מיט זייערע דינע צוויי-

לעך. גלייכמעסיק און אימהדיק לויפט אָן דער וואַלד־געראַיש די געלע קלעצער זענען שטום. ווי אַ קויל הויבט זיך אויף די לבנה איבערן ווייטן ראַנד פון וואַלד. און ס׳איז נאַכט. דער הימל איז נידעריק, די לבנה — רויט. דער וואַלד שטייט, ריכטיק ווי שווערע זיילן, געשמידטע מיט אייזן. דער ווינט הודיעט און ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס רוישן פאַרזשאַווערטע ריגלען. אין לבנה־טריבקייט ליגן פאַנטאַסטיש די אָפּגעהאַקטע צווייגן פון די איינגעלייגטע סאָסנעס — וואָס זעען אויס ווי גיגאַנטישע נאָדלערס, מיט פינסטער־אויפגעשטעלטע צווייגן־שטעכערס. נאַכט.

און דאַן, צווישן די נאָדלער־סאָסנעס, אויפן ווייטן עק וואַלד, אין לבנה־שיין האָט גענומען וואָיען אַ וואָלף, און די וועלף שפּילן זייער חיהשע קריסטוס־וואָך. אַ וועלפּישע חתונה. פּויל און מיד האָט זיך צעריטשעט אַ צויג, מיט הייסע צינגער האָבן די זכרים אַ לעק געטאָן דעם שניי. די יונגע קוקן שטרענג און קרום. וועלף שפּילן זיך, שפּרינגען, קייקלען זיך אין שניי אין לבנה־שיין, אין פראָסט. און דער פירער וואָיעט, וואָיעט, וואָיעט.

נאַכט. און איבערן דאָרף — אין דער קריסטוס־וואָך, ביי וואָרזאַגונגען, ביי פּלוידערייען, אין פראָסט, ביים רוען, פאַר די חתונות — טראָגט זיך דאָס טראָציקע ליד:

טשי—ווי—לי, טאַ—ראַ—בעם!
ווענען דו ווילסט—נעם! —

און מיט אַ טרויעריקן ניגון, אין נאָמען פון מיידלשער צניעות, דורך טרערן, דאָס מיידלשע:

ס׳האָט נישט געהאָפט די מוטער די קינדער אַרויספּטרן־
האָט מיך די מוטער אַרויסגעפּטרט אין איין־איינצי־
קע שעה,
אין איין־איינציקע שעה, אין אַ פרעמדע שטוב.
האָט די מוטער פאַרזאָגט זיבן יאָר זיך נישט ווייזן.

נישט געווען ביי דער מוטער אַקוראַט דריי יאָר.
אויפן פערטן זומער וועל איך ווי אַ פויגעלע קומען
צופליען,

כ'וועל זיך זעצן ביים פאָטער אין גריגעם גאָרטן,
דעם פאָטערס גאָרטן דעם גאַנצן מיט טרערן פּאַרגיסן,
אויף דער לייבלעכער מוטער און אומעט אָניאָגן.
גייט אַרום מיין מוטער איבער דער נייער פּארהויז,
רופט צונויף אירע קינדערלעך-נאַכטיגאַלעכלעך:
— „שטייט אויף איר קינדערלעך-נאַכטיגאַלעכלעך,
און וועט זינגט עס דאָרט טרויעריק אין גאָרטן אין
אונזערן,
צי נישט אַמאָל מיין ביטערע פון פרעמדן קאַנט?"
דער ערשטער ברודער זאָגט: — „כ'וועל גיין טאָן אַ
בליק".

דער צווייטער ברודער זאָגט: — „כ'וועל אָנלאָדן די
ביקס".

דער דריטער ברודער זאָגט: — „כ'וועל גיין דער-
שיסן"

דער יינגסטער ברודער זאָגט: — „כ'וועל גיין באַשיצן"

אויפן דאַך — אַ דאַך-קאַם; אויפן דאַך-קאַם — אַ טויב;
דער חופּה-לייַלעך, די ציכלעך און האַנטעכער — אויסגעניייט
מיט בלומען, גראָזן, פויגלען: — און די חתונה קומט פאָר,
ווי דער דין הייסט, אויסגענייט מיט לידער, ריטם, יאָר-
הונדערטער און מנהגים.

דער סדר. ביים קין-האַלטער דער זקן; עס ברענט אַ
קינעלע, אונטער די הייליקע בילדער אוליאַנאַ מאַקאַראָווגאַ —
אין ווייסע קליידער אַ פּלה, אויפן טיש אַ סאַמאָוואַר, כּבוד.
אַרום טיש — געסט: אַלעקסיי סעמיאָניטש מיט זיינע מחותּנים
און מחותּנעסטעס.

— עסט, געסט טייערע, צוגעפּאַרענע, — דאָס זאָגט דער
אַלטער, שטרענג.

— עסט, געסט טייערע, צוגעפאָרענע, — דאָס זאָגט די מוטער, מיט שרעק און צארטקייט.

— עסט, געסט טייערע, לעקסיי סעמיאָניטש, — דאָס זאָגט אוליאנאַ מאַקאַראָוונאַ, מיט אַן איבערגעהאַקט קול.

— האָסטו נישט געהוליעט, אוליאַנאַ מאַקאַראָוונאַ, מיט אנדערע יונגען, האָסטו נישט געזינדיקט, איז אייער טעצעלע נישט קיין צעבראָכנס?

— ניין, לעקסיי סעמיאָניטש... אַן ערלעכע בין איך...

— און מיט וואָס, עלטערן ליבע, באַשענקט איר די טאָכטער אייערע?

— מיר באַשענקען זי מיט דער ברכה פון טאַטע-מאַמע, — מיטן הייליקן בילד פון דער קאַזאַנער...

און אַ חתונה קומט פאָר אין טשאָרניע רעטשקי, פון דור-דורות, ווי אַ גאָטעס-דינסט, — אין שטרויענע כאַטקעס, אונטער הויף-דעכלעך, אויפן גאַס, איבער פעלדער, צווישן וועלדער, אין זאַווערוכעס, אין טעג, אין נעכט: זי קלינגט פון לידער און גלעקלעך, זי יורעט מיט הירזש-ביר, אַ באַמאָלטע, אַ באַצירטע, ווי דער דאַך-קאַם אויפן דאַך, — אין אָוונטן בלאָע — ווי צוקער-פּאַפּיר, — קאַפּיטל אַזאַ און אַזאַ פון מנהגים-בוך, ערשטער פּערז און ווייטער.

פּערז I. ווען דער משכון איז שוין גענומען, די שטוב—באַטראַכט, דער אויסשטייער גרייט, און ס'איז אָנגעקומען דער „דעווישניק״ *), דאַן ברענגט מען צום חתן דעם נדן, וועלכן דער חתן קויפט אויס, און די מחותנים באַצירן די בעט מיט ליילעכער און קישנס פון נדן, און דאָ באַשטימט מען דעם טאָג פון דער חתונה.

פּערז II.

פּערז III.

אַי, מאַמע, מאַמע מיינע!

צו וואָס מאַכסטו מיך חתונה?

*) דער אָוונט ווען די חברטעס זעגענען זיך מיט דער כלה. (איב.)

כ׳וועל נישט שלאָפן מיט מיין ווייב, —
ווו וועסטו זי אַהינטאָן??

— איז אַוועק אַ טאַנץ, אַזש די פּיע־טעס אָפּגעפּאַלן,
מיידלעך, ווייבלעך נעמען לאַכן — שיר זיך אָפּגעקעלבט!..
טשו—או! או! אַאַאַ! — טאַנצט די שטיבל, ווי אַ ווייבל, אי מיטן הינטן, אי מיטן פאָרנט, קוויטשעט אין הימל אַריין.

— צי קען דאָס יונגע ווייבל אַ קוימען עפענען?
— צי קען דאָס יונגע ווייבל גאַרבן בינדן?
— צי קען דער סאָלאָוויי אַ נעסט בויען?
— מענטשן זענען זיי באַלעבאַטישע, געלט דאַרפן זיי. פאַרשעמט נישט דעם טרינקען און עסן און געלט געבן טוט נישט פאַרגעסן.
— מעסט אָפּ לייוונט צוואַנציק אַרשין!

אואואו! אַאַאַ! אָאָאָ! איאיאי! אין שטוב קען מען דעם אָטעם נישט אָפּכאַפּן. אין שטוב איז אַ שמחה. אין שטוב שטייט אַ געשריי, עסגוואַרג און געטראַנקען, — אַ—איאיך!.. — און פון שטוב לויפט מען אונטערן הויף־דעכל אָפּאָטעמען, דעם שוויס אָפּווישן, צענויפנעמען די געדאַנקען, קומען צו די כוחות. —

— גאַכט. די שטערנס ציטערן פול אין פראָסט. אונטערן הויף־דעכל, אין חושך שמעקט מיט מיסט, מיט בהמהשער וואַרימקייט. שטיל. צייטנווייז בלויז זיפצט אָפּ אַ בהמה. און יעדע פערטל שעה קומט צוגיין מיט אַ לאַמטערן דעם יונגן אַלעקסיי סעמיאָניטשעס אַלטע מאַמע — אַ קוק טאָן צו דער קו. די קו ליגט רואיק, דעם קאָפּ פאַרנאָרעט אין שטרוי. דאָס וואַסער איז נאָך נעכטן אָפּגעגאַנגען, אָט אָט וועט זי געבוירן. די אַלטע קוקט מיט זאָרג, שאָקלט דעם קאָפּ מיט אַ פאָרוואורף, צלמט איבער די קו: — שוין צייט, שוין צייט, מיין קיעלע! און די קו שטרענגט זיך אָן. די אַלטע עפנט — לויט אַן אור־אַלטן גלויבן — דעם הינטערשטן טויער, עס זאָל זיין פריי די לופט. הינטער די טויערן — אַ פוסטער קאַרשן־גאָרטן, פונדערווייטנס — שטאַלן, און די וועג צום שטאַל — פול מיט היי,

באַוויכט מיט פראָסט. און פון דער פינסטערניש אַרויס רעדט דער זיידע:

— איך קוק זשיך טשו, איך קוק זשיך טשו—איך זשע. נאָך יעגאָר פּאָליקאַרפּיטשן דאַרף מען גיין, נאָך יעגאָרקען — דעם איינאָזיגיקן זשנאַכאַר. עס מאַטערט זשיך די קו, זשי מאַטערט זשיך, די קו, די דאָזשיקע.

— לויף, זיידעשי, לויף טייערער...

— וואָס שייך! איך וועל צולויפן. און די היט אָפּ. א פראָשט.

אונטערן הויף-דעכל איז פינסטער, וואַרים. טיף זיפצט אָפּ די קו און מוקעט. די אַלטע לייכט צו — צוויי קאָפּיטעס שטעקן אַרויס... די אַלטע צלמט זיך און מורמלט... און דער זיידע לויפט מיטן פעלד, צום וואַלד, צו יעגאָרקען. דער זיידע איז אַלט, דער זיידע ווייס, אַז אויב ווערט נישט אַראָפּגיין פון גלייכן שטעג, וועט נישט טשעפּען דער וואָלף, איצט שוין באָכן פּאָרן זיך און א בייזער. — אויפן שטרוי אונטערן הויף-דעכל מוקעט און בריקעט זיך א נאַס קעלבל. די לאַמטערן ברענט שוואַך. באַלויכט פלעקענער, איבערצוימונגען, הינער אונטערן דאַך, שעפסן אין קוטשע. אויפן הויף הערשט שטילקייט, מנוחה, און די שטוב רוישט, זינגט, טאַנצט אויף אַלע אופנים און טענער. —

— און פון די מנהגים-ביכער:

פערז 13. און ווען מ׳פאָרט אַוועק אין מאָרגן-פראָסט, און די געסט צוגייען זיך, און אין שטוב בלייבן בלויז די מוטער פון חתן און די מחותנעסטעס, טוען די מחותנעסטעס אויס די כלה און לייגן זי אויף דער חופה-בעט, און אַליין לייגן זיי זיך אויבן אויוון. און דער מאַן קומט צו זיין יונגן ווייב. און לייגט זיך לעבן איר אויף דער בעט און דער מאַן פאַרזייט זיין ווייב. און דאָס זעען צו די מוטער און מחותנעסטעס און צלמען זיך.

פערז 14. און צומאָרגנס אויפן צווייטן טאָג פירן אַרויס — די מוטער און די מחותנעסטעס — דאָס יונגע ווייבל

אויפן הויף, און וואַשן זי אַרום מיט וואַרים וואַסער, און נאָכן אַרומוואַשן גיבן זיי צו טרינקען דאָס וואַסער זייערע בהמות: די קי, די פערד און די שעפסן. און די יונגע פּאָר פּאָרט אַרום איבערן דאָרף און מ׳זינגט זיי שענדלעכע לידער. —

— אַ וואַלד. די ביימער — איינגעהילט אין פראָסט און שניי, — שטייען אומבאַוועגלעך. צווישן די ביימער, אין גרויער טריבקייט, ברעכנדיק מיט אַ קנאַק צווייגן, לויפט דער ווייסער זיידעשי, און אין דער בלאָער טריבקייט, פונדערווייטנס בילט אַ וואָלף. דער טאָג איז ווייס און אומבאַוועגלעך. און אָוונט-צייט איז אַ זאַווערוכע. און מאָרגן אַ זאַווערוכע. און עס וואָיען אין דער זאַווערוכע וועלף

און אַ טריפּטיך, צום סוף.

דער טאָג איז ווייס און אומבאַוועגלעך. און אָוונט-צייט — אַ זאַווערוכע — אַ בייזע, אַ יאַנוואַרישע. די וועלף וואָיען. —

— און דער גראָער זיידע אויפן אויוון, דער גראָער זיידע דערציילט די אייניקלעך אַ מעשהלע וועגן אַ זאַפּטיק עפּעלע: — „שפּיל, שפּיל, דודעלע, ברענג אַ טרייסט דעם ליבן פּאָטערל און מיין לייבלעכער מוטערל. מיך, דער אָרימער, האָט מען אומגעבראַכט, אין פינסטערן וואַלד דערהרגעט צוליב אַ זילבערן טעצעלע, פאַר אַ זאַפּטיק עפּעלע". די זאַווערוכע וואַרפט זיך מיט ווינטיקע לייוונטן, שיט מיט שנייאיקן שטויב, מיט טריבקייט, מיט קעלט. ס׳איז וואַרים אויפן אויוון, און דער מעשהלע, אין די לייז, אין די שווייסיקע קערפּערס: — „וועק מיך אויף, פּאָטערל, פון שווערן שלאָף, קריג פאַר מיר מים-חיים". „און געקומען איז ער אין וואַלד אַריין, צעגראָבן די ערד אויף אַ בלומיק בערגל און באַגאָסן דעם ראָר-שטעקעלע מיט מים-חיים. און זיין טאָכטער, פון אומבאַשרייבלעכער שיינקייט, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון לאַנגן שלאָף". — „איוואַן צאַרעוויטש, פאַרוואָס האָסטו פאַרברענט מיין הויט די זשאַבישע, — פאַרוואָס?"

— דער וואַלד שטייט אַ שטרענגער, ווי זיילן, און חי-
אַ מכשפה וואַרפט זיך אויף אים די זאַווערוכע. נאַכט. צי-
דען איז נישט וועגן וואַלד און וועגן דער זאַווערוכע פאַר-
פאַסט געוואָרן די בילינע וועגן דעם, ווי אַזוי עס זענען גע-
שטאָרבן די העלדן? אַלץ נייע און נייע זאַווערוכישע מכשפות
וואַרפן זיך אויף די וואַלד-זיילן, וואָיען, קוויטשען, שרייען,
רעווען ווי ווייבער אין צאָרן, פאַלן געפּייגערטע, און ס'לויפן
נאָך זיי אַלץ נייע און נייע מכשפות, קומען נישט אָפּ, קומען
צו, ווי די קעפּ פון שלאַנג — צוויי פאַר איין אָפּגעהאַקטן —
און דער וואַלד שטייט, ווי איליאַ-מוראָמעץ — *).

קאָלאָמנאַ.

ניקאָלאַ נאַ פּאָסאַדיאַך.

25 דעצעמבער אַלטן סטיל 1920 יאָר.

---

*) לעגענדאַרער ריז פון רוסישן עפּאָס. (איב.)

אינהאַלט:

זייט

באָריס פּילניאַק — — — — — — I—VIII

אַריינפיר:

די שטאָט אָרדינין — — — — 3
קיטאַי־גאָראָד — — — — — 22

דער ספור־המעשה:

קאַפּיטל I.
דאָ פאַרקויפט מען פּעמאַדאָרן — — — 25
אַלענקאַ קונץ און דער מאַנדאַט — — 30
פּענטאַגראַממאַ אָדער דער מאַסאָנישער צייכן 35
דער טויט פון אַלטן אַרכיפּאָוו — — 45

קאַפּיטל II. דאָס הויז פון די אָרדינינס
אָן אַ נאָמען — — — — — — 54
צוויי שמועסן. זקנים — — — — 78
אויפקני־פּונגען — — — — — 91

קאַפּיטל III. וועגן פרייהייטן
מיט אַנדרעיס אויגן — — — — 96
מיט נאַטאַליאַס אויגן — — — — 111
מיט אירינאַס אויגן — — — — 134

קאַפּיטל IV. וועמען — טאַטאַרן,
און וועמען — ליאַטאָרן
די פּראָווינץ, פאַרשטייט איר מיר.
שטאָטישע טאַטאַרן 141
דער מאָנאַסטיר וווּעדעניע נאַ־גאָרע — 152
אַ שרפה — ליאַטאָרן — — — — 160

זײַט

קאַפּיטל V. טויטן. ערשטער טריפּטיך.

166 דער טויט פון דער קאָמונע — — —
173 דאָס ערשטע אָפּשטאַרבן — — —
185 די דריטע טייל פון טריפּטיך (די טונקלסטע)

קאַפּיטל VI. דאָס פאַרלעצטע. באָלשעוויקעס, צווייטער טריפּטיך

207 לעדערנע קורטקעס — — — —
212 קיטאַי-גאָראָד — — — —
217 די דריטע טייל פון טריפּטיך (די ליכטיקסטע)

קאַפּיטל VII. דאָס לעצטע, אָן אַ נאָמען

עפּילאָג:

דריטער טריפּטיך, איוואַן-דאַ-מאַריאַ.

223 כשוף-שפּרוכן — — — — —
231 שמועסן — — — — — —
235 די חתונה — — — — — —
241 אָן אַ טריפּטיך, צום סוף — — —

OF SASKATOON
JEWISH CULT
OF SASKATC